STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03221

GOYROLES

Shlomo Warzager

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. וואַרזאַגער

*

גורלות



שלמה ווארצאגער

שלמה וואַרזאַגער

גורלות

פאַרלאַג „המנורה״, תל-אביב
תשכ״ז — 1967

ש. וואַרזאַגער

גורלות

פאַרלאַג „המנורה״, רח׳ זנגביל 24, תל־אביב, ישראל.
„Hamenora" Publishing House, 24, Zangwill St., Tel Aviv, Israel

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף

פון יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל

©
אַלע רעכט פאַרזיכערט

נדפס בישראל תשכ״ז
Printed in Israel 1967

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טלפון 32062

צום אייביקן אָנדענק פון

ישראל דוד ז״ל

מאַן פון זשוליעט עדעלשטיין, פּאַריז

עפּעס איז דאָ ערב־טאָגיק:
טונקלעניש מיט העל פאַרמישט.
דער טאָג איז דאָ אי גרינג, אי וואָגיק,
דער חלום — פּאָסנע ברויט אויף טיש.

די פרייד איז יונג דאָ, ניי און ז׳איז פאַרשלאָגן
מיט אַ טרויער שטילן — טריט נאָך אַ לויה:
אַ זון, ווי אלישע איבער קינד, לייגט זיך אויפן וואָגן
מתים. און איז מיט אָטעם הייסן זיי מחיה.

צוזאַמענדיקע איז אַ יעדער דאָ באַזונדער.
טראָגט זיין טרויער ווי אַ קרוין. דער גרויל איז
שמעלץ דאָ, אונטער טריט פון ווונד און וווּנדער —
טריט ערב־טאָגיקע פון גורלות.

קאַפּיטל איינס

1

מרים האָט געזען ווען איר זינאַ גייט אַרויס פון שטוב, ווען זי קומט אַהיים. און איר פוצן זיך? אירע סטרויען, שעהן לאַנג פאַרן שפּיגל שטיין?

ניין. אַזוי גייט מען נישט צו קיין אַרבעט. אַזוי שפּעט קומט מען פון קיין אַרבעט נישט אַהיים. זי וועט אַריבער־גיין אין משרד צו איר באַלעבאַס, צו אדון בראַוומאַן. זי וויל מיט אים רעדן. אפשר ווייסט ער עפּעס. זיכער קען ער דעם פאַרשוין, מאַרסעלן, וואָס שלעפּט זיך נאָך איר קינד ווי אַ שאָטן.

און אפשר פריער מיט כוכבן אַ שמועס טאָן? עס איז דאָך זיין פּראָטעקציע. זיין באַקאַנטער, אדון בראַוומאַן. פאַר וואָס האָט ער איר אַ טובה געטאָן, כוכב? פאַר וואָס טרעפט ער איר תמיד „צופעליק״ צו דער אַרבעט גיין? שפּעט ביי־נאַכט — פון דער אַרבעט אַהיים? — תמיד רעדט ער וועגן זיין עלנד בחוריש לעבן. געזעגנט זיך מיט אַ שמייכעלע, אַ נישט דרייסטס:

— פאַר וואָס זעט מען אייך אַזוי ווייניק?

אָבער אַ זכרון האָט כוכב גאָר אַ גוטן. ער געדענקט. וויל, אַז אויך מרים זאָל נישט פאַרגעסן: ער האָט איר דאָך

געהאָלפן די קלײנע זעלדעלע אַרײַנגעבן אין אַ מוסד. נאָך דעם, װען זי איז אַרײַן אין שכון, האָט ער איר געעצהט זעלדעלען אַרױסנעמען פון מוסד און פאַר איר געשאַפן די אַרבעט בײַ בראַװמאַנען.

„אין דבר. זי מעג אַרבעטן, די קלײנע: העלפן צאָלן חובות, משכנתא".

כוכב האָט גוט געדענקט, װאָס מרים האָט אים דע־מאָלט דערצײלט:

„מישאַ, איר מאַן, איז מאָביליזירט געװאָרן אין דער רױטער אַרמײ: אַװעק און נישט צוריקגעקומען. זי מיט אַ קינד בײַ דער האַנט, בײַם דײַטש — איז געבליבן לעבן".

איז זי, הײסט עס, אים, כוכבן, אױך עפּעס שולדיק. נאָך אַ חוב. — װען, װי אַזױ װעט זי דאָס אַלץ אָפּצאָלן?

הלװאי װאָלט זי דאָס פינצטערע מקום, דעם בוסטרוס* נישט דערקענט.

*

װינקלדיק פון בוסטרוס, אין אַ קלײן טונקל געסל, איז דער משרד פון אדון בראַװמאַן. ס'ביוראָ איז אַ לאַנגע שמאָלע נישע מיט אַ הױכער געװעלבונג. אַ ברײטער גזימס, אױך אַן אױסגעװעלבטער, טײלט איבער די לענג אױף צװײ. די פאָדערשטע איז אַן אױפנעמצימער. די צװײטע העלפט — אױף שליסן קאָנטראַקטן, הלװאה־טראַנזאַקציעס. פון יע־נער זײַט גזימס איז פינצטערלעך. תמיד ברענט אַן עלעקטריש לעמפּל.

די זון קומט אַהין אַרײַן נאָכן פאַרלאָזן די געסלעך. די מיטאָג־ליכט פאַלט שיעף און פאַרשאָטנט. פריער פאַלט

---

* די הױפּט־גאַס אין יפו.

זי אויף די טירן. פון די טירן — אַ בליק אַריין אינעווייניק, אַ דראַפּע זיך אויף די קרומע ווענט — און אַנטלויפֿט.

רעכטס פון בוסטרוס, נענטער צום ים, פאַרהייבט זיך אַ ליידיקער, גרויסער שטח — „שטח הגדול". דאָס איז אַ שטיק פעלד, שטייניק און זאַמדיק, ערטערווייז — באַגראָזט. גרויע, טונקעלע אויסהוילונגען און גריבער. פון דער ווייטנס זעט מען אַ פייגנבוים, עטלעכע אָפּגעדאַרטע איילבירטן־ביימלעך, קאַקטוסן, אַ שטאַם פון אַן איבערגעבראָכענער פּאַלמע, בענק. אַן אַלט הויז מיט דורכגעשאָסענע ווענט סטאַרטשעט אַרויס. אַרום הויז — צוזאַמענגעפאַלענע פּישער־שטיבלעך.

2

די ערשטע וואָך פון זינאַס קומען אין משרד אַריין, האָט זיך מאַרסעל געדרייט אין דרויסן פאַר די אָפענע טירן. אַ הויכער, אַ ביינִיקער, אַ קאָפּ שוואַרצע, גלאַט־פּאַרקעמטע האָר. שוואַרצע אויגן. דינע וואָנסיקלעך. אַ פּאַ־פּיראָסל אין מויל.

זינאַ האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז דער בוס־טרוס, גאַנץ יפו, קען מאַרסעלן. אַלע טאָג טראָגט ער אַנדערע אויבערהעמדער. קאָליריקע הויזן — שמאָלע, געפּאַסטע צו זיינע לאַנגע פיס. אַ רינג מיט אַ גרויסן שטיין בלישטשעט אַראָפּ פון קליינעם פינגער.

איין מאָל צום אַהיימגיין, האָט ער וווילעריש זיך אַ וואַקל געטאָן צו זינאַן:

— ווי רופט מען דיך, קעצעלע?

— מען רופט מיך נישט.

— גייסט אַליין?
זי האָט אים אַרויסגעשטעקט אַ צונג.
נאָך דעם האָט ער זיך אָפּטער באַוויזן אין משרד*. אַריינ־געקומען און אַוועקגעזעצט זיך. פאַררויכערט. דערלאַנגט איר דאָס אָפענע שאַכטל:
— בבקשה.
— אַ דאַנק.
— רויכערסט נישט?
— ניין.
— פאַר וואָס אַזאַ זויער פּנים?
ער האָט בשעת מעשה אַ זייטיקלעכן בליק געוואָרפן אויפן שלאַנקן מיידלישן געשטאַלט אין אויסגעפּאַסטן טרי־קאָ־קליידל, אויף די היפּשע בריסטלעך און בלאָנדן גזשיור־קעלע איבער די עטוואָס צוגעריסעוועטע ברעמענבויגנס, און ווי סתּם אַזוי געזאָגט:
— מותּק של בחורה: אַ מאַנעקין פון אַ פּאַריזער שוי־פענצטער. וואָס טוט זי דאָ אין דער טונקעלער נישע?
זינאַן האָט שטאַרק פאַרדראָסן אויפן בחורס חוצפּה: אויפן בייזן אָפּלאַכערישן גלענצל אין די שוואַרצע אויגן. געשראָקן און געמאַניעט האָט איר דאָס פרעכע געלעכטערל. די ווייסע, געזונטע ציין פון אונטערן דינעם, אָפענעם מויל־שניט. און די רייד, די גראָבע, חניפהדיקע, צודרינגלעכע?
— וואָס וויל ער, וואָס מיינט ער מיט זיך — האָט זי אים געוואָלט פרעגן און נישט געפרעגט.
ער גענאַרט, ער זאָגט ליגן — האָט זינאַ געטראַכט. אָבער הנאה געטאָן האָט עס איר פונדעסטוועגן. זי האָט ליב געהאַט נאָכטראַכטן נאָך זיינע רייד. נישט געדענקט ווען,

* ביוראָ.

ווי אַזוי זי אַליין האָט אָנגעהויבן באַוווּנדערן די שיינקייט פון איר גוף און דעם סוד וואָס ער טראָגט אין זיך.

— יאָ. זי געפעלט. זי איז „עפּעס".

אַ האַלב אויסגעטוענע, אַ נאַקעטע, פלעגט זי פאַרן שלאָפן גיין לאַנג שטיין פאַרן שאַפע־שפּיגל. באַטראַכט די ליניעס פון אירע פיס, דינע, פיין־געפאָרעמטע, די שענקלען, די בריסטלעך, אויפגייענדיקע, גלוסטנדיקע.

אַ פרוי. אַ פרויענגעשטאַלט האָט זיך געטאָפּלט אין שפּיגל.

דאָס האָט איר אָנגעפילט מיט זיכערקייט, מיט שרעק און מיט אַ קראַפט: מיט בושה און מיט מתיקות.

אַ פאַרשטראָמטע פון נייע געפילן, וועלונגען אומקלאָ־רע און אַ נייגער — האָט איר האַרץ האַסטיקער, אומרואי־קער גענומען קלאַפן בעת זי האָט זיך דערמאָנט אין מאַר־סעלן. אַ זיס־סמיקן סוד האָט זי געטראָגן אונטערן האַרץ.

זינאַ האָט באַדאַרפט פאַר עמעצן רעדן. פאַר וועמען? קיין חברטאָרינס האָט זי נישט. די מאַמע? די מאַמע האָט זי נישט ליב. שווייגט תמיד. און אַז זי רעדט, זענען אירע רייד קורצע, אָפּגעהאַקטע, אומגעדולדיקע.

אַז מאַרסעל וועט קומען אין משרד אַריין — האָט זי באַשלאָסן — וועט זי אים פרעגן: — וואָס וויל ער פון איר? וואָס דרייט ער אַ קאָפּ?

מאַרסעל האָט גראָד נאָך דעם אויפגעהערט קומען. אַ וואָך צוויי זיך נישט געוויזן אין משרד. ער'ט איר לאָזן לויפן. זי וועט זיך דערוויל אויסקאָכן אין אייגענעם „מרק". ס'איז יונג פלייש. ס'קאָכט זיך שנעל. אַהאָ, ער קען זיי, די תינוקעלעך... ער לאָזט זיי אַריין אַ זשוק אין קאָפּ. און דער זשוק „אַרבעט" שוין פאַר אים. איטלעכס

מאָל ווען ער פֿאַרלייגט זיך אויף אַ נייער חתיכה * — פּירט ער זיך אַזוי.

אַ קאַץ שפּילט זיך מיט אַ מאָטיל. אַ שפּרינג און אַ כאַפּ אין דער לאַפּקע. אָפּגעלאָזט — און ווידער אַ כאַפּ. עס פּלאַטערט, ס׳מאָטיליקל, פֿליט, פֿליט און דרייט זיך אויף אַן אָרט. ניין. ס׳וועט שוין פֿון מאַרסעלן נישט אַוועקפֿליען.

— פֿאַר וואָס קומט ער נישט? זי וויל אים זאָגן, מאַר־סעלן, אַז ער איז אַ חוצפּן, אַ גס־רוח.**

אַז מאַרסעל האָט זיך אין דער שעה פֿון אַהיימגיין, צווישן פֿינף און זעקס פֿאַרנאַכט באַוויזן אין משרד — האָט זינאַ פֿון גרויס כעס נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. זאָל ער זען, אַז ס׳פֿאַרדריסט זי. זינאַ איז דווקא צופֿרידן, וואָס ער זעט זי זיצן אַ בייזע. זי רעדט נישט צו אים. אירע אויגן, די שיינע, בלויע, קוקן נישט אין מאַרסעלס זייט אַריין. זי איילט זיך נישט שליסן ס׳ביוראָ. זי איז אַצינד שטאַרק פֿאַר־נומען מיט אויפֿזוכן אַ נאָמען, אַ קאָנטאָ. מישט די בלעטער פֿון אַ גראָבן בוך, בייסט דעם לאַנגן נאָגל פֿון קליינעם פֿינ־גערל און קוקט נישט אין מאַרסעלס זייט אַריין.

מאַרסעל איז שוין גראָד נישט בייז. דאָס שמאָל־אַקסלדיקע מיידעלע, דאָס פֿאַרריסענע נעזעלע, דאָס עזות־דיקע, געפֿעלט אים דווקא. דאָס זייטיקע קוקעלע אירס מאַכט אַצינד מאַרסעלן אַ גוטן מצב־רוח.*** ער האָט גע־שמייכלט צו איר:

---

* קאָקעטיש מיידל.

** וווּלגאַר.

*** שטימונג.

— אַז ביסט בייז, ביסטו נאָך שענער. מותק של בחורה.*

— שווייג בעסער, שווייג!

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויסגעגאַנגען.

— זהו זה... — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט.

3

דעם אָוונט איז מאַרסעל נישט געגאַנגען צו זאָשען אין רעסטאָראַנדל, ווו ער זיצט תמיד ביי אַ קופל ביר, אַ גלעזל אַראַק. פון דאָרט זעט ער זיי, די מיידלעך — רותי און אהובה. ער זעט ווען זיי גייען אַוועק מיט עמעצן און ווען זיי קומען צוריק.

לויט די פרצופים פון די קליענטן, לויטן הולך, ווייסט ער וויפל זיי צאָלן. צי די מיידלעך ציילן אים אויס ס׳גאַנצע געלט, צי עס בלייבט נאָך עפּעס אין טעשל.

היינט איז ער אַוועק אין סינעמאַ. אַ גוטן מצב־רוח האָט ער היינט, מאַרסעל. ער שטייט ביים שפּיגל אין פּרוזדור פון סינעמאַ. ער געפעלט זיך. עס לאַכט אויף אים דאָס פּנים. די אַפּלען, די צעגלענצלטע, לאַכן צו אים פון שפּיגל אַרויס מיט אַ נצחון־פּייערל:

— ביסט אַ חברהמאַן. לאַנג וועט זי שוין נישט זיצן אין דער טונקעלער נישע: בובה, מותק של בחורה.

עס האָט געשפּילט „דער נעגער". אַ מעשה מיט אַן אָרעם נעגער־ייִנגל. די מאַמע איז פרי געשטאָרבן. דער טאַטע

* אַ זיסקייט פון אַ מיידל.

אַ שיכור און אַ קראַנקער, האָט אים אַרויסגעיאָגט פון שטוב. אָבער דער סוף איז אַ גוטער.

דאָס צווייטע מאָל גייט ער זען דעם פילם. ס׳איז אים אַ גרויס רחמנות אויף דעם ייִנגל, דעם אָרעמען, הונגעריקן. עס ווערט אים אָבער גוט, מאַרסעלן. עס טוט אים הנאה. ער ווייסט שוין, אַז דאָס ייִנגל וועט עסן צו דער זעט, ווערט רייך. ער איז אַ שטאַרקער, אַ געזונטער. אַלע האָבן מורא פאַר אים. כאָטש שלאָגן שלאָגט ער נישט. דאָס נעגער־ייִנגל לעבט מיט אַ ווייסער. פאַרברענגט מיט אַ סך ווייסע מייד־לעך.

דאָס לעבן פון ייִנגל האָט מאַרסעלן דערמאָנט אין עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים סיי טרויעריק, סיי האָפער־דיק געמאַכט. ער האָט געקוקט אויפן עקראַן און געזען האָט ער — — —

— — — אַ קליינע ליים־הייזקע אין עק שטאָט. אַרום דער הייזקע — נאַקעטע, טויטע פעלדער. דריי ברידער, על־טערע פון אים, דרייען זיך אין שטוב. דער טאַטע אַ הויכער, גרויסגופיקער, איז קיינמאָל נישט אין דער היים. קומט אַמאָל צוגיין מיט אַ ברויט אונטערן אָרעם. צעשניידט עס אויף דריי פיר חלקים. וואַרפט צו אַ פּעניצל פאַר אים, פאַר דער מאַמען. די מאַמע קאָכט אויף טיי פאַר אַלע. אָפּט פאַרפעלט ברויט. ער און די מאַמע טרינקען טיי. דער בויך ווערט אים אָנגעדראָלן און אין האַרץ נאָגט דער הונגער. ער וויינט. בעט זיך ביי דער מאַמען אַ שטיקל ברויט. זי גיט אַ טעפל טיי. ער איז הונגעריק.

— וואַרט ביז כ׳וועל קראָגן אַרבעט און קויפן עסן — זאָגט אים די מאַמע.

— פאַר וואָס טיילט נישט דער טאַטע דאָס ברויט פאַר אַלע?

— שווייג — האָט זי אים מיט דער האַנט דאָס מויל פאַרשטעלט — דאָס זענען זיינע קינדער.

— און איך וועמענס קינד בין?

— דו ביסט אונדזער קינד.

— פאַר וואָסזשע טיילט ער נישט ס'ברויט פאַר אַלע?

די מאַמע האָט געשוויגן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס די מאַמע שווייגט.

אַז ער איז אונטערגעוואָקסן, האָט ער פאַרשטאַנען.

די דריי עלטערע „ברידער" זענען דעם טאַטנס קינדער געווען בעת ער האָט חתונה געהאַט מיט דער מאַמען. ער איז תמיד צו אים געווען בייז, דער טאַטע. פאַר נישט האָרכן אים, פאַר נישט אויספירן זיינע באַפעלן — האָט ער גע־שלאָגן. געשלאָגן דער מאַמען פאַר וואָס זי האָט אים גע־בוירן.

אַ פופצניאָריק יינגל, האָט ער געהאַט אַ פנימל פון אַ קינד — קליין און מאָגער מיט אָפּגעצויגענע הויטן. ווייסע ציין און שאַרפע קינען. אַ סקעלעטן־פנימל. דאָס גופל — איינגעשרומפּן. אַ גרויסער בויך אויף דאַרע, דינע פיסלעך. אַן אָפּגעריסענער הולך. די ברידער, הויכע, גרויס־גופיקע ווי דער טאַטע — האָבן געלאַכט פון אים:

— קוק עס אָן, דאָס פרצוף: און דאָס וויל גיין מיט מיידלעך.

ער האָט מורא געהאַט פאַר די ברידער. מורא געהאַט צו לאַכן ווען דער טאַטע איז אין שטוב, ווען דער טאַטע שלאָפט.

דער טאַטע פלעגט שפּעט ביינאַכט קומען אין שטוב אַריין און שלאָפן ביזן שפּעטן טאָג.

קאַפּיטל צוויי

1

מרים האָט זיך נישט געקענט שענקען: פאַר וואָס האָט זי צו דעם דערלאָזט? „נישט געפּערלעך. נישט געפּערלעך. אויך מיר זענען געווען יונג. אויך אונדזערע עלטערן האָבן פון אונדז געליטן“.

יהודהס ווערטער. זי האָט נאָך דעמאָלט נישט גע־ווּסט, וואָס זיין מיין איז דערביי: וואָס אונטער די ווער־טער באַהאַלט זיך.

יהודה — איר באַלעבאָס. ער איז אַן אייגנטימער פון אַ חתונה־זאַל. זי איז ביי אים די הויפּט־קעלנערין. זי גע־דענקט אים פון געטאָ. דאָס ערשטע מאָל, ווען זי איז מיט זעלדעלען צו אים געקומען פרעגן אויף אַרבעט, האָט ער איר תיכף דערמאָנט די באַגעגעניש אין וואַלד. זי — און די קליינע ביי דער האַנט.

ער מיט נאָך צוויי משפחות האָבן זיך געהאַט פאַר־גרייט אַ בונקער. ער האָט זי מיט זעלדעלען אַריינגענומען. העכער פיר חדשים געלעגן אין דער באַהעלטעניש: אַ בוי־דעם איבער אַ ליידיקער דירה פון אַ צווייסטאָקיק הויז.

נאָך איין מאָל האָט ער מרימען געטראָפן אויסערן געטאָ — אַליין. זעלדעלען איז איר געלונגען אַוועקגעבן צו

אַ קריסטין — האָט זי אים דערציילט. זי איז געשפּרונגען פון וואַגאָן. ליגן געבליבן אין אַ ראָוו. געפילט אַ ווייטיק אין לינקן פוס. דערשלעפּט זיך צו אַ סטאָדאָלע. עמעצער האָט איר באַנדאַזשירט דעם פוס. אַ שיסעלע געקאָכטע קאַשע און אַ קריגל מילך איז געשטאַנען לעם איר. איינער אַן עלטערער פּויער האָט איבער איר זיך אַריבערגעבויגן און געבעטן:

— גיי, טאָכטער, פון דאַנען. וואָס גיכער גיי. ז י י וועלן הרגענען, פאַרברענען די סטאָדאָלע, די כאַטע.

זי האָט מורא געהאַט צו גיין. ס׳איז געווען טאָג. דאָס ליכט פון טאָג איז אַ שונא.

2

— גוט, זייער גוט האָט זי געטאָן, וואָס זי איז געקו־מען. ער דאַרף גראָד אַ קעלנערין. אָ, מרים, די טאָכטער פון לאה און מרדכי וויינשטיין, דער תבואה־סוחר. ער גע־דענקט איר, די בת־יחידה, די גימנאַזיסטין. ווער האָט נישט געקענט די וויינשטיינס?

דער ברייטער שמייכל אויף יהודהס פּאַרעלטערטן, מידן פּנים בעתן דערזען זי צום ערשטן מאָל, דער וואַרעמער קבלת־פּנים — האָט מרימען פונדעסטוועגן אויסגעזען צו היימיש: צופיל צוגעלאָזן און מקורבדיק אויף אַן ערשטן באַזוך — אַפילו אַזאַ איינער ווי יהודה.

ער האָט צו לאַנג געהאַלטן אויף איר זיינע קליינע לאַכנדיקע אייגעלעך בעת ער האָט גערעדט וועגן יענע טעג און ביטערע יאָרן. צו פריילעך זיך געוויצלט מיט דער „קליי־נער זעלדעלע“, וואָס איז שוין באַלד אַזוי הויך ווי די מאַמע.

— אָ, די מאַמע: אַזוי ווי מיידלווייז. זי איז אַצינד נאָך שענער, וואָלט ער געשוואוירן.

זי האָט אַ שיינעם אויסזען — האָט ער באַלד ערנסט צוגעגעבן — דער זאָל „פּאָדערט" אַ שיינעם אויסזען.

ער האָט זיך געדרייט איינער אַליין אין דער דריי־צימערדיקער דירה, וואָס איבערן חתונה־זאַל. אַ מיטל־וווקסיקער, אַ בייכלדיקער. דער דרייפערטלדיקער שטוב־ראָק האָט נאָך מער פאַררונדיקט זיינע אַראָפּגעלאָזענע אַקסלען, אים נידעריקער געמאַכט.

מרימס אויגן האָבן פון אויבן אַראָפּ אַרומגעקרייזט זיין פּליך ביזן גראָען אָנוווקס אַרום די ראַנדן קאָפּ.

מרימען זענען נישט געפעלן די שיין־צוגעקליבענע ווער־טער און די נאָכגעמאַכטע, יונגע באַוועגונגען אין יהודהס האַלטונג. היינט, דאָס לשון:

— מען איז אַליין געבליבן. אויך זי, זעט ער, איז אַליין.

— אַז מען לעבט — מאַכט ער — מוז מען זיך פונדעסט־וועגן האַלטן. אויף וואָס מ׳שטיינסגעזאָגט האָט ער צו קוקן? אויף די ליידיקע צימערן? אויפן גרויסן זאַל? געלט? יידישע עשירות איז ווי אַ בינטל שטרוי... מען האָט גאַנץ גוט געזען, האָט מען, וואָס פון יידיש האָב און גוטס איז געוואָרן.

מרים האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— זי מיינט אויך אַזוי.

געוואָלט האָט זי אָבער זאָגן:

— אסור, אויב זי ווייסט צו וואָס באַדאַרף מען די רייד. געקומען איז זי דאָך נישט מער ווי פרעגן צי נייטיקט ער זיך נישט אין אַ מענטש צו דער אַרבעט. ס׳איז איר אַפילו נישט קיין נפקא מינה וואָסער אַרבעט: אַ קעכין, אַ רוי־מערקע, אַ קעלנערין.

יענעם אָוונט איז זינאַ אַוועק מיט מאַרסעלן אין רעסטאָראַן צו כעניעקן דעם אינוואַליד.

זאָשע, כעניעקס ווייבל, האָט שוין געוווּסט: קומט מאַרסעל מיט אַ נייער חתיכה, דאַרף מען זיי לאַנג נישט לאָזן וואַרטן. זי האָט אויך געוווּסט וואָס צו שטעלן אויפן טיש: אַראַק, קאָניאַק, באַנאַנע־ליקער, שערי־ברענדי, ביר. מאַרסעלס מאכלים: סטעק, געהאַקטע לעבערלעך, פּאָמי־דאָרלעך געזיירטע, געפּרעגלטע פישלעך, גרינעם פעפער.

מאַרסעל האָט דער ערשטער צוגערוקט דעם סטעק צו זיך. אַריינגעוואָרפן אַ כוסה און אַ שניט געטאָן אַ פּאַס פלייש. ביי יעדן שניט, האָט אַ שפּראָץ געטאָן וואַרעם, פריש־פאַרגאָסן בלוט. כאָטש ס׳האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן דער ריח פון געריכערט פלייש, האָט זיך זינאַן אויס־געוויזן, אַז מאַרסעל שניידט צאַפּלדיקע שטיקער פון אַ לעבעדיקער זאַך.

זי האָט געטאָן אַ זופּ פון גלעזעלע „שערי", וואָס מאַר־סעל האָט פאַר איר אָנגעגאָסן און עס צוריק אַוועקגע־שטעלט. ער האָט עס נאָך אַמאָל אָנגעפילט, פאַרהויבן און דערלאַנגט צום מויל אַזוי, אַז ס׳האָט פון זיך אַליין אַריינ־געגאָסן זיך אין האַלדז. מאַרסעל האָט געשמייכלט פון דעם פנים וואָס זינאַ האָט געמאַכט בעתן אַריינוואַרפן ס׳גלעזעלע משקה:

— אין דבר. זי וועט זיך צוגעוויינען. ער וועט איר אויסלערנען.

זינאַן האָט געעקלט דאָס רויע שטיק רינד אין די ווײַ־סע פאַרצוקנדיקע ציין פון מאַרסעלן. זיינע אויגן האָבן גע־פינקלט. די ליפּן — פעט און פייכט. רויט און פאַרשוויצט — דער שטערן.

אויך זי האָט געפילט אַ היץ אין פנים און אַ מישעניש

אין קאָפּ. ביידע ווענט און דער נידעריקער רונדיקער סופיט פון קליינעם רעסטאָראַנדל האָבן זיך געוואַקלט. זי האָט דאָך קיין סך נישט געטרונקען, די מאכלים כמעט נישט פאַרזוכט — פאַרוואָס אַזאַ מידקייט אין די אברים? אָ, ווי שווער קומט איר אָן דאָס אויפשטעלן זיך!

*

יענעם אָוונט האָט מאַרסעל אַ סך גערעדט. אין האַרץ זיך געקלאַפּט און געשוווירן:

— בחיי אלוהים!* יאַ אַללאַ! זינאַ, אַת מותק של בחורה. קום אין סינעמאַ.

— ניין. שפּעט. די אמא וואַרט אויף מיר.

— איך האָב נישט קיין היים, קיין אמא.

— האָסט נישט קיין שטוב?

— אַ שטוב? יאָ. אָט דאָ נישט ווייט פון שטח הגדול. קום מיט מיר אין שטוב אַריין.

— ביסט משוגע?

זיי זענען געשטאַנען אין אַ טונקל ווינקל פון אַן אומ־באַלויכטן געסל, נישט ווייט פון שוק. אַ שטאַרקער ריח פון אַראַק און קאָניאַק האָט זיך געטראָגן פון מאַרסעלס מויל. ער האָט איר געהאַלטן אַ פאַרשלאָסענע אין זיינע אָרעמס. זינאַ האָט אָפּגעבויגן איר קאָפּ פון זיינעם. אַרום איר האַלדז און טאַליע האָט זי געפילט זיינע שטאַרקע הענט. זיי האַלטן איר פעסט צוגעדריקט צו זיין הייסן גוף. די ליפּן און וואָנ־סיקלעך זוכן איר פּנים, מויל און טרעפן צו איר הענטל, וואָס האַלט אים אין איין אָפּשטופּן:

---

* ווי גאָט איז מיר ליב.

— לאָז אָפּ, גיי!

— זינאַ...

— גיי פון מיר!

און געדענקט האָט זינאַ, אַז ס׳איז מיאוס און שרעק־לעך נאַריש פון איר זייט דאָס היינטיקע גיין מיט אים צו כעניעקן אין רעסטאָראַן.

זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זיינע הענט:

— אַוועק פון מיר!

— מותק...

ער האָט איר מבולבל געמאַכט מיט זיינע הייסע רייד, קושן שאַרפע, בייסיקע.

אַן איינגעקאָרטשעטע אין זיינע אָרעמס, אין אַנגסט־ווײ, אין פחד, איז זי נכנע געבליבן צו זיין גבורהדיק אַריינ־דרינגען אין איר.

*

העכער אַ יאָר זינט דעמאָלט. זי האָט קיין איין מאָל נישט קיין טראַכט געטאָן וועגן יענעם אָוונט. זי האָט נישט ליב צו טראַכטן אויף צוריק. מאַרסעל איז גוט צו איר, אַזוי גוט, אַז דער פריערדיקער פחד, האָט זיך איר אַצינד אויס־געוויזן נאַריש. אמת, ער גיט אויף איר אָפּט אַ געשריי, אַמאָל — שווייגט ער. שווייגט מיט אַ בייז געלעכטערל, וואָס לאָזט זיך אויס מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט. — קוים אָבער טוט די האַנט אַ גלעט, אַ צי צו זיך — גייט אָפּ דער פחד. אַ ליבשאַפט וועקט עס אין איר, תשוקה, וואָס דרינגט דורך איר גוף אַריין אין איר נשמה, דער עלנטער, הונגעריקער.

ס׳האָט זינאַן אויך אויפגעהערט וווּנדערן, פאַרוואָס

מאַרסעל אַרבעט נישט. נישט געוואָלט וויסן ווו נעמט ער געלט צו קויפן איר מתנות.

זינאַ ווייסט, אַז די צווי מיידלעך רותי און אהובה אַרבעטן פאַר מאַרסעלן. עס איז נישט איר עסק. דאָס געלט וואָס זי פאַרדינט ביי אדון בראַוומאַן, לאָזט ער איר. „גיב עס דער אמא אויף אָפּצאָלן חובות, משכנתא".

פאַרן געלט, וואָס ער נעמט ביי „זיי" קויפט ער איר מתנות.

מיט רותי, אהובהן שעמט ער זיך אַדורכצוגיין די גאַס. מיט איר? — ווי זי וויל. אין די שענסטע רעסטאָראַנען אויף צפון תל־אביב, אין נאַכט־לאָקאַלן, אין סינעמאַ. איינמאָל האָט ער איר אַפילו געזאָגט, אַז ער קלערט אַוועקצוּוואַרפן די פרנסה. גענוג. מען קאָן סיי ווי דערביי נישט מאַכן קיין לעבן. איבערגעטועגע שוטרים דרייען זיך דאָ ביי טאָג און ביינאַכט. ס׳פּאָליציי־קעטשל איז אַן אָפּטער גאַסט אויפן „שטח". קיין לייטישער מענטש קומט דאָ נישט אַראָפּ מער. בלויז פּושטאַקעס, לויזנפּויקערס. און די נקבות — פּעלן, חאַרה,* זבל. און אַזוי ביליק. ניין, עס איז נישט פאַר אים.

און וואָס איז יאָ פאַר אים?

לויפט ווען אַדורך אַזאַ געדאַנק אין מאַרסעלס אויס־געניכטערטן מוח — כאָטש ערנסט דערוועגן טראַכט ער קיינמאָל נישט — דערמאָנט עס אים:

מיט דריי, מיט פיר יאָר צוריק.

יום־טוב אין גאַסן. אויף די באַלקאָנען, פענצטער — ווייס־בלויע פענדלעך. אויף ככר המושבות, אין תל־אביב, האָבן זיך געזאַמלט מענטשן. מען האָט געטאַנצט אויף כרמל־גאַס, אויף אַלנבי, לענגאויס דעם גאַנצן ברעג ים. יונ־

---

* טינוף.

גע, אַלטע, מענער און פרויען האָבן זיך גענומען פאַר די הענט ווי קינדער און געטאַנצט. מען האָט זיך געקושט אין די גאַסן. אַ פּאַס ווײַן האָט עמעצער געעפנט אויפן כרמל־שוק. מען האָט געטרונקען לחיים, זיך געווונטשן:

— מזל־טוב, מזל־טוב, אַ יידישע מדינה.

— שהחיינו והקימנו והגיענו לזמן הזה.

ער מיט דער מאַמען האָבן דעמאָלט געוווינט הינטער סלמה אין אַ צריף. מען איז געגאַנגען צופוס קיין תל־אביב.

— אַ יידיש לאַנד, אַן אייגענע מדינה. חאַלאַס.* איך וועל אַרבעטן, אָנזאַמלען געלט, נעמען אַ ווייב. אויף צפון תל־אביב וועלן מיר וווינען. און איך וועל אַכטונג געבן אויף די קינדער.

אַ טאָג נאָך דעם.

אין בית־הפועל, אויפן גיוס־פּונקט ווו ער מיט נאָך עטלעכע הונדערט חברה זענען געווען, האָט ער אויף אַ וואַנט געזען אַ גרויסן אַפיש. אַ סך האָבן זיך געזאַמלט אַרום דעם אַפיש. איינער האָט געלייענט הויך אויפן קול:

„איך האָב פאַר אייך נישט קיין שכר, נישט קיין דירות, נישט קיין שפייז. איך בין אייך מבטיח שווערע און לאַנגע וועגן, הונגער, דורשט, ווונדן. נאָר דעם וואָס דאָס לעבן פון היימלאַנד איז טייער — וועט זיך אויפהייבן און גיין נאָך מיר".

מאַרסעל איז געגאַנגען.

בעת אַן אַקציע, צעשטערן אַ מיליטערישן בנין, ווערט ער פאַרווונדעט. ביינאַכט. זיין קאַמפּס־איינהייט ווערט צע־טיילט אויף צוויי. איין גרופּע באַקומט אַ באַפעל — אַריינ־

* חאַלאַס — גענוג — (אַראַביש).

דרינגען, אויפרייסן. די צווייטע — „דעקן“ אין פאַל פון אַן אָנגריף.

די פּאָזיציע־ליניע וויקלט זיך אַרום דאָרף יאַזור. אַרום צוועלף אַזייגער איז געפאַלן דער באַפעל: פּאָרויס. זיי גע־לונגט, קריכנדיק אויף די בייכער, אַריינבאַקומען זיך אין דאָרף. אין הויף, עטלעכע מעטער פון בנין, באַגעגנט זיי אַ געדיכט פייער פון אויטאָמאַטיש געווער. דאָס פייער, פילט ער, קומט פון הינטער דער פלייצע, פון די ווענט. דאָס זענען בלינדע קוילן־שאָסן פון דערשראָקענע וועכטער. פון גרויס בהלה האָבן די וועכטער אויך אָנגעהויבן שרייען. עס איז אַ וויילע שטיל געוואָרן. נאָך דעם — ווידער עטלעכע שאָסן־סעריעס. „פּאָרויס“, פאַלט אַ באַפעל. דאָס „דעק“־פייער איבער די קעפּ גיט צו קוראַזש.

דער שונא ווערט פלוצעם אַנטשוויגן. זענען זיי אַנט־לאָפן? צי איז עס אַ טריק? מען וויל אַריינגאַרן? „פּאָרויס“ — הערט ער אַ געשריי. מען איז אַריין אינעווייניק. אונטער־געלייגט דעם אויפרייס־שטאָף, געציילטע סעקונדן זיך פאַר־האַלטן — און אַרויס.

מען לויפט צוריק. הינטער די פלייצעס און איבער די קעפּ — פייער, הילכיקע אויפרייסן. אַ האָגל פון קוילן. אַ דערשראָקענער, אַ צעטומלטער האָט מאַרסעל פונדעסטוועגן דערקענט לויט דער קראַפט פון אויסשאָס און קלאַנג, אַז דאָס „שיט“ פון אַ קוילנוואַרפער פון מיטלמעסיקן קאַלי־בער.

פון אַ סך זייטן איז געקומען דאָס פייער. אומאויפהער־לעך געקלאַפּט און פאַרטויבט.

עטלעכע שעה שפּעטער האָט ער דערפילט אַ ווונד אין לינקן פוס.

און נאָך דעם?

אויף וויפל פראָנט־אָפשניטן איז ער געווען. די קאַמפּן ביי שפרעם־ראַיאָן; ביים אָפשטויסן די סיריער אין טויער פון דגניה.

ער איז געווען צווישן די ערשטע ביים באַפרייען דאָס דאָרף דשוליס.

צום סוף, אין דער ווינטער־אַקציע, אויף עודזשאַ־אל־חפיר — איז ער צום צווייטן מאָל פאַרוווּנדעט געוואָרן.

אינדערפרי. אַ רעגן האָט געגאָסן. מצרישע אַרטילעריע פון די חברון־בערג און פון די באַזעס אין אל־עריש דער־לאַנגט אָן אויפהער. עס העלפט זיי אַ גוט־געשולטע סירישע שיסער־אָפטיילונג.

יענעם אינדערפרי, בעתן אָפטרעטן פון זיין אייגהייט, איז ער פאַרוווּנדעט געוואָרן אונטער דער האַנט־לאַפּעטע.

4

מאַרסעל איז געזעסן אויף אַ גרינער באַנק אונטער אַן אַלטן סיקאָמער בוים. אויף די זאַמד־שטעגלעך צווישן גע־שוירענע גראָזן, בלומענקוסטן האָבן זיך געדרייט נאָך עט־לעכע אין ווייסע, לאַנגע שפּיטאָל־כאַלאַטן.

אייניקע האָבן שפּאַצירט נאָענט פון טויער, ביי די דראָט־פאַרצוימונגען.

תמיד טרעפט מען דרויסנדיק פון טויער עמעצן זיך דרייען. ס׳רוב יונגע פרויען, מיידלעך, מאַמעס מיט פּעקלעך אין די הענט, מיט קיישלעך. דורך די וואַד־פאַסטנס גיט מען איבער די פּעקלעך עסנוואַרג, וואַרעמע וועש, מתנות, ברי־וועלעך, גרוסן.

מאַרסעל קומט נישט צום טויער. קיינער וואַרט דאָרט

נישט אויף אים. ער דערוואַרט נישט קיינעם. אין די פערצן חדשים וואָס ער איז אין מיליטער, האָט ער געקראָגן צוויי בריוולעך פון דער מאַמען. ער האָט געבעטן לייבעלע דעם מפקד,* ער זאָל אים שרייבן ענטפער. ער האָט זיך געחתמעט. זי ווייסט, די מאַמע, אַז ער קען נישט מער ווי חתמנען.

דאָ אויף דער שפּיטאָל־באַנק האָט מען געהערט אַ סך מלחמה־נייעס. ער האָט געהערט דערציילן וועגן פאַרביסענע קאַמפן אַרום תל־עריש, חולון, יפו. אין שכונת התקוה, אין סלמה זענען נישטאָ מער קיין אַראַבער. אַ סך אַראַבער האָבן פאַרן פאַרלאָזן די שטאָט געשאָסן פון די שטובן, פון די באַ־העלטענישן.

— אָ, די מאַמע: די מאַמע איז דאָרט אַליין געבליבן.

*

מאַרסעל איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון זיין צריף. די פענצטער זענען אויסגעריסן. די טיר וואַלגערט זיך אין דרויסן. אַרום די אַלטע אַראַבישע ליים־הייזקעס, צריפים מיט אַדורכגעשאָסענע ווענט, דרייען זיך מענטשן. נייע מענ־טשן. עולים חדשים. לויט די פּנימער און פון אָנטאָן, וואָס זיי טראָגן אויף זיך — זעט ער דאָס. זיי קוקן אויף אים מיט חשד־בליקן, מיט פאַרוווּנדערונג און שרעק. האַלטן אים אַוודאי פאַר איינעם פון די, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן...

אין צווייטן הייפל, אויך אַ פאַרוואָרלאָזטס, איז גע־שטאַנען אַן אייזעלע. געגלימצערט מיט פאַרטרערטע אויגן קעגן דער זון. וויסטע מאָנאָטאָניע. געוויקסן אויסגעטריקנטע,

---

* קאָמאַנדיר.

פאַרחלשטע. פון הויפנס מיסט, פון אונטער איינגעפאַלענע לײַם־ווענט, האָט געשלאָגן אַ ריח פון פאַרטריקנטער צואה און בליעכץ פון ווילדע געוויקסן.

— ווו גייט מען די היינטיקע נאַכט איבערשלאָפן? און אויפן ערשטן אָנבייסן ווו נעמט מען?

אין סוכנות־אַמט אויף דער עליה־גאַס האָט מען שוין געקענט מאַרסעלן.

מר כוכב דער פקיד,* וואָס איז מטפל מיט זיין ענין ווייסט:

— ער איז אַ חייל משוחרר.** האָט נישט קיין דירה. נישט קיין אַרבעט. ער איז איינער. שווער מיט איינצלנע, האָט ער אים געזאָגט. איינצלנע פאַרשרייבט מען נישט אויף קיין שכון. ער וועט זיך פונדעסטוועגן באַמיען — חייל משוחרר.

כוכב איז מבטיח, הייסט קומען. איטלעכס מאָל גיט ער אים אויסצופילן אַ נייעם פראַגע־בויגן, אַ טופס. ער קוקט אים אָן, מאַרסעל, ער וויל אים פרעגן, ווי לאַנג וועט ער אים הייסן קומען אין משרד? ווי לאַנג וועט ער שלאָפן אויף אַ באַנק אין שטאָט־גאָרטן?

דאָס פנים, דאָס באַברילטע, פון פקיד איז אָבער תמיד באַשעפטיקט, האָט נישט קיין צייט, און שמייכלט:

— דיין זאַך, מאַרסעל, איז אין טיפול.*** קום אַריין די צווייטע וואָך.

עטלעכע מאָל איז ער נאָך געווען ביי כוכבן. ער האָט אים אויפגענומען אָן אַ ריי. גערעדט צו אים געדולדיקער

---

* באַאַמטער.

** אויסגעדינטער.

*** באַהאַנדלונג.

און כמעט פריינדלעך. געפרעגט אין וואָס פאַר אַן איינהייט ער איז געווען, אויף וועלכע פראָנט־אָפּשניטן. דערציילט עטלעכע טשיזבאַטן.* יאָ. אויך ער איז געווען אַ חייל. ער איז אויך געבליבן איינער פון אַ גאַנצער משפּחה. צי געדענקט ער לייבעלען דעם מפקד, מאַרסעל?

— וואָס הייסט צי ער געדענקט לייבעלען דעם מפקד?

דאָס לעצטע מאָל האָט כוכב אַראָפּגענומען אַ גראָבן פּנקס פון פּאָליצע און אים דערקלערט:

— בבקשה, זאָל ער זען, אָט זענען די פאָרשריפטן: יעדער עולה חדש האָט רעכט אויף אַ שכון אויב ער אונטערליגט אַלע דריי, אָדער, לכל הפּחות, איינעם פון די דריי פּאַראַגראַפן:

א. אַ משפּחה פון צום ווינציקסטן צוויי פּערזאָן.

ב. וווינען אין אַ בית־עולים.

ג. וואַרטן אויף זיין ריי.

ווען ער גענוג גוט, מיט אַ דאָזיקע פּאָרשריפטן און פּאַראַגראַפן, האָט ער געמאַכט, הייסט עס, דריי טעותים:

א. ער איז אַליין.

ב. ער שלאָפט אויף דער גאַס.

ג. געקומען אין לאַנד אַ ביסל צו פרי: פאַר די עולים חדשים.

נאָך דעם איז ער נאָך אונטערגעזיצן. ביידע האָבן געשוויגן. כוכב האָט אַראָפּגענומען די ברילן, אָנגעהויכט אויף די גלעזער, אויסגעווישט און צוריק אָנגעטאָן. פאַרמאַכט דעם פּנקס. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, כוכב. מאַרסעל האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעדרייט זיך פון אים און אַרויס פון צימער.

* בבא־מעשיות.

— כאַפּ זיך נאָך אַמאָל אַריין! קום אַרויף, מאַרסעל! חביבי!* אדון מאַרסעל! האַללאָ!

ער האָט נישט געהערט כוכבס קול. מאַרסעל האָט געהערט זיין אייגן קול:

— פּאַראַגראַפן... חוק... חאַרה.

*

אַ לענגלעכער, גערוימער קאָרידאָר. בענק ביי די ווענט. אַ פענצטערל מיט אַ דיקטל, וואָס רוקט זיך אַרויף און אַראָפּ — לשכת עבודה.

זאב גולני דער אַרבעטס־פּאַרטיילער געדענקט די פּני־מער פון די, וואָס קומען דאָ. דערקענט זיי לויטן קול, לויטן שוויגן, לויטן אויסשטרעקן די האַנט און נעמען פון אים דאָס צעטעלע. יעדעס צעטעלע — אַ לאָטעריע.

— זאב, ווו שיקסטו היינט?

— זאב, פאַרוואָס נאָר אויף דריי טעג?

— זאב, ביסט אַ חברהמאַן.

— אתה חמור בן חמור!

זאב גולניס שטים, וואָס לאָזט זיך אָפּט הערן ביים אויסרופן די נעמען, נומערן פון די וואַרטנדיקע — איז אַ הייזעריקלעכע, אַ פעסטע. זיינע ענטפערס — קורצע, אָפּ־געהאַקטע.

— כ׳באַדויער זייער.

— קום מאָרגן.

— דערווייל נישט.

— אונטערוואַרטן.

---

* מיין ליבער.

ער האָט געקענט מאַרסעלן. אָפּט קומט ער אַהער. וואָכן, חדשים ווי ער קומט אַהער. יעדן טאָג — דאָס בייז־לעכע, פּרעגערישע קוקן אין פענצטערל. שוואַרצע, געדיכט־באַברעמטע אויגן און אין זיי — אַ גלאַנציק פּייערל. קלענער און רויכיקער, ווי אַריינגעדרייטע קנויטן, ווערט מיט יעדן טאָג דאָס פּייערל. מאַרסעלס טונקלהויטיקע, אויסראַזירטע באַקן ווערן אָפּגעצויגענער. אַ געדיכטער, שטעכיקער אָנוווקס באַדעקט זיי.

געזען אים אַריינקומען, האָט ער אים קיינמאָל נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן, זאַב. ער האָט אים אַ רוף געטאָן פון אינעווייניק:

— נו, מה חדש,* מאַרסעל?

— איך בין געקומען הערן פון דיר נייעס.

— דערווייל — גאָרנישט, מאַרסעליקאָ. שווער, חבוב, אַצינד מיט אַרבעט. אַזוי פיל אַרבעטלאָזע.

— זאַאבב!

— מאַרסעליקאָ — איז ווייכער געוואָרן זאבס הייזע־ריקע שטימע.

ער האָט אים נישט געזאָגט „כ׳באַדויער”, נישט „קום מאָרגן”, נישט „אונטערוואַרטן”.

אַ ניי וואָרט, אַ גוטס, אַ פריינדלעכס, האָט ער אים געוואָלט זאָגן. זאב האָט געזוכט דאָס וואָרט. ער האָט דער־ווייל אויפגעהויבן די האַנט, זאַב, און מיט צונויפגעלייגטע פינגער אַ שאָקל געטאָן, אַ שטייגער מען וויל אָפּהאַלטן אַן אַקעגנפאָרנדיקע מאַשין. עטלעכע מאָל האָט זאב געמאַכט די תנועה, ווי ער וואָלט זאָגן:

— רגע, רגע אחד, מאַרסעל.

---

* וואָס הערט זיך?

מאַרסעל האָט זיך אָבער אָפּגעדרייט. עס איז פאַר אים געוועזן אַ פאַרקערטער צייכן — נישט אָפּהאַלטן זיך. ער האָט נישט דאָ וואָס צו טאָן מער. ער וועט זיך שוין אַליין פאַר־זאָרגן. ער וועט שוין... ער וועט זיך שוין מער פאַר גאָרנישט אָפּהאַלטן...

קאַפּיטל דריי

1

מרים האָט זיך דערוווּסט, אַז די קריסטין, וואָס האָט אויסבאַהאַלטן זעלדעלען ווינט הינטער וואַרשע, אין זשאָ־ליבאָזש. ווי אַזוי קומט מען אַהין. סאַראַ מורא זיך דרייען אין גאַס. אין דער שטאָט, ווו זי איז געבוירן געוואָרן, גע־לעבט, האָט זי אַצינד מורא צו זיין. די פרעמד לויערט אויף איר. פּנימער מיט פאַרשעריקטע בליקן, בייסיקע שמייכעלעך:

— אַזוי פיל פון אייערע אויסגעהרגעט...

קיינער קען דאָ איר נישט. זי קען דאָ קיינעם נישט. פון וואַנען ווייסט מען ווער זי איז? אָהאָ, מען ווייסט: ווער דרייט זיך דאָ אויף די חורבות פון געטאָ? איינע אַליין צווישן שטיקער ווענט, גרוז, שאָטנס פון מענטשן, וואָס זענען דאָ געוועזן און נישטאָ מער: נעלם געוואָרן צוזאַמען מיט די הייזער, הייף, גאַסן. יאָ. איר דרייען זיך דאָ, איר הולך, איר פּנים, די אויגן — מסרן.

— אַזוי פיל פון אייערע אויסגעהרגעט און איר לעבט?

זי לעבט. אויך איר קינד איז לעבן געבליבן. מרים האָט געטראָפן צו דער קריסטין.

אָ, זעלדעלע? פאַר וואָס האָט זיך דאָס מיידל דער־שראָקן ביים דערזען איר? אַריינגעלאָפן אין צווייטן אַל־

קער, באַהאַלטן זיך. איז זי אויך פרעמד דעם אייגענעם קינד?

— טאָ פשעציעזש טוואָיאַ מאַמאַ* — נעמט איר די קריסטין פאַרן הענטל.

די קליינע וויל נישט גיין.

מרים האָט לאַנג אַריינגעקוקט אין זעלדעלעס אויגן גלייך זי וויל דערגרונטעווען דעם תהום צווישן איר און קינד.

תהום — חושך. חשד.

קנאַפּע פינף יאָר. זי איז דורך דער צייט אויסגעוואַקסן, זעלדעלע. שענער געוואָרן. רייפער. אַ סך רייפער פון מייד־לעך אין איר עלטער. אַ סך טרויעריקער.

— זעלדעלע, דערקענסט נישט דיין מאַמען?

דער געדאַנק, אַז איר קינד לעבט, האָט איר נישט גע־לאָזט שטאַרבן. און איר קינד האָט געקניט פאַר דער הייליקער מוטער... ביים קאָפּעטש פון אייל־לעמפּל האָט אויסגע־רויכערט די ליבשאַפט צו דער היים? האָט דאָס אָפּבילד פון דער איקאָנע פאַרטונקלט דאָס פּנים פון דער מאַמען? —

זי לעבט. איר לעבן איז נקמה — האָט זי צו זיך גע־זאָגט. אַ שאָטן פון אַ ווילן, אַ באַדערפעניש עפּעס צו טאָן, האָט מרימס חושים גענומען באַוועגן. עס האָט איר באַ־הערשט אַן אומרו. דער אומרו פון לעבן.

*

אַוודאי האָט יהודה דעמאָלט באַדאַרפט אַ מענטש. אַ פרוי אין קיך אַריין און אַ פרוי אויפן זאַל. מרים וועט

* דאָס איז דאָך דיין מאַמע — (פּויליש).

זיך אויסטויגן צוביידע, האָט ער איר גלייך געזאָגט. ער דאַרף איר געגייטיק האָבן. זי וועט זיין ביי אים די גאַנצע באַלעבאָסטע.

גוט, גאָר גוט האָט זי געטאָן, מרים, וואָס זי איז צו אים געקומען. אפשר דאַרף זי אויך אַ פּאָר קליינע פונט. זי דאַרף זיך נישט שעמען, נישט קרעמפּירן. מ׳איז דאָך איי־גענע מענטשן.

מרים האָט נישט געוואָלט פון יהודהן נעמען קיין געלט. אויך זיך אָפּגעזאָגט פון כיבוד, וואָס ער האָט גע־שטעלט אויפן טיש.

— זי איז נישט הונגעריק. זי האָט נאָר וואָס געגעסן.

ס׳האָט אים פאַרדראָסן, יהודהן. ער האָט געזען אין מרימס פאַרטראַכט זיצן, אין זעלדעלעס הונגעריקע שלינגען די שטיקלעך קוכן און זוכן מיט די אייגעלעך נאָך — האָט ער געזען, אַז מרים דאַרף די אַרבעט. קאָן אויך זיין, אַז זיי ליידן ביידע הונגער.

— „זאָל זי זיך אויסקלויבן, זאָל זי אַליין באַשליסן וואָסער אַרבעט זי וויל״.

מרים האָט דעמאָלט באַשלאָסן: קיך־אַרבעט: באַקן, קאָכן, גרייטן די טישן, רוימען, וואַשן כלים, אַפילו די פּאָדלאָגעס וואשן. שווערע אַרבעט מאַכט לייכטער ביינאַכט דעם שלאָף.

אָפּט, גאָר אָפּט, באַפאַלן איר אומהיימלעכע חלומות, אויסטערלישע בילדער. האַלוצינאַציעס. זי פאַרליידט נישט, אַ שטייגער, די סיגנאַלן פון אַ סירענע. דאָס מוראדיקע, צעצויגענע פייפן פון אַ פייערלעשער־מאַשין, פון אַ „מגן־דוד״־קעטשל בעתן ווילדן טראָגן זיך איבער די כבישים.

אַ הויך קול, אַ געשריי — פאַרצאַפּלט אין איר דאָס האַרץ, מאַכט אויפשוידערן דאָס לייב. אין די אויערן נעמען

אָפּהילכן קאָמאַנדעס, באַפעלן, געשרייען. רוצחישע פּרצופים, געשטאַלטן, גרויל־בילדער קומען איר פאַר די אויגן. קאָן ביז היינט נישט פאַרטראָגן דאָס וואָרט „בלאָק״. האָט שטאַרק געליטן פון דעם, וואָס דאָס ערשטע יאָר האָבן די גאַסן אין שכון, וווּ זי וווינט, נישט געהאַט קיין נעמען. דער אויסזען פון די הייזער האָט דערמאָנט אין בלאָקן.

היינט, כאָטש זי ווייסט, אַז זי איז נישט מער „דאָרטן״, גיט פונדעסטוועגן אין איר עפּעס אַ ציטער קוים זעט זי אַ מונדירטן מאַן, אַ שוטר, אַ זעלנער.

אַ ברוכטייל פון אַ סעקונדע, אַ געדאַנקעלע דויערט ביז זי כאַפּט זיך צוריק.

— אוי, דער ברוכטייל... דאָס געדאַנקעלע...

יהודה האָט אַנומלט זיך געקלאָגט פאַר איר:

— און מיין ווייב מיט די צוויי זין, זענען געגאַנגען אין אויוון אַריין.

אָ, סאַראַ ברוטאַלע שפּראַך — האָט מרים זיך גע־טראַכט — איז דאָס די שפּראַך פון דער צייט? אין אויוון אַריין. אין מאַסן־גרוב. אין אָפענעם פעלד. וואָסער חילוק? — וואָסער זין האָבן די ווערטער פאַר די, וואָס זענען דאָרט נישט געווען? פאַר די, וואָס וועלן די ווערטער לייענען אין ביכער?

2

יהודה האָט זיך געהאַלטן ביי ס׳זייניקע:

— דער זאַל פאָדערט אַ שיינעם אויסזען, אַ פריינדלעך פּנים.

די שווערע קיך־אַרבעט האָט יהודה געלאָזט פאַר דער צווייטער — רחל דער תימנערין.

מרים איז דערפון געווען אומצופרידן. זיין דאגהן זיך פאַר איר, וועלן גרינגער מאַכן — לייגט אויף איר אַרויף אַ חוב: — נאָך אַ חוב.

יהודה האָט דעם „חוב" תיכף איינגעמאָנט:

אַ פריילעכער, מיט געמאַכטער בגילופנדיקייט, פרווּוט ער איר אָפּט אַרומנעמען בעת זיי זענען אַליין אויפן זאַל: פאַרצעפּעוועט איר דעם וועג ווען זי גייט מיט אַ שטויס טעלער אין קיך אַריין.

— סליחה, אדון יהודה!

— וואָס איז דאָס איילעניש, מרים?

— שפּעט.

—אָבער פאַר וואָס פלוצעם אַזוי ערנסט? איר קאָנט דאָך אַזוי שיין שמייכלען.

— איך טו וואָס דער זאַל פאָדערט.

— און וואָס דער באַלעבאָס בעט? —

מרים איז פונדעסטוועגן נישט געווען בייז אויף יהודהן. דאָס כאַפּן דעם ביטערן טראָפּן, כאָטש דער דאָקטאָר האָט עס אים פאַרווערט, דאָס ייִנגלשע חנדלען זיך צו איר, די מכלומרשטע שיכרות — מאַכט אים טרויעריק־טראַגיש אין אירע אויגן.

— נעבעך, יהודה...

*

העכער דריי יאָר אַרבעט זי אויפן זאַל. זי איז אַ קעלנערין. ער איז פונדעסטוועגן נישט אינגאַנצן אומגערעכט, יהודה, מיט דער טענה: „דער זאַל פאָדערט".

און אפשר האָט ער אויך איר טובה געמיינט.

מרים האָט ביסלעכווייז זיך צוגעוווינט צו דער מוזיק,

צו כל מיני טענץ, אַלטע, נייע שלאַגערן. אויך צו דעם, אַז אויפן זאַל מוז מען אַרויסקומען פּאַרפּוצט, פּאַרקעמט, די ליפּן צוגעשמינקט.

מרים האָט אָפּט, בהיסח הדעת, אונטערגעברומט אַ ניגונדל, גייענדיק מיט אַ ליידיקער טאַץ פון זאַל אין קיך אַריין: אונטערגעטאַנצט צום טאַקט פון אַ פּאַקסטראָט, טאַנגאָ, וואַלס. זי האָט אין די רגעס נישט געשפּירט ווי איר וווּקסיקע פיגור אין אויסגעפּאַסטן, שוואַרצן קליידל, אָדער בלוזקע און ענגער ספּודניצע, באַוועגט זיך צום ריטעם פון קלאַנגען, וואָס האָבן שוין פון לאַנג אויפגעהערט.

דאָס פידעלע, דער קלאַרנעט, פּויק, זענען שטיל און זי קלעפּלט נאָך אונטער מיטן אָפּצאַס פון לעטשל: דרייט זיך חנדלדיק, פלינק אויף איין קנאַפּעלע.

דאָס ווייסע טשעפּיקל אויף איר קאָפּ, דאָס פּאַרטעכל ענג אַרומגענומען מיט צוויי בענדלעך אין אַ שלייף אַרום איר טאַליע — האָט איר צוגעגעבן אַ סך יונגקייט און רייץ.

קאָן זיין, אַז אויך זעלדעלע האָט געהאַט דערין אַ גרויסן חלק. די ערשטע יאָרן דאָ, ווען זי איז נאָך געווען אַ קליינע, האָט זי תמיד געפרעגט:

— פאַר וואָס, מאַמע, ביסטו אומעטיק?

היינט פרעגט זי נישט מער, זינאַ. און מרים? מרים איז מיד געוואָרן פון פרעגן. „פאָרש מיך נישט", „פאָרש מיך נישט" — ענטפערט זי איר. שווייגן ביידע. אַ פאַרקלעמט געשריי רייסט זיך פון מרימען:

„זעלדעלע, דאָס ברויט און דאָס זאַלץ פון מיין לעבן. דו ביסט מיין סם. ברויט מיט סם. פאַר וואָס רעדסטו נישט? פאַר וואָס זאָל די מאַמע נישט וויסן דעם אמת. וויסן דעם אמת און וויינען, איידער זיין תמיד אין ספק: אין שווייגנדיקן ספק".

וואָס זאָל זי ענטפערן, זינאַ? וואָס האָט זי געהאַט צו רעדן?

איז זי מאַרסעלן אַ שונא? האַסט זי אים? ניין. זי איז נאָר בייז אויף אים. ער האָט זי אָפּגענאַרט. „איך האָב דיך ליב". „ילדה שלי". איר האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאַטע רעדט צו איר. אַפילו ווען ער האָט אויף איר געשריגן — האָט זי אים ליב געהאַט. אַצינד לאַכט ער זיך אויס. ער לאַכט פון אַלע. פאַר וואָס לאַכט ער, דער חוצפן? ער איז אויך בייז. מען האָט אים אויך אָפּגענאַרט — האָט ער איין מאָל געזאָגט.

שוויגט זינאַ. מיט דער וויכאָוואַנקע,* דער גוטער קריס־טין וואָלט זי געוואָלט רעדן. פאַר וואָס האָט זי איר גע־הייסן זיין גוט? געהאָרכזאַם? — און די רייד פון גלח אַלע זונטיק אין דער פרי בעת דער מעסע? **

„W imię Ojca i Syna i Ducha Świętego".*** — — —

— — — „ווער עס נעמט אויף זיך ישו'ס מצוה — די ליבשאַפט — דאַרף שטרעבן צו טאָן גוטס".

— וואָס זאָל זי טאָן מיט דער ליבשאַפט? מיטן גוטס? וואָס זאָל זי טאָן מיט זיך? —

---

* דערציערין.

** זונטיק־געבעט.

*** אין נאָמען פון פאָטער און זון און הייליקן גייסט. — (פויליש).

קאַפּיטל פיר

1

שבת פילט זיך כוכב ערגער ווי אַלע טעג פון דער וואָך. אַלע טענות און דאָס גאַנצע גערייד פון דער וואָך קומען אים שבת „צו גאַסט". ער ווערט אומעטיק און אַ מיטגעפיל כאַפּט אים אַרום. אַ מיטגעפיל פון כוכבן דעם מענטש צו כוכבן דעם פקיד, דעם סוכנות־באַאַמטן.

ווי אַ ווידערקול קלינגט אים אין די אויערן:

„הלמאי מען האָט אַזוי פיל יידן אַראָפּגעבראַכט. אָן אַרבעט, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ לאָזט מען זיי זיצן. ווי לאַנג וועט מען אין די בית־עולימס זיך וואַלגערן? ציגיינער־ביידלעך, פּאַלאַטקעס, צריפים. ווי קומען אַהין די דאָלאַרן? — טויזנט דאָלאַר אויף אַ קאָפּ שיקט מען פון אַמעריקע. פרעג קאָפּ נעמט מען די דאָלאַרן און ליגן ליגט מען מיטן קאָפּ אין דר׳ערד. אויף שכונים, פאַר עולים חדשים שיקט מען דאָס געלט. פאַרוואָס זאָל ער נישט וויסן, כוכב, ווו זיינע באַלעבאַטים טוען אַהין די יידישע געלטער? צו וואָס זיצט ער דאָ?" —

אַז קהל רעדט שווייגט ער, כוכב. אַ שטייגער אַ דאָקטאָר — ווען דער חולה שרייט. אַז ס׳טוט ווי — שרייט מען. דער חולה איז תמיד גערעכט.

ער קען העלפן?

זיך אַליין קען ער העלפן?

ער וווינט אין איין חדר. ער און חיים זיסקינד דער ותיק, דער גרוש, דער „פּאַסטעך" — אין איין שכון אַ צווייצימער־דיקן. ער איז אַריין אויף דערוויל, געפּלאַנט חתונה האָבן און אַליין גיין אויף אַ שכון. ער האָט נאָך דעם פּלאַן נישט אויפגעגעבן.

כוכב האָט געוווּסט פון דערציילן, אַז חיים זיסקינד איז אַ בן־עיר. געקענט האָט ער אים נישט, קיינמאָל אים נישט געזען.

אַ סך מעשיות זענען אַרומגעגאַנגען אין שטעטל וועגן חיימען. כוכב האָט זיי געדענקט, פון איבערדערציילן, מחמת ווען חיים איז אַהער געקומען, איז ער נאָך אויף דער וועלט נישט געווען.

אַ מעשה מיט אַ קליין ייִנגל, וואָס איז אַוועק פון שטוב און געפאָרן קיין פּאַלעסטינע. ביי דער ערשטער באַ־געגעניש דאָ מיט חיימען, האָט ער אים דערמאָנט די מעשה מיט „משה רבנו":

— — — חיימקע פאָרט קיין פּאַלעסטינע. ער וויל ווערן אַ פּאַסטעך. אַ פּאַסטעך גאָר — האָט מען זיך געוויצלט. דאָס ייִנגל ענטפערט נישט.

„העי, חיימקע: לבן־ארמיס שאָף פּאַשען? אפשר אַ משה רבנו ווערן? און לוחות? און אַ באָרד?"

דאָס ייִנגל נעמט אַפּער פון אונטערן אָרעם אַ קליין ביכל און גיט עס אַ צעעפן — מאַפּוס „אהבת־ציון".

בעתן הערן די דאָזיקע מעשה, האָט חיים נישט געטאָן קיין שמייכל, ווי עס האָט נישט געשמייכלט דאָס ייִנגל דעמאָלט מיט קנאַפּע פופציק יאָר צוריק. דעם אַלטנס פּנים איז געוואָרן ערנסט. אַ פּלעמל, אַ יונגס, האָט זיך געצונדן

אין זיינע אויגן. ער האָט ווי תמיד איידער ער גייט עפּעס זאָגן אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבערן מויל:

— כיי וואָלטן אַלע נאָכגעטאָן דעם נאַרישן ייִנגל.

— מען האָט דעמאָלט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַנדערע „לוחות" — האָט אים כוכב געענטפערט.

אויך ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט „אַנדערע לוחות".

גיט ער אַ טראַכט דערוועגן, כוכב, מאָלט זיך אים צום ווייפלסטן מאָל דאָס געשטאַלט פון יענעם, וואָס האָט מיט העכער צוועלף יאָר צוריק דאָ געשטעלט די ערשטע טריט.

דאָס יוסטע מיטלוווּקסיקע געשטאַלט. די אַקסלען, ברייטע, פאַרעקשנטע. דער קאָפּ האָר, דאָס פּנים, דאָס יונג־אַלטע מיט נישט־רעגלמעסיקע שטריכן — אַ צעקריגטס מיט זיך אַליין. אויגן נייגעריקע, לויפיקע, וואָס בייטן דעם קאָליר פון גרין אויף גראָ, אויף בלאָ ביי יעדער איבער־לעבונג, שטימונג — אויך צעקריגטע, צעריסענע.

דעמאָלט האָט דאָס פּנים נאָך נישט געטראָגן קיין ברילן. קיין איין גראָע האָר האָט ער נישט געהאַט אויפן קאָפּ. דורך איראַק און איראַן געקומען אַהער מיט אַנדערס' אַרמיי. אַן אָפּגעשאָסענעם שינעל געטראָגן אויף זיך, אַ פּיר־שפּיציק זעלנעריש היטל. אַ בלעכענער אָדלער איבערן דאַ־שעק. יצחק שטערן האָט ער דעמאָלט געהייסן. געווען אַ טעלער־וואַשער, אַ קעלנער אין אַ רעסטאָראַן. העכער אַ יאָר אין קיבוץ געאַרבעט. ביי די פּאָטאַש־ווערק אין סדום. ערשט נאָך דער באַפרייאונגס־מלחמה, נאָך אַ קנאַפּ יאָר אין דער ישראל־אַרמיי — געוואָרן אַ פּקיד אין סוכנות ביי דער קליטה־אָפּטיילונג.

ער פאַרשרייבט אויף שכונים. ער טיילט צו דירות.

זיין אייגן הויז — דאָס משפּחה־הויז — האָט ער נישט אויפגעשטעלט.

ווען?

ווי אַזוי?

אַ וואָך פאַרן באַפרייט ווערן פון פּוילישן מיליטער־דינסט, איז אויסגעבראָכן די מלחמה. אַריינגעפאַלן הינטער דעמבלין אין דייטשישן פלען. אַנטלאָפן. ביי מאַלקין אַריבער די פּויליש־סאָוועטישע גרענעץ. קאָוועל. רויטע אַרמיי. וואַלד. פּאַרטיזאַנקע. מיטלאַזיע. אַנדערס׳ אַרמיי.

און ביז ניינצן ניין און דרייסיק?

צו זעכצן יאָר אַוועק קיין וואַרשע. געווען אַ שיקיינגל אין אַן אייזן־סקלאַד. אַ סוביעקט אין אַ שיך־געשעפט. פאַר צוועלף זלאָטעס אַ חודש אַ האַלב בעט פאַרנומען ביי אַן אלמנה אויף דער שמאָלער מילע. דער שותף צו דער צווייטער העלפט בעט — אַ מעבל־סטאָליער, דער הויכער מוישע. שפּעט ביינאַכט איז מוישע געקומען פון דער אַרבעט. אַן אומגעוואַשענער אַריין אין בעט. ס׳האָט פון אים געשלאָגן אַ ריח פון פּאָליטור, זעגעכץ, זשיוויצע און געקאָכטן לאַם.

ער האָט געהאַט אַ טבע, דער הויכער מוישע, רעדן פון שלאָף און מאַכן מיט די הענט. אַ שטייגער — ער הובלט אַ שווערע סענקעוואַטע ברעט. דאָס מאַכן מיט זיינע האָריקע הענט און באַוועגן מיט די האַרטע, צוגעברוינטע נעגל־פינגער — האָט אים פאַרשטויסן אין אַ ווינקל פון שמאָלן בעטל.

לסוף האָט מען זיי ביידע עקסמיסירט מחמת מוישע האָט נישט געצאָלט פאַר זיין חלק בעטל קיין „שכר־דירה״.

2

דעם שבת האָט ער ווו צו גיין. ער איז פאַרבעטן צו

מרימען אין שטוב אַריין. מרים האָט צו אים געקלונגען. זי וויל מיט אים איבעררעדן אַ וויכטיקע זאַך.

אין אַ האַרבסט־נאַכט, ניינצן זיבן און פערציק, האָט ער באַקענט מרימען. געקומען אַהער מיט אַ מעפּילים־שיפל צו איינעם פון די דרום־ברעגעס פון לאַנד. די גרעסטע טייל מעפּילים־שיפלעך זענען פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די ענג־לענדער. מען האָט צוריקגעשיקט קיין האַמבורג. אין עתלית פאַרשפּאַרט אין אַ לאַגער הינטער שטעכלדראָט. די שיפלעך, וואָס האָבן דורכגעריסן די בלאָקאַדע, זענען באַ־געגנט געוואָרן פון די בריחה־כוחות.

ער מיט נאָך אַ צענדליק פרייוויליקע אין דער הפעלה־אַקציע און אויך אַ סך ישוב־מענטשן, האָבן געאײַלט צו הילף די עולים.

דאָרט, ביי יענעם אויסטערלישן פאַל, האָט ער באַקענט מרימען. עטלעכע חדשים נאָך דעם פרילינג, איז זי געווען אין משרד. געבעטן איר העלפן זעלדעלען אַריינגעבן אין אַ מוסד.* נאָכן אַרויסנעמען איר פון מוסד — וועגן עפּעס אַן אַרבעט פאַר דער קליינער.

„ער ווייסט דאָך. ער האָט דאָך איר פאַרשריבן אויפן שכון אין קרית שלום. הלוואות. משכנתאות״.

זי איז געזעסן אַקעגן אים. אירע אויגן, די גרויסע, ברוינע, האָבן געקוקט אין אַ זייט. שוין נישט קיין יונגע. ס׳האָבן זיך געמערקט לייכטע, קוים־באַמערקבאַרע קנייטשן־סימנים אַרום אירע מויל־ווינקלען און שטערן. דאָך האָט אַ פרישקייט באַדעקט איר פּנים און יונגן האַלדז. איר נישט גרויסער, פולער גוף אין אַ טונקל קליידל, האָט דער־מאָנט אין דער מראה פון אַ בלום, אַן אויסגעשטאַנענע ביזן

* אַנשטאַלט.

סוף. אַ סוף, װאָס איז ערשט אַן אָנהייב פון אַ נייער, רייפער שיינקייט.

אירע רייד, די אָפּגעהאַקטע, שטאָלצע, האָבן נאָך זיך געלאָזט אַ נאָכקלאַנג. איר שמייכעלע, אַ פֿאַרשולדיקטס, צעפּייניקטס — האָט איר צוגעגעבן אַ סך סוד און װייבלעכ־קייט.

„אפשר האָט זי אים נאָך עפּעס געװאָלט זאָגן און נישט געזאָגט? זי זעט דאָך, זי װייסט דאָך, אַז אויך ער איז אַליין" — האָט ער זיך געטראַכט.

*

היינט, אויפֿן װעג צו מרימען קומט אים פֿונדעסטװעגן אויס, װי ער װאָלט געגאַנגען איינמאָנען אַ חוב —

װעמען האָט זי היינט פֿאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַריין? יצחק כוכבן דעם מענטש, דעם ידיד, צי כוכבן דעם פּקיד, דעם בעל־טובה? אפשר װידער װעגן זעלדעלען?

ער דערמאָנט זיך: מיט עטלעכע טעג צוריק האָט צו אים געקלונגען בראַוומאַן: ער װיל מיט אים עפּעס רעדן.

— װאָס אַזוינס? — פֿרעגט ער אים.

— נישט טעלעפֿאָניש.

— פֿונדעסטװעגן?

— װעגן זעלדעלען. עפּעס איינער פֿון די טונקעלע, אַן אונטערװעלטניק, איז אַן אָפּטער איינגייער צו אים אין ביוראָ. שוין פֿון לאַנג האָט ער דאָס באַמערקט. געװאַרט. געמיינט, אַז זי, די קליינע װעט אים אַליין פֿאַריאָגן. װייזט זיך גאָר אַרויס, אַז זי קװאַפּעט זיך אין אים, דעם פֿאַרשוין.

צי איז ער נישט אַ בעלן, כוכב, איבעררעדן מיט דער מוטער פֿון דעם מיידל. װאָס אַן אמת, קאָן ער עס מאַכן אָן אים אויך. אַהיימשיקן זי און פּטור. איז עס, ערשטנס, אַ

שאָד אויף דעם מיידל. צווייטנס, פּאַסט עס נישט — פּאָרט מר כוכבס פּראָטעקציע.

ס׳איז אַצינד אַזייגער פינף. דער צופוס־וועג מיט דער ירושלים־אַלייע וועט זיכער דויערן אַ קנאַפּע שעה. זינאַ וועט אַוודאי שוין נישט זיין אין שטוב. אַן אויסגערוטע, אַ שבתדיק־אָנגעטוענע וועט אים מרים אויפנעמען. גאָר אַנ־דערש וועט זיך רעדן אין דער בין־השמשות־שעה — אויג אויף אויג מיט איר.

ניין. ס׳קאָן נישט זיין, אַז צוליב אַזאַ נאַרישקייט, צו־ליב עפּעס אַ צופעליקער צוטשעפּעניש פון אַ פּאַרשוין צו איר זעלדעלען — זאָל אים מרים פאַרבעטן אַהיים.

עפּעס וויכטיקס, תוכיקס וויל זי מיט אים רעדן. כוכב האָט מיט פריילעכע, זיכערע טריט געשפּאַנט אויפן ברייטן הויפּט־כביש, וואָס פירט צום שכון — קרית שלום.

*

דער הויפּט־כביש איז אַצינדליידיקער פון אַ גאַנצער וואָך. אין דער שבתדיקער נאָכמיטאָג־שעה קורסירן נישט די אויטאָבוסן. דערפאַר איז פאַרשטאַרקטער דאָס איילע־ניש פון די טעקסיס. זיי טראָגן זיך פאַרביי דעם כביש מיט שטילן געררויש און געפּייף. שטעלן זיך אָפּ מיט האַסטיקן קוויטש און וויכן געוואַקל פון אַ ראַפּטעמדיקער, אויפגע־הויבענער האַנט:

— האַלאָ, טעקסי.

דער שבתדיק געקליידטער עולם איז אומגעדולדיק. אַ מין אויפגעראַמטקייט קוועלט אַראָפּ פון די יונגעלייטלעך, פרויען מיט פּנימער מוכן־מזומנדיקע אויף גאַסטפריינד־לעכער צעשמייכלדיקייט, וואָס וואַרט אויף זיי אין שטובן פון קרובים, באַקאַנטע.

כוכב גייט צופוס. ער האָט זיך נישט וואָס צו איילן. גייט, קוקט אויף די מענטשן־געזעמלעך ביי יעדער תחנה, האָט צייט צו טראַכטן:

— אויך די שבתים זענען דאָ אַנדערש ווי אין דער היים. נישטאָ יענע בנעימותדיקייט, יענע איינגעזעסענע, גע־לאַסענע נאָכמיטאָג־רו פון היימישן שבת. עפּעס שקאָציש, טראָציקס איז אין דער אויפגערודערטקייט. ס׳רוישט ווי אין אַ חגא־טאָג. און אפשר באַדאַרף עס אַזוי צו זיין? אפשר איז עס דאָס גערויש פון דער צייט: פון היגן, יונגן, אויפגייענדיקן לעבן, וואָס אַפילו אום שבת ווייסט עס נישט פון קיין רו?

דעם וועג, די גאַנצע געגנט וואָס ער גייט אַצינד פאַרביי געדענקט ער פון פריער. דאָס איז געווען ווילדער, נישט באַלעבטער שטח. אַ גרויס פאַרוואָרלאָזט אַראַביש דאָרף — תל־עריש. דאָ זענען געשטאַנען עטלעכע הייזקעס פון רויע ליים־בלאָקן. אַ ריח פון קעמל־מיסט און סאַברע־בלעטער. האָט זיך געטראָגן ביז אויפן כביש. וויפל מאָל איז ער פאַר־בייגעגאַנגען דאָס אָרט? סיי זומער, סיי ווינטער, האָט גע־יאָגט אַ מאָנאָטאָנע אומהיימלעכקייט. דער איינציקער הוי־כער ציפּרעס אין מיטן פעלד איז געשטאַנען, ווי אַן איבער־געקערטער בעזעם. אַ ריזיקער בעזעם, וואָס האָט נאָכן אויס־קערן דאָס דאָרף פון אַ לעבעדיקן נפש — מיט לאַנגע, צע־שויבערטע ריטער אַרויף פאַרשטעקט אין זאַמדיקן באָדן.

3

נאָך עטלעכע מינוט פרעגן האָט כוכב געטראָפן אין שטוב אַריין. מען האָט אים געעפנט די טיר. ער איז שטיין געבליבן אויף דער שוועל.

— שלום, אַדון כוכב, קומט נענטער: בבקשה, סאַראַ גאַסט מיר האָבן.

געזען אויך זינאַן — האָט כוכב זיך באַגריסט מיט אַ טאָפּלטן קאָפּ־שאָקל. ביידע געגעבן די האַנט.

— אַ דאַנק. זייער אָנגענעם.

מיט אַ פּנים, וואָס וויל אויסזען צופרידענער ווי ס׳איז, איז כוכב פון קאָרידאָר אַריין אין שטוב. מרים האָט אים אונטערגערוקט אַ שטול.

יאָ. ער קען די דירות. ער געדענקט זיי פון פּלאַן, די אַנדערהאַלבן־צימערדיקע דירות. אַצינד זעט ער זיי צום ערשטן מאָל.

— לאַנג געבלאָנדזשעט, אדון כוכב?

— ניין, בכלל נישט.

— אַ וואונדער. באמת. מען קלאָגט זיך: שווער צו טרעפן. אַ סך געסלעך. די געסלעך האָבן נישט קיין נעמען. טאָפּלטע נומערן.

— איך האָב געפרעגט די קינדער אין דרויסן אויף זינאַס אמא, האָט מען מיר גלייך אַריינגעוויזן.

— גוט געטאָן. זייער גוט געטאָן — האָט מרים מיט אַ שמייכעלע געזאָגט.

זי האָט באַדאַרפט זאָגן:

— אָך און וויי צו זינאַס מאַמע. זינט מאַרסעל האָט איר פאַרדרייט דעם קאָפּ, לאָזט מען איר נאָמען נישט אַרויס פון מויל. די גאַס, דער הויף, די גאַנצע שכונה קלינגט מיט איר.

אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרן.

כוכב האָט נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען נעמט זיך צו מרימען פּלוצעם אַזאַ פאַרציקט שווייגעניש. אויך זינאַ זיצט שטיל. איז נישט פאָרגעקומען עפּעס אַן איבעררייד צווישן

מאַמע און טאָכטער? ער האָט מיט זיין אַריינקומען איבער־געשלאָגן די רייד?

כוכב האָט זיך דערמאָנט, אַז ער זיצט צו שטיל. עפּעס האָט מרים דאָך געוואָלט מיט אים רעדן. עפּעס האָט ער דאָך געוואָלט זאָגן.

ער האָט אָנגעהויבן:

— ווי זשע גייט עס ביי יהודהן מיטן קעלנעריי. זי איז דאַכט זיך, האָט זי דערציילט, אַ פּאַרמאַצעווטין. קען זי קעלנעריי?

— צי זי קען? וואָס הייסט? מען ווערט דען געבוירן מיט אַ פאַך?

ער האָט געשמייכלט:

— אויך ער מוז זיך ערשט אויף די־אָ יאָרן לער־נען אַ נייע שפּראַך — אַראַביש. אַ נייע עליה קומט פון די מזרח־לענדער. ס'איז פאָלג מיך אַ גאַנג.

מרים ענטפערט אים אָבער נישט אַזוי גיך. און די קליינע קוקט דאַכט זיך אויף אים מיט בייזע בליקן. עס האָט אים שוין באַנג געטאָן אויפן ווערטלדיקן טאָן. עס האָט אים באַנג געטאָן אויף דער גאַנצער זאַך.

זינאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרויס פון שטוב. כוכב האָט מיט אַלע כוחות געוואָלט דעם שמועס דערפירן צו אַ תכלית. געוואָרפן מיט ווערטער, ווי נאַסע העלצער אויף פייער. דאָס „פייער" האָט געציִשעט, גערדישעט זיך און גערעקט.

ער האָט ווידער אַריינגעוואָרפן:

— אַ פיינע בחורה. גוט, וואָס ס'איז אייך געלונגען זי אָפּראַטעווען.

— נישט געלונגען. נישט געראַטעוועט.

מרים האָט נאָכן זאָגן די ווערטער אָפּגעדרייט דעם

קאָפּ אין אַ זײַט. װידער שטיל. ס׳האָט איר װי געטאָן אויף דער שטילקייט. ער איז אַ גאַסט, כוכב. דאָס ערשטע מאָל ביי איר אין שטוב. ער האָט דערמאָנט זינאַן; ער װייסט זיכער גאָרנישט. ער מיינט דאָך איר צו העלפן. זי האָט דאָך אים אייגנטלעך פאַרבעטן צוליב דעם אין שטוב אַריין.

מרים האָט אַ שמייכל געטאָן. כוכב האָט זיך געמאַכט גוט ס׳זיצן אויף דער שטול. צופרידן, װאָס ער װייסט אויך װען אַרויפּצינען אַ שמייכל אויפן פּנים, האָט ער געפרעגט:

— איר האָט דאָך... דאַכט זיך, געװאָלט מיט מיר עפּעס רעדן?

— כ׳האָב אייך געװאָלט בעטן, — האָט זי אים איבערגעריסן — אויב ס׳איז מעגלעך עפּעס אַן אַרבעט, אַן אַנדער אַרבעט.

— פאַר װעמען?

— פאַר זעלדעלען.

— פאַר זעלדעלען?

מרים האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— איז עס דרינגענד?

— זייער.

ער מוז נישט תיכף ענטפערן, האָט זי צוגעגעבן. זאָל ער אַ טראַכט טאָן. זי איז זיכער. זי גלייבט, אַז ער װעט טאָן אַלץ פאַר איר. זי בעט אים נאָך אַמאָל איבער פאַרן מטריח זיין. דאָרט אין משרד איז נישט באַקװעם. פאַרביידע נישט באַקװעם צו רעדן. איז ער נישט בייז?

— אַך, בייז?

און זי האָט זיך פאַררעדט. אַפילו נישט געשטעלט קיין טרונק אויפן טיש.

מרים האָט זיך אויפגעהויבן און אַריין אין קיך.

אַרייַנגעקומען מיט אַ קאַרפּינקע וואַסער, צוויי גלעזער, אַ קלאַש זיסוואַרג.

— באַלד וועט אויך זיין אַ לייכטער ביס — האָט זי געזאָגט און ווידער אַריין אין קיך.

כוכב האָט דערווייל אַרויסגענומען אַ צייטונג פון קעשענע און אַריינגעקוקט.

*

אויף אַ ברעג באַנק, אין ווינקל פון שטאָטישן גאָרטן, נישט ווייט פון שטוב, איז געזעסן זינאַ. ס׳איז טונקל אין דרויסן. זי האָט היינט נישט וווּ צו גיין. זי וואָלט היינטיקן שבת־צונאַכטס געבליבן אין שטוב. נאָר דער מאַמעס באַקאַנטער, דרייט אַ קאָפּ. וואָס וויל ער? ווער האָט אים געבעטן קומען? ווער דאַרף אים דאָ, דעם אַלטן קאַוואַליער?

ווען זי וואָלט אַצינד געווען אין שטוב, וואָלט זי אַלץ דערציילט דער מאַמען. זי קען נישט מער האַלטן אין זיך אַזאַ זאַך. אַלץ, וואָס איז מיט איר די לעצטע וואָכן געשען, וועט זי דערציילן: מאַרסעלס אַריינגאַרן זי צו זיין חבר אין צריף. און דער מאָרד־פּאַל מיט צוויי טעג צוריק?

— פאַר וואָס האָט מען אים באַפרייט גלייך נאָך דער אויספאָרשונג?

האָבן טאַקע אַלע מורא פאַר אים?

זי איז אַצינד אַליין. אַליין אין שבת־צונאַכטסדיקן גאָרטן אויף אַ באַנק. לאָמפּן צינדן זיך. פּאָרלעך שפּאַצירן. דאַכט זיך, מען קוקט אויף איר. וואָס וועט זי דאָ זיצן? זי וועט צוריק אַריינגיין אין שטוב. אפשר איז שוין כוכב אַוועקגעגאַנגען.

2

פון טרונק און „לייכטן ביס", וואָס מרים איז געלאָפן גרייטן אין קיך אַריין, איז דערווייל געוואָרן אַ שבתדיקער טיש מיט מאכלים און געטראַנקען: אַ פלאַש וויין, קאָ־ניאַק און „ווייסער". אַ צעשניטן הערינגל, פליטשן טאָמאַטן, ציבעלע און איילבירטן, פעניצלעך ברויט מיט פוטער, אַ חלה און אַ טאָרט.

— כ׳האָב אויך אַ גוט שטיקל פיש. אין רעסטאָראַן זעט מען דאָס נישט — האָט מרים זיך געחנדלט.

— אַ דאַנק. באַמיט אייך נישט.

— איר׳ט פאַרגעסן, אַז כ׳בין אַ קעלנערין?

אַז מרים האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אַקעגן אים, האָט כוכב באַמערקט, אַז זי טראָגט אויף זיך אַן אַנדער קליידל און אַ פאַרטעכל.

מרים האָט אָנגעגאָסן צוויי כוסות וויין. בעת זי האָט איר כוסה׳לע גענומען צום מויל געוואָלט אַ זופּ טאָן, האָט זיך געעפנט די טיר. זינאַ איז אַריינגעקומען.

— גוט־וואָך, זעלדעלע, פונקט צום „לחיים".

— בבקשה — האָט כוכב זיין פאַרהויבן גלעזעלע צו־ריק אַוועקגעשטעלט און אָנגעגאָסן אַ דריטס.

— תודה. רגע.

זינאַ איז צוגעגאַנגען צום בעט. מיטן פוסטריט אָפּגע־געשלעפּט אַ פּאָר שטעקשיך. אַריין אין זיי, און צו צום טיש. זיך אַוועקגעזעצט.

נאָכן „לחיים" האָט כוכב ס׳ערשטע זיך גענומען צום הערינג. מרים האָט אַ זופּ געטאָן פון וויין און פאַרביסן מיט אַ שטיקל טאָרט. זינאַ — אַן איילבירט.

— זעלדעלע, פאַר וואָס עסטו נישט?

— נישט הונגעריק.

— איך גיי מאַכן אַ טרונק — האָט מרים זיך אויפגעהויבן און ווידער אַריין אין קיך.

געזען, אַז זי פאַרזוימט זיך, האָט כוכב פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף איבערכאַפּן עטלעכע ווערטער מיט זינאַ. זינאַ איז אָבער געזעסן אַ שווייגנדיקע. שווייגנדיק און פאַרשלאָסן ווי אַ הערמעטיש פאַרמאַכטע שקאַטולקע. אַזוי קונציק פאַרמאַכט פון אַלע זייטן איז די שיינע „שקאַטולקע", אַז אַלע פראַגן און ווערטער, וואָס ער האָט געלאָזט פאַלן זענען געבליבן ליגן ווי קאַליע־געוואָרענע שליסלען.

כוכב האָט ווידער צעעפנט די צייטונג. ער האָט זיין בליק פאַרהאַלטן אויף אַ ידיעה. די ידיעה האָט אים שטאַרק פאַראינטערעסירט. ער האָט אַראָפּגענומען די ברילן, אויסגעווישט די גלעזער, געלייענט. ווידער אַראָפּגענומען די ברילן. זיך פאַרטראַכט:

— או וואַ... או וואַ וואַ... זאָל דאָס זיין דער־אָ? — האָט ער צו זיך גערעדט.

— וואָס איז געשען, אדון כוכב? — האָט געפרעגט מרים, וואָס איז אָנגעקומען פון קיך מיט אַ טאַץ טיי.

— או וואַ... זאָל דאָס זיין דער־אָ? — האָט ער ווייטער צו זיך גערעדט.

— אדון כוכב?...

ער האָט געשוויגן. כוכב האָט גוט געדענקט דעם נאָמען, וואָס ווערט אין דער ידיעה דערמאָנט צוויי מאָל. געדענקט אים פון עטלעכע יאָר צוריק, ווען ער איז געווען ביי אים אין משרד וועגן אַ שכון. זינט דעמאָלט האָט ער אים מער נישט געזען. אָ, אַצינד, אַצינד איז אים דער נאָמען גאָר וויכטיק.

— ניין. ניין. ער מוז נאָך אַמאָל לייענען. נאָט הערט:

„אַ יפוער בחור דערשטאָכן געוואָרן אויף טויט".

— — — דער פּיראונצוואַנציק־יאָריקער דוד נסים איז דערשטאָכן געוואָרן אויף טויט בעת אַ קריגעריי מיט זיינעם אַ חבר. די פּאָליציי האָט פאַרהאַלטן דעם מערדער. נאָך דעם ווי ער האָט דערשטאָכן זיין חבר, האָט דער מער־דער אַליין אָפּגעפירט זיין קרבן אין שפּיטאָל.

ווי עס ווערט איבערגעגעבן, איז דער מאָרד אויסגע־פירט געוואָרן צוליב אַ סיכסוך צווישן ביידע יונגלייט אין שייכות מיט זייערע אונטערוועלט־געשעפטן און זנות־האַנדל.

אין דעם עסק זאָל אויך זיין פאַרמישט אַ זיבעצן־יאָריק מיידל, וועמענס נאָמען איז דערווייל נישט דערלויבט צו פאַרעפנטלעכן.

דער מערדער איז אַ געוויסער זעקסאונצוואַנציק־יאָרי־קער מאַרסעל".

ביי די לעצטע ווערטער האָט מרים, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, קוים באַוויזן אַוועקשטעלן אויפן טיש דעם טאַץ מיט די דריי גלעזער טיי און אַליין זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול.

מיט אַ קול, אַ פאַרשטיקטס, אַן אָפּגעשוואַכטס פון ערב־חלשות, האָט זי, קוקנדיק אויף איר טאָכטער, אַרויס־געשעפּטשעט:

— זעלדעלע, לעבן מיינס, וואָס ביסטו אַזוי בלאַס?

— איך? בלאַס? גיב נאָר אַ קוק אויף זיך.

זינאַ האָט אַ וואָרף געטאָן נאָך עטלעכע ווערטער. אויפגעהויבן זיך, געכאַפּט אויף זיך אַ זשאַקעטל, אַריין אין די לעטשלעך און אַרויס פון שטוב.

כוכב איז געבליבן זיצן מיט ביידע הענט אַזוי גלייך ווי ער וואָלט נאָך געהאַלטן די צייטונג, וואָס איז מיט זינאַס

האַסטיקן פאַרבייגיין מיטגעריסן געוואָרן און געפאַלן צו זיינע פיס.

אַ פאַרלאָרענער, אַ שטומער איז ער געבליבן זיצן קעגן מרימען. געזען ווי זי האַלט איר קאָפּ אָפּגעקערט אין אַ זייט. ער האָט אין זיין דולגעוואָרענעם מוח געזוכט עפּעס אַ מחשבה, אַ וואָרט, וואָס זאָל איבעררייסן די ביטערע שווייגעניש.

נאַריש, לעכערלעך, קוקט ער זיך אויס מיט דער צייטונג ביי די פיס, מיט דער ידיעה, וואָס ער האָט אַרויסגעלייענט פון איר.

— אַ נייעס, אַ שיינע נייעס געבראַכט צום שבתדיקן טיש.

ביידע זיצן אַקעגן די דריי ברוינע שמעקעדיקע גלעזער טיי. די רעדלעך לימענע האָבן דעם קאָליר פון מרימס פּנים.

זאָל ער עפּעס זאָגן? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט. ניין. גלייכער אַצינד אויפהייבן זיך און גיין. אַליין לאָזן מרימען, אַליין מיט זיך זי לאָזן.

אויפהייבן זיך און גיין? נו, און ווייטער? עפּעס האָט זי דאָך געוואָלט פון אים. עפּעס האָט ער דאָך געוואָלט פון איר. —

כוכב האָט נישט באַמערקט ווי אַזוי, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול.

— פאַר וואָס, אדון כוכב, אַנטלויפט איר?

— שוין נישט פרי. און איר וועט זיך אַ ביסל אָפּרוען. איר דאַרפט זיך אָפּרוען. בעסער אַצינד גיין. שלום, מרים.

— טרינקט כאָטש אויס דאָס גלאָז טיי. גאָרנישט פאַרזוכט פון עסן. אָ, פאַר וואָס? זיצט, זיצט נאָך אונטער.

— אַ צווייט מאָל.

מרים האָט כוכבן באַגלייט ביז דער טיר. אויף דער

שוועל האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן. זי איז געשטאַנען אַ פאַר־טוליעטע אין זיך. ער האָט גענומען איר האַנט אין זיינער. געגלעט אירע קאַלטע שפּיץ־פינגער. מיט דער צווייטער האַנט האָט ער געפרווּט באַרירן דעם ברעג פון איר אַקסל, וואָס האָט אַ ביסל אונטערגעציטערט.

אויך כוכבס שטים האָט געציטערט. ווייכע רייד האָט ער צו איר גערעדט. קורצע, אויפריכטיקע רייד.

זי האָט געהערט. צערפול געשמייכלט. צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

זיי האָבן זיך שטום געזעגנט.

קאַפּיטל פינף

1

דער שכון, ווו כוכב און חיים וווינען האָט שוין גאַסן. די גאַסן האָבן נעמען. אויף די הייזער — שילדלעך מיט נומערן. אין אַ שטוב אַריינטרעפן איז אָבער שווער. לאַנג דרייט מען זיך צווישן די בלאָקן־הייזער, שמאָלע דורכגענג און ליידיקע פּלעצער. אַ הויפּט־כביש ווי אַ שוואַרצע לענטע, אַן אָפּגעבליאַקעוועטע.

באַרגאַראָפּיק ציט זיך דער כביש צווישן צוויי רייען בנינים.

הייזער און הייזקעס, ווי קאַסטנס גראָע, גרויסע. קליינע פענצטער — אָן לאָדנס. פראָנט־טירן — גלייך אויף דער גאַס אַרויס. אַ גאַניקל — אַ מעטער אויף אַ מעטער — און שוין איז מען אינעווייניק. אָנדערהאַלבן און צווייצימערדיקע דירות. פון איין חדר אין אַנדערן — אַ דורכגאַנג די הייך פון אַ מענטש, אָן טירן, אָן פּוטרינעס. די פענצטער־רעמען — פון אַ מין גאָס, אַ געמיש פון ביליקן אַלומיניום און מעטאַל. אַ גאָרן צעמענטענע טרעפּ אויף רעלסן, אַן אייזערנע באַלוסטראַדע דרויסנדיק פון בנין — פּירט צום ערשטן שטאָק.

קלענערע און גרעסערע קאַסטנס, קוישן, ליפּטן מיט

אָפּגעריסענע שטיקער בעדנאַרקע. פלאַקס־זיגלען, רויטע, שוואַרצע, יידישע אותיות, העברעאישע און לאַטיינישע שרייען אַראָפּ פון די קאַסטנס און ליפּטן.

אַצינד, העכער צוויי יאָר נאָכן פלאַסטערן דעם כביש, האָט מען זיך אַרומגעקוקט: דער כביש איז אַלט, צעלע־כערט און צעשפּאָלטן. דאָס כסדרדיקע צופירן פון מאַטע־ריאַלן, די שווערע „מאַק״־רעדער, די ציין־טאַשמעס פון די טראַקטאָרן און לאַסטאויטאָס, האָבן פון כביש אַ תל גע־מאַכט. ווו ס׳דאַרף זיין אַ טראָטואַר — זענען טיפע ראָוון.

דורך דער צייט זענען אויסגעוואַקסן גערטנדלעך אַרום די בלאָקן־הייזער. צווישן־וועגעלעך און אויסגעטראָטענע שטעגלעך. אָפּצוימונגען. קלעטערפלאַנצן אויף שטאַכייטן. נייגעפלאַנצטעביימלעך. אויך אַלטעביימלעך — אַן איבער־בלייב פון אַ פּרדס.

אויסערן שטח האָט אַזאַביימל אַ פּנים פון אַ היימ־לאָזן מענטש — איינגעדאַרט און געבויגן. די בלעטער און די צווייגן זענען איינגעשרומפּן. די קאָרע — שוואַרץ, שיילט זיך. ווילדע, נישט דערוואַקסענע פּירות ווי פּאַרטריקנטע, וועלשענע ניס, הענגען מאַכטלאָז אַראָפּ. דער אָפּגעבליאַקע־וועטער בלעטער־קרוין, סיי זומער, סיי ווינטער, אין אַ נעץ פון זונפּעדים און שפּינוועבס.

אַזאַ שטייגער ביימל ווערט אויפגעריכט קוים פּאַלט עס אַריין אין עמעצנס אַ גערטנדל. דער אָליוו־גרין פון צווייגן און בלעטער ווערט נאָך גרינער, פרישער. אַ לעבעדיקע מראה האָט די קאָרע. זי גיט פון זיך אַרויס אַ ריח, אַ שמעקעדיקן, יונגן. אַן אויסגעגלייכטער, שטאָלצער שטייט דער בוים. ער איז באַהאָנגען מיט פּירות, צייטיקע, גוטע. די ערד אונטער אים — טעלערמעסיק אַרומגעגראָבן. דער שטאָם — אָפּגע־

קאַלכט. דער בוים באַשיינט דעם גאָרטן. ער קווועלט פון נחת עלעהיי אַ מענטש, וואָס וויל זאָגן:

— וווּיל איז דעם, וועמען ס׳שפּילט צו ס׳ביסעלע מזל.

*

די דאָזיקע ביימלעך, סיי פון דרויסן, סיי פון אינעווייניק, וואָס די האַק פון קאָרטשעווער האָט פאַרמיטן — זענען דער בראשית און דער סוף פון אַ חלום.

אַ חלום פון אַ פּרדס, וואָס האָט דאָ געשפּרייט אַ שאָטן. אַ גרינעם, פרישן ריח פון ברייט־צעוואַקסענע, קורץ־שטאַמיקע ביימלעך מיט געדיכטע בלעטערקרוינען.

דאָ איז אויפגעגאַנגען אַ ריח פון צעאַקערטער ערד, באַמיסטיקטער, מיט אַ גערוך פון געזונטן שווייס און מיט אַ חלום. —

און ס׳ציען זיך צו דעם חלום נייע עולים פון חרובע היימען, פון פייער־אויוונס, פון וועלדער, פון בונקערס. איינציקווייז און מאַסנווייז קומט מען אַהער — פון די קאַרפּאַטן־בערג ביז פון אונטער די בערג, אוראַלער.

נייע געצעלטן קומט מען אויפשטעלן אונטער אייגענעם פּאַסיקל בלוי, וואָס איבער דער ערד־רצועה צווישן ים און מדבר. געצעלטן, בלעך־ביידלעך און צריפים באַדעקן די טאָלן און פלאַכלאַנד פון שרון, די בערג פון יהודה, דעם כרמל און ירושלים — די פעלזיקע, צעשניטענע.

אַלע חלומען:

— פיר ווענט. אַ דאַך איבערן קאָפּ. אונטער די פיס — אַ שטיקעלע ערד, אַ שכון.

2

האָט מען דאָ געזען בלאָנדזשען אַ פרעמדן, איז תמיד געווען ווער ס'זאָל פרעגן: — וועמען זוכט איר? צו וועמען דאַרפט איר?

אויף חיימען, אויך אויף כוכבן האָט מען זיך לאַנג נישט באַדאַרפט נאָכפרעגן. געהערט דעם נאָמען, האָט מען תיכף געענטפערט מיט אַ שאלה:

— חיים פאַסטעך? כוכב דער פקיד? אָט דאָ לינקס מיטן כבישל, דריטער בלאָק, צווייטער שטאָק — איבער סעדיהן.

סעדיה פון די חמורים.

חיים וווינט איבער אים. זומער און ווינטער טראָגט חיים כאַקי־הויזן, אַרבעטס־שיך פון האַרטן בוקאַט און אַ וואָלענעם סוועטער. דער גרין־געבליאַקעוועטער, אָפגעטראָגענער סוועטער מאַכט חיימס געבויגענע, ברייטלעכע אַקסלען נאָכגעלאָזענער, זיין הויך־וווקסיקע פיגור — מגושמדיקער. לענגאויס זיין אָפגעברענטן קאַרק ציט זיך אַ שטויס קנייטשן — צעשיט אין פאַלדן, אין פעלדעלעך.

די האָר אויפן קאָפּ — אויסגעטריקנטע קאָלטונעס, גראָ און מאַט, ווי ווילדע בינטלעך שטרוי־גראָז אויף אַ סטעפּבערגל. אַרום די אויגן — קלוגע קנייטשעלעך. זיי מרוזשען זיך אָפּט, שווער צו זען זייער קאָליר. אַמאָל זענען זיי ראַב, אַמאָל — שוואַרץ. בעתן רעדן פלעמלט אין זיי אַ פאַרבאָרגן פייערל. די אַרויסשטאַרטשנדיקע גאָמבע, דער דינער מוילשניט, מאַכט זיין פנים־אויסדרוק שאַרפער, שפּיציקער, עפּעס נישט־דערזאָגטס בלייבט הינטערן מוילשניט. אויך דאָס געזאָגטע קלינגט ווערטלדיק, וויציק. אָפּט — בייסיקערנסט.

*

חיים ליגט אַצינד אויף דער סאָפקע. איין שוך פון פוס אַראָפּגעוואָרפן. דער צווייטער — הענגט אַן אויפגעשנאָר־וועטער. ערשט אַז סעדיה קלאַפּט פון אונטן אַרויף מיט עפּעס אין סופיט, אָדער גיט אַ געשריי דורכן פענצטער — דערמאָנט עס חיימען, אַז ער דאַרף אַראָפּוואַרפן דעם צווייטן שוך פון פוס.

דאָס אַרויפקלאַפּן, שרייען, הייסט ביי סעדיהן אַזוי גוט ווי געפרעגט:

— העי, ווי האַלט עס דאָרטן מיטן צווייטן שוך?

נאָכן צווייטן „פּאַל", ווייסט ער, ווערט שטיל. מען קען זיך צולייגן כאַפּן אַ דרימל. חיימס שיך, האָט סעדיה תרעומות, פאַלן מיט אַ הילך און מיט אַן עכאָ ווי ס׳וואָלטן געהאָנגען ערדענע טעפּ אונטערן בעטאָן־סופיט.

צום צווייטן שכן, דאַקעגן, צו כוכבן — האָט ער נישט קיין טענות, סעדיה. מען הערט אים אַזוי ווייניק. נאָך ווייניקער זעט מען אים. אַ שטילער מענטש, כוכב.

אַ האַלב אויסגעטוענער ליגט חיים אויפן בעטל מיטן פּנים אַרויף. רויכערט. ער קוקט זיך איין אין די רויך־רע־דער. זיי בויערן זיך אַרויף צום סופיט. זיי מאַכן געדיכטער, טונקעלער די קאַרגע ליכטיקייט פון איינציקן לעמפּל אין מיטן סטעליע.

ווי צירקאָווע, קליינע פערדלעך, פאַרהויבענע אויף צוויי פיס, קודלעוואַטע, ציען זיך די רויך־קנוילן פון זיין מויל, וויקלען זיך אַרום ווי אַ נעפּל.

אין צווייטן צימער, כוכבס, איז שטיל. כוכב איז נאָך נישט געקומען פון גאַס. ס׳רוב קומט ער שפּעט, ווען חיים שלאָפט.

ס׳טרעפט: אין דער שטילער אָוונט־שעה כאַפּט זיך חיימס דמיון אַרויף אויף די „פערדלעך״. ווייט, ווייט אויף קריגוועס, רייט ער אויף זיי אַוועק — צוריק מיט העכער פופציק יאָר:

— — — אַ קליין, אַלט משא־שיפל. קלעצער, זעק. טאַבאַק און צעמענט. איבער דער לאָדונג, ווי גרויסע וויגן אויף שטריק, הענגען בעטלעך איינס איבערן צווייטן. ענג־שאַפּט. שלעכטער ריח. ים־קראַנקייט.

בעתן אויפזעצן זיך, פּילסטו איבערן קאָפּ דעם שכן. די אַראָפּהענגענדיקע פּיס גרייכן איבערן קאָפּ פון דעם, וואָס אונטער דיר. די קאַיוטעס, דורכגענג זענען שוואַך באַ־לויכטן. פאַרלייגט מיט געהילץ, פּעק, וואַליזעס.

פינף וואָכן אויפן ים. אין די נעכט האָט געשראָקן די טונקעלע אומענדלעכקייט. בייטאָג — די בייזע, שוימיקע כוואַליעס. דער שוואַכער רעדער־גערויש, דאָס פאַרדושעטע דעכען, קלאַפּן פון מאָטאָר, האָט דערמאָנט אין סאָפּענדיק־שווערע אָטעמצוגן פון אַ גוסס.

*

מיט איין מאָל האָט אַלץ אויפגעהערט. ס׳איז געווען באַגינען. גרינג טראָגט זיך דאָס שיפל. מעוועס גיבן זיך אַ קוילער אַרויס פון ליידיקן רוים. מיט שפּיציקע פליגל, ווי שערן, שניידן זיי אַלכסונדיק די לופט. לאָזן זיך נידעריק אַראָפּ ביז איבערן גרין־גערונצלטן וואַסערפלאַך. אַ גליטש פאַרויס מיטן בייכל, אַ טובל דאָס קעפּל און ווי פון אייגע־נעם שאָטן דערשראָקן — אַ הויב אויף און אַוועק.

גאָר אַן אַנדער ווינטל שפּירט זיך. און אַ ריח טראָגט אָן דאָס ווינטל. אַ ריח פון צוגעהיימישטער ערד. שטחים

לײדיקע, נישט באַטראָטענע, פון קלײנעם לאַנד צו װעלכן דאָס משא־שיפל טראָגט זיך אַצינד.

ס׳איז געװאָרן נאַכט. ער האָט געהערט שרײען:

— יפו, יפו, כאַװאַדזשאַ! *

פון די גאַזלאַמטערנעס, אויף דער ראַמפּע, פאַלט אַ בלאַסע שײן. זי פּאַרלירט זיך אין געבראָכענעם גלאַנץ פון װאַסער — אַ צעאַקערטס פון די שוימיקע כװאַליעס.

דער נאָענטער ערד־פּאַס האָט גיך פאַרטריבן די פאַר־שלאָפענע שטיקער נאַכט פון די אויגן. געװעקט אין האַרץ די האָפענונג, װי אַ מאַמע װעקט פון שלאָף אַ קינד צום זײגן.

— — — איז ער דאָס ײנגל געװען, װאָס איז אַנדרימלט געװאָרן נאָענט פון ארץ־ישראל־ברעג? דאָס ײנגל, װאָס האָט צופוס, מיט פורן און באַנען זיך געשלעפּט ביז אָדעס? פון אָדעס מיטן שװאַרצן ים קײן איזמיר? פון איזמיר מיטן נעבעכדיקן שיפל קײן ארץ־ישראל?

---

* הער (אַראַביש).

קאַפּיטל זעקס

1

צוויי מאָל אין טאָג — באַגינען צום אַרויסטרייבן די חמורים און פאַרנאַכט, ווען ער קומט רייטנדיק אויף זיי צוריק — האָט זיך געלאָזט הערן סעדיהס קול.

ווערדליג דעם קרעפטיק־צעקלונגענעם גאָרגל־קול, האָט מען געקענט מיינען — דאָס שרייט אַ מאַנצפערשוין, אַ גבר. אַ געשריי באַגלייט מיט טרוקענע קלעפּ פון אַ שטעקעלע איבער בייניקע רוקנס: אַ הויך פּאָרסקען, סמאָרזשען און ניסן פון בהמישע נאָזלעכער און אַ הילכיק אונטערהאָפּסלען פון קאָפּיטקעס אויף שטיין.

האָט מען אָבער אַ קוק געטאָן אויף סעדיהס דאַר יינגליש גופל, אויפן בייניקן פּנים און באַקן־הויטן, אָפּגע־צויגענע, מאָגערע — האָט מען זיך שוין גאָר געוווּנדערט:

— פון וואַנעט, ווי אַזוי, קומט אַרויס פון אַזאַ העלדזל אַזאַ מעכטיק קול?

אַן אויסנאַם איז סעדיהס בערדל. כאָטש שיטערלעך, וואַקסט עס ברייט איבערן גאַנצן פּנים און נישט ווי ביי ס׳רוב תימנער — אין די זייטן און אויף שפּיץ גאָמבע. אַ היפּש שוואַרץ בערדל מיט גראָע האָר — גיט עס צו זיין פּנים מענלעכקייט און ערנסט.

*

אין שכון איז סעדיה געקומען פון שכונת „כאַפּ״. אין שכונת „כאַפּ״ ווערט פון אַ געצעלט אַ צריף. דעם צריף מויערט מען אַרום מיט ציגל, שטיינבלאָקן. מען טינקעוועט אויס אינעווייניק, אין דרויסן — אַ ווערא‏ַנדע, אַ גערטנדל און מען ווערט אַ באַלעבאָס פון אַ הייזקע.

סעדיה האָט צו זיין הייזקע צוגעשטעלט אַ שטעלעכל פאַר די חמורים. אַ שטעלעכל מיט אַן אַזבעסט־דעכל, מיט אַ פענצטער, מיט אַ צעמענט־פּאָדלאָגע. אין זינען האָט ער געהאַט: אסתרקע, די טאָכטער, וועט אונטערוואַקסן, האָט ער פאַר איר אַ גרייטע שטוב. אַז מען וועט דאַרפן — ווועט ער אויך צובויען אַ קעכל.

אין שכונת „כאַפּ״ פרעגט מען נישט אויף קיין רשיון.

איז דערווייל אַן אתחלתא דגאולה געקומען אויף כל ישראל. אַ נייעם כביש האָט מען באַדאַרפט פלאַסטערן אַקוראַט ווו זיין הויז שטייט.

זענען זיי אַלע דריי, ער, נעמי זיין ווייב און אסתר, געקומען דאָ אַהער אין שכון. אויפן ליידיקן שטיקל מגרש,* נישט ווייט פון פענצטער, האָט סעדיה תיכף אויפגעשטעלט אַ שטעלעכל מיט אַ געגאָסענעם דאַך. די צוויי פענצטער זענען פאַרקלאַפּט דערווייל מיט ברעטער. אַז אסתר ווועט אם ירצה השם אַ כלה ווערן — ווערט פון איין פענצטער אַ טיר. צוויי ווענט צושטעלן און אַ פריש דעכל אָפּגיסן, איז נישט קיין גרויסע זאַך. דער עיקר איז טאַקע דאָס דעכל. וואָרעם גילטן גילט נאָך דערווייל דאָס טערקישע געזעץ: ווי באַלד ס׳איז געלייגט דער דאַך — טאָר מען נישט צע־וואַרפן ס׳הויז.

---

* פּלאַץ.

אַז אסתר וועט בעזרת השם חתונה האָבן — האָט סעדיה געטראַכט בעת ער איז אַריין אין שכון — האָט ער שוין גרייט פאַר איר אַ דירה. פאַר די חמורים איז ער אויס־געזאָרגט. לאַנג וועלן זיי נישט שטיין אין דרויסן. גענוג פרייער שטח איז נאָך געבליבן. —

2

דער ערשטער האָט סעדיה אַרומגעצאַמט זיין חלק ערד מיט פלעקער, מיט דרענגער און שטעכלדראָט. ביים אַריינגאַנג און היפש ווייט אַרום פענצטער, האָט זיך גע־שפרייט סעדיהס גאָרטן — דער שענסטער גאָרטן אין דער שכונה.

נאָך צוויי שכנים האָט דאָס בלאָק־הויז. איינער — אונטן, אַקעגן סעדיהן. דער צווייטער — אויפן גאָרן, לינקס פון חיימען און כוכבן. ביידע — קינדערלאָזע משפחות. אַ יונג פּאָרפאָלק, וואָס איז קיינמאָל נישטאָ אין שטוב. צוויי עלטערע לייט, פון פערסיע. די צוויי אַלטע לייט ווינען אויף שכירות, וואָס זיי האָבן נישט פון וואַנען צו צאָלן. לעבן פון דער „סאָציאַלע" — זאָגט די אַלטע. דער מאַן — איז האַלב פּאַראַליזירט.

דאָס ערשטע יאָר האָט מען אים נאָך געהערט אַרומ־טשאַפּען אין שטוב. שלעפּן דעם פּאַראַליזירטן פוס. נאָכן צווייטן אָנפאַל ליגט ער אין בעט. נעמי טראָגט אָפט עפּעס אַרויף. שעהן לאַנג מאָלט זיך איר נאָך דעם דאָס געשטאַלט פון געליימטן. דאָס אויסגעקרימטע פּנים, די נאָכהענגענ־דיקע ליפּ און דער בליק פון זיינע פאַרנעפּלטע אויגן.

איז די ריינקייט פון הויף געפאַלן אויף נעמין. געטאָן

האָט עס אסתר. אסתר איז אויך די באַלעבאָסטע אין שטוב. נעמי איז שוואַך, אַלט. צו פרי אַלט געוואָרן. אַ גרויסער צער אויף איר. פיר קינדער האָט זי געבוירן און געבליבן איז איר נישט מער ווי דאָס. זיצט נעמי גאַנצע טעג און צערע־וועט, נייט, לאַטעט סעדיהס הויזן, העמדער, זאָקן.

אסתר איז אַ גרויסע שטיץ אין שטוב. זי איז אַ פקידה. ברענגט אַהיים אַ חודשלעכן געהאַלט.

מען האָט זי צוליב דעם אויך באַפרייט פון מיליטער. סעדיה איז צופרידן, וואָס דאָס מיידל דאַרף נישט זיין דאָרטן אין די אומעטיקע האָלץ־באַראַקן. ער געדענקט גוט די באַראַקן פון דער באַפרייאונגס־מלחמה. געזעסן אין סאַראַ־פענד לאַנגע חדשים. געאַרבעט אין דער קיך. קאַרטאָפל גע־שיילט. אָ, וויפל חיילים מען האָט אַהין געבראַכט. פון דאָרט זיי גלייך געשיקט אויפן פראָנט. יעדן טאָג האָט ער געזען נייע מענטשן. אַ סך עולים צווישן זיי געווען. דערקענט זיי לויט די געגאָלטע פנימער און עטוואָס איבערגעשראָקע־נע אויגן. הוילע קעפּ. און די היטלען? מאָדנע היטלען און בגדים — פון חוץ־לארץ. די ערשטע זענען זיי, די נייע עולים, געלאָפן מיט די מעסטינגס אין חדר־אוכל. די עלטערע צווישן זיי זענען געווען טרויעריקע, שווייגנדיקע. געדרייט זיך צווישן די געצעלטן. געלעגן אויף די בעטלעך.

אַ סך האָבן זיך אומגעטראָגן מיט קראַנקן־צעטלען. זיך געקלאָגט פאַרן מפקד:

— חולה. צום דאָקטאָר.

איינמאָל האָט צביקה, דער מפקד, צונויפגענומען אַלע קראַנקן־צעטלען, געמאַכט אַ פייער און זיי אונטערגעצונדן. פון היינט אָן — האָט ער געזאָגט — וועלן אַלע זיין געזונט. אַוועק מיטן רויך די לאַטיינישע אותיות...

מען האָט טאַקע נאָך דעם ווייניקער זיך געקלאָגט. מען האָט זיי געשיקט אויפן פראָנט. מסכנים.

אים איז אויך נמאס געוואָרן די קאַזאַרמע. דערעסן ס׳שיילן קאַרטאָפל.

סעדיה איז צופרידן, וואָס אסתר דאַרף נישט טראָגן אויף זיך ס׳זעלנערישע אָנטאָן. אַוודאי וואָלט גוט געווען ווען השם יתברך שיקט צו אַ גוטן זיווג פאַר איר. עס שטייט געשריבן:

— בת בוגרת צריך לחתן.*

אין שולעכל, ווו ער דאַוונט, הערט ער די דאָזיקע ווערטער. אַלע קוקן בשעת־מעשה אויף אים. אַ שטייגער זיי ווילן זאָגן:

— ח״י שנים, און אפשר מיט אַ שמיץ אַריבער: ווי לאַנג קען מען אַזאַ מיידל האַלטן אין שטוב?

---

* אַ מיידל ראויה לחופה.

קאַפּיטל זיבן

1

אויפגעוועקט פון שלאָף האָט כּוכבן סעדיהס קול.
ער טרייבט שוין אַרויס די חמורים פון שטעלעכל, האָט ער צו זיך געזאָגט. ער האָט שוין נישט געקענט איינשלאָפן.
ווי אַ באַן אַן אָפּגייענדיקע, וואָס לאָזט נאָך זיך אַ פּוסטקייט און אַ נאָכקלאַנג פון אַ גערויש — האָט זיך פאַר אים געשטעלט דער טאָג:
דאָס שמאָלע כּבֿיש צום אויטאָבוס. די ענגשאַפּט אינע־ווייניק. דער שטאָטישער גאָרטן, וואָס ער גייט פאַרביי צופוס ביז דער עליה־גאַס. פון דער עליה־גאַס מיטן ליידיקן שטיקל פעלד, מיט דער סטעזשקע, צום איינשטאָקיקן הויז — דעם סוכנות־אַמט.
אַן אַלט אַראַביש הויז. עטלעכע טרעפּלעך. אַ לאַנגער טונ־קעלער קאָרידאָר פּירט אין אַ גרויסן אויפנעם־צימער. הויכע טירן. שמאָלע פענצטער מיט קליינע, קאָליריקע שייבלעך. אין מיטן צימער — דער לאַנגער, הילצערנער טיש. שטולן. בענקלעך ביי די ווענט. די בענק זענען תּמיד באַזעצט. תּמיד אַ געקלאַפּ פון עפענען און פאַרמאַכן די טירן.
מחמת זיין פרי אַרויספאָרן פון שטוב, זיצט ער אָפּט אונטער אין גאָרטן. אין דער פריער שעה איז די לופט אַ

יונגע, אַ פרישע. די בלומענקוסטן, דאָס גראָז, די שלאַנקע ברושים, באַדעקט אַ פייכטקייט, אַ טויאיקע. ער זיצט אויף אַ באַנק. קוקט אויף אַ קעצל וואָס איז פון ערגעץ אָנגע־שפּרונגען אין געיעג נאָך אַ פייגעלע. אַ טייבעלע שטעלט זיך נאָענט פון אים. טוקט דאָס קעפּל אין אַ זונענפלעק. פּיקט אויס אַ קערנדל, אַ ווערימל פון גראָז און האָפּסלט אַוועק. אַ פּיק און האָפּסלט ווייטער. ער איז מקנא דאָס טייבעלע. ווי ווויל, ווי גוט איז דעם באַפּליגלטן באַשעפעניש. — אָט שטייט עס און אָט גיט זיך עס אַ הייב און אַ פלי — האָט ער צו זיך גערעדט — דער טוי, דער באַגינען, די זון — קומט אויף און פאַרגייט. איז זיך מחדש. און איך — פּיקע דעם חודשלעכן געהאַלט און זיץ אויף אַן אָרט. לעב פון גרייטן: אַלטע מחשבות. חשבונות מיט דער וועלט, מיט זיך. צוריק־געשמועסט: קען מען דען נעמען ס׳נייע אָנעם אַלטן? סיי ווי: באַלד וועט ער אויך האָבן אַ שם פון אַ מרוק, פון אַן אַלטן קאַוואַליער, און אַ נודניק דערצו. והראיה: וויפל מאָל מען האָט אים שוין אָנגעוווּנקען שידוכים, ער וואַרפט אַלץ אָפּ. פיר שטאַנגען, צוויי מענטשן, אַ בעט — שוין? דאָס איז אַלץ? אָן אַ ביסל ליבע האָט עס נישט קיין האַפט. אַ לאַנגוויַיל, אַ לאַסט ווערט אויך די אַרבעט. ווי ס׳שטייט געשריבן: „ידע שור קונהו...״ ווידער משרד. פאַרשריפטן. פּאַראַגראַפן. מענטשן. עס וואַרטן אויף אים מענטשן. ער זעט די פּנימער פון די וואַרטנדיקע, זייערע העוויות, הערט זייער גערייד, די אַמפּערנישן. זיי דערטראָגן זיך צו אים אי־נעווייניק. אַנומלט האָט ער געהערט:

— וואָס זאָגט איר נישט צום טריפּאָליטאַנער? האָט אַוודאי דרייצן קינדער. וויל אַ שכון אין תל־אביב. אַנדערש פּאַסט אים נישט.

— און אַ ווייסער איז מער יחסן ביי בן־גוריונען?

— אַוודאי זענען ביי אים אַלע גלייך — אַלע ווערן פאַרשוואַרצט...

ער איז אַ בעלן געווען און געעפנט די טיר.

די דריי יונגעלייט וועמענס שטימען ער האָט נאָר וואָס געהערט, זענען געוואָרן אַנטשוויגן. אין וואַנט אָנגעשפּאַרט, האָט געדרימלט אַ דריבנע יידל מיט אַ גרויסער, גראָלעכער באָרד, פאַרקוועטשט אונטער דער גאָמבע. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קאָנווערט. די עטלעכע מינוט, וואָס די טיר איז געווען אָפן, איז דער קאָנווערט צוויי מאָל אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט. איינער פון די דריי יונגעלייט איז צוגעגאַנגען צום ייד, אים אַ טאָרע געטאָן, אָנגעוויזן אויפן אַראָפּגעפאַלענעם קאָנווערט. ביידע מאָל האָט דער ייד אַ פאַרצאַפּלטער, זיך איבערגעוועקט, אויף גיך זיך אַראָפּגעבויגן און אַ כאַפּ געטאָן דעם קאָנווערט, ווי עפּעס אַ פרעמדע, געפונענע זאַך. ביידע מאָל האָט ער מיט אַ דערשראָקן, פאַרשלאָפן קול געפרעגט:

— וואָסער נומער איז אַריין?

— איר וועט פאַר מיר נישט אַריינגיין.

— איך האָב נאָר געפרעגט.

— מ'ווייסט שוין. מ'ווייסט שוין אייערע פּראָטעקציע־ברייוולעך.

דאָס איז געווען אַ יונגע פּרויען־שטים. אויך דאָס טונקלהויטיקע פּנים, דער פינקל אין די שוואַרצע אויגן — איז געווען יונג.

זי איז געזעסן אין אַ ווינקל מיט אַ קינד אויף דער האַנט. ס'צווייטע האַלט זיך ביי איר פּאָדל. אַ לייכט געבלימט זומערקלייד טראָגט זי. די האָר נאַכלעסיק אַרומגענומען אויף אונטן מיט אַ בענדל.

*

אין דער פריער מאָרגן־שעה ווען שלאָפן קען מען נישט און אויפשטיין איז צו פרי — האָט כוכב אין אַ סך זאַכן געדענקט. אין מוח האָט ווי דער פלוס פון אַ וואַסערל, אַ שטראָמיקס און לויטערס, גענומען רוישן. אין דער קלאָ־רער פליסיקייט פון וואַסערל, זעט ער ווי אין אַ שפּיגעלע זיין פנים. אַ יונג פנים.

אַ קינד.

ער איז קראַנק אויף שקאַרלאַטין. מלחמה. אַ הונגער. צען קינדער הונגערן. ער איז שוואַך. ער מוז עסן. די מאַמע גייט צום בעקער, בעט זיך:

„צען דעקאָ געבייטלט ברויט פאַר אַ קראַנק קינד״.

— — — אַ יינגל אין שול־עלטער. ער לערנט זיך גוט. לייענט אַ סך ביכער. אַ סך חכמה לערנט ער פון די ביכער. ער וויל זיין אַ לערער. אפשר אַ שרייבער. אַ גרויסער מענטש וויל ער זיין. אויף אַ הויכן באַרג וועט ער אויפשטעלן זיין הויז. ער וועט רעדן מיט די אָדלער, מיט די פייגל. אַ שלמה המלך. אַ קליינער שלמה המלך. ער׳ט פאַרשטיין די שפּראַך פון יעדן עוף.

— — — אונטערן באַרג שטייט די לערערין געניע. זי קוקט אַרויף צו אים. לאַכט. „ער וועט אויסוואַקסן אַ גרוי־סער מענטש״ — שמייכלט זי צו זיך. אַלע שילער פון דער קלאַס שטייען אַרום דער לערערין געניע, צופוסנס פון באַרג. אַלע קוקן צו אים אַרויף. —

— — — וואַרשע. מייסטערס. געהיימע קרייזלעך. אי־דעאַלן. ער חלומט פון אַ נייער וועלט, אַ שיינער, אַ גערעכ־טער.

אונטער די פיס האָט געברענט די ערד. מלחמה. רויטע אַרמיי.

— — — דאָס 175סטע פּאָלק פון מאָסקווער דיוויזיע איז צעקלאַפּט. קאָמאַנדיר מאַיאָר פּאָפּאָוו מיט די לעצטע רעשטלעך, בלייבט אין וואַלד. לעם טייך סאָש איז די פּאַר־טיזאַנער־באַזע. נישט ווייט געפינט זיך אַ גרויסער פּאַמי־ליע־לאַגער. ער דערוויסט זיך: דעם טאַטן, די ברידער האָט מען אַרויסגעפירט אויף „אַרבעט". די מאַמע איז געבליבן אין געטאָ. צי לעבט זי נאָך, די מאַמע? ער מוז גיין אין גע־טאָ. קוים לעבט זי — מוז ער זי ראַטעווען. ער וועט זי ברענגען אין וואַלד — באַשליסט ער און ווענדעט זיך צו זיין קאָמאַנדיר — מאַיאָר פּאָפּאָוו.

— גאַלובטשיק, קודאַ? ווּהין? — האָט אים דער מיטליאָריקער, גוטער, רוסישער קאָמאַנדיר אָנגענומען פּאַ־טערלעך ביים אַקסל.

— אָדער איך וועל געהרגעט ווערן, אָדער צוריקקומען אַ לעבעדיקער מיט דער מאַמען.

— איך האָב אויך אַ מאַמען אין דער היים געלאָזט. אַ פרוי מיט דריי קינדער. מלחמה, ברודערקע.

ער האָט זיך געהאַלטן ביי ס׳זייניקע. מאַיאָר פּאָפּאָוו האָט געגעבן זיין הסכמה. און אַ ברכה האָט ער מיטגעגעבן:

— ווּ נאָר דו וועסט קומען, ווּ וועסט אַ מענטש, אַן אונדזעריקן, טרעפן — דערצייל: פּאַרטיזאַנער זענען דאָ אין די וועלדער. אַ סך פּאַרטיזאַנער. מען קעמפט קעגן גערמאַ־ניעץ.

ער איז געגאַנגען.

דורך פעלדער, טראַקטן און מיעדזע־וועגלעך, דורך זומפּיקע ערטער און געדיכטע קזשאַקעס, איז ער געגאַנ־

געו. זיך אויסבאַהאַלטן אין היי־סטויגן, אין גיטער, פאַר־לאָזטע, אין אַ הונט־בודע.

פאַרשטעלט זיך פאַר אַ פאַראָבעק אַ תמעוואַטן, פאַר אַ בעטלער ביי די שוועלן פון קאָשטשאָלן. אויף קרייצוועגן ביי אַ צלם מיט אַ צוגעטשוועקעוועטן יעזוס געזעסן מיט אַ פנים פון אַ געליימטער, וויסטער קאַליקע. פאַרבייגייענדיקע, גוטע פויערטעס אין אָרעמע קליידער, מיט כוסטעס אויף די קעפּ, האָבן פרום זיך געצלמט און צוגעוואָרפן עטלעכע גראָשן, שטיקלעך ברויט.

בלאַסער ווי תמיד האָט אויסגעזען דער צוגעטשוועקעוועטער יעזוס מיט פאַרוואָרפענעם קאָפּ און צעווונדיקטן גופל. ס׳איז אים אויסגעקומען, ווי אויך דאָס יעזוסל וואָלט זיך געבעטן:

— שענקט אַ ביסעלע גלויבן, אַ ביסעלע געטלעכקייט דעם אָרעמען מענטש, דעם געשלאָגענעם, באַליידיקטן.

טעג, וואָכן זיך געגערט מיט ווילדע שוואָמען, מיט סאָק פון ביימער.

געגעכטיקט אויף ביידעמער, אין הינטערשטאָטישע באָמבאַרדירטע הייזער. געשלאָפן אויף איין געלעגער מיט אַ שיכור, דערבאַרעמדיק גאַסן־מיידל.

דורך מאָגילעוו, אָרשע, ניגאָרעלאָיע, סטאָלפּצי, באַראַ־נאָוויטש קיין נאָוואָגרודעק, אַ היים זיך דערשלאָגן. אַריינ־געגנבעט זיך אין געטאָ.

לעבט זי, די מאַמע? יאָ. זי לעבט. וווינט אין אַ פרעמ־דער שטוב. דריי משפחות — אין איין שטוב.

דער יודענראַט שרייבט נישט צו קיין צוגעקומענע: נישט פון אַנדערע געטאָס, נישט פון דרויסן. „וואַלד", „גע־ווער", „פאַרטיזאַנער" — אַ פחד וואַרפן אָן די ווערטער אויף די געטאָ־מענטשן.

— שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ די זאַכן, זון מיינער — האָט צו אים די מאַמע געזאָגט — כ׳וועל זיך אויסטאַרען פאַר דיר אַן אַרבעטסשיין.

— מיט אַן אַרבעטסשיין און אָן אַן אַרבעטסשיין — איין גרוב גראָבט מען פאַר אונדז אַלע. קום מיט מיר, מאַמע.

— נישט פאַר מיינע כוחות דער וואַלד, זון מיינער. פאַר וואָס האָסטו דיין לעבן איינגעשטעלט? בלייב שוין דאָ. אפשר וועט עמעצער אַהיימקומען.

— פון „דאָרטן" קומט מען נישט צוריק.

— גיי. איך בעט דיך. ראַטעווע זיך. טו מיר צוליב.

ער האָט איר צוליב געטאָן.

— — — ווידער פאַרטיזאַן. ער איז אין אַן אויסשפּיר־גרופּע. פינף מאַן אויף אַ ברייט פון עטלעכע צענדליק מעטער, גייען מיט אַ וואַלד־וועג צו אַ דאָרף. דאָרט האַלט זיך אויף דער שטאַב פון דייטשישן פאַרשטאַרקונגס־כוח, וואָס קעמפט מיט די פאַרטיזאַנער. ביי דער אַקציע ווערט ער פאַרוווּנדעט. די חברים טראָגן אים אויף די פּלייצעס ביזן פעלד־שפּיטאָל. אין מיטן נאַכט באַפאַלט מען דאָס פאַר־מאַסקירטע פעלד־שפּיטאָל. ער בלייבט ליגן אַ פאַרוווּנדעטער הינטער אַ קזשאַק. אייגענע באַמערקן אים. מען ברענגט אים אויף אַן עראָפּלאַן קיין מאָסקווע. דריי חדשים געבליבן אין מאָסקווער שפּיטאָל.

פּוילישע בירגער, צוריקגעקומענע פון פראָנט, האָט מען דעמאָלט באַפרייט פון מיליטער. ער האָט זיך מאָביליזירט אין אַנדערס׳ אַרמיי.

*

— און דאָ?

קיינער איז אים נישט אַקעגנגעלאָפן מיט אָפענע

אָרעמס. נישט געקלעפּלט אים קרובדיק אין פּלייצע: „גוט וואָס ביסט געקומען".

אים איז אַקעגנגעקומען אַ לאַנדשאַפט — אַ נייע, אַ פרעמדע. ער איז נישט געפאַלן קושן די ערד, די הייליקע. נישט קיין פרייד־ציטער איז אים איבערן לייב אַדורך. נישט קיין שרעק, אַסאָציאַציע...

אים זענען אַקעגנגעקומען הויכע, שטייפע ברושים, עקאַליפּטוסן, גראָבשטאַמיקע, קרומלעכע, ענלעך צו די פּוי־לישע ווערבעס. אויף אַ סך פון זיי האָט זיך געשיילט די קאָרע. אַ נייער, דורכזיכטיקער, דינער פלאַסט האָט ווי אַ הויט אַ ראָזעווע, יונגע, באַדעקט דאָס נאַקעטע לייב פון בוים.

איז ער נישט צו איינעם פון די ביימער געגליכן? — איז אים דעמאָלט פאַרביי אַ געדאַנק — וויפל הויטן וועלן פון אים פאַלן און וויפל וועלן אָנוואַקסן ביז ער וועט דאָ שלאָגן וואָרצלען?

אַ וויי און אַ וווּנדער אויף דער שיינקייט:

ישובים. פּעקלעך הייזער. גערטנדלעך. טירלעך. טויער־לעך פירן צו די הייזקעס. ביימלעך מיט אַריינגעפלאָכטענע קרוינען. ס׳געצווייג און בלעטער — אַרומגעשוירן אין האַלבן קיילעך — דערמאָנען אין געוועלבטע סופיטן ביים אַריינגאַנג פון טעמפּלען.

אַרום די שטיבלעך — בלומען, זונרויזן, קוקורוזע־שטאַנגען. די זונרויזן האָבן קיילעכדיקע, געלע קעפּ, שטייען מיט די פּאָרנטס צו דער זון, נייגן זיך פון רייפקייט. געבויגן איינע צו די אַנדערע, זעען זיי אויס ווי מעשענע טאַצן.

2

חיים איז שוין געהאַט אַראָפּגעגאַנגען פון בעט. אין גרינעם סוועטער, אין די שווערע שיך, געדרייט זיך אין שטוב. ער האָט אָנגעהאָנגען די טאָרבע אויפן אָרעם און אַרויס. חיים גייט תמיד פריער פאַר כוכבן צו דער אַרבעט.

ערשט נאָך חיימס אַוועקגיין, האָט כוכב זיך דער־מאָנט: באַדאַרפט אים דערציילן וועגן דער באַגעגעניש מיט מרימען ביי איר אין שטוב, וועגן פאַל — זינאַ.

אָ, ווי זי האָט אויסגעזען, דאָס מיידל. וויפל טרויער אין אירע בלויע אויגן. זי האָט געפּרוּווט אָנצינדן אַ סיגאַ־רעטל און נישט געקענט. געוואָלט מיט די רויך־קנוילן פאַר־שטעלן איר פּנים, איר צעטראָגנקייט, איר שמייכעלע, דאָס אויסגעבאָרגטע, עזותדיקע. זי האָט, דאַכט זיך, אויך גע־וואָלט עפּעס זאָגן. אירע אַקסלען האָבן געציטערט. זי האָט אינגאַנצן געציטערט בעת זי האָט זיך געטאָן אַ שטעל אויף און אָן אַ „שלום" אַרויס פון שטוב.

*

אין דרויסן איז שוין געווען גוט ליכטיק. דער אייז־פאַרקויפער האָט ווי אַלע אינדערפרי, אין דער זעלבער שעה, געוועקט די מאָרגנשטילקייט מיטן גלעקל און מיטן גע־שריי:

— קרח, קרח!*

כוכב איז אַראָפּ פון בעט. אַרומגעוואַשן זיך. אָפּראַזירט. אָנגעטאָן. האַלב אַכט אַזייגער איז ער אַרויס פון שטוב.

---

* אייז, אייז!

אין הויף איז געשטאַנען אסתר. זי האָט באַשפּריצט דעם גאָרטן. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ געבלימטן סאַראַפאַן. נאַקעטע אָרעמס. נאַקעטע פיס אין שטעקשיך. שיין־געפּאָרעמטע און נאָך שענער אַוועקגעשטעלטע פיס — האָבן זיך כוכבן אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן. ער האָט זי נאָך קיינמאָל, דאַכט זיך, אַזוי־אָ נישט געזען.

אסתר? אין אַן אויסדעקאָלטירטן שלאָפראָק?

אויך איר פּנים האָט זיך אים אויסגעוויזן שענער, ליכטיקער. נישט קיין געוויינלעך פּנים פון אַ תימנער מיידל. פון אונטער איר מאַטער הויט האָט אַפּערגעשלאָגן אַ דורכזיכטיקייט, אַ העלע. גרויסע, עטוואָס פאַרוווּנדערטע אויגן. אַ שוואַרצער, באַהאַלטענער פלאַם אין זיי. די ווייסלען — אויסגעליכטיקטע, גלאַנציקע, ווי די וואַסערטראָפּנס, די פרישע, וואָס הענגען אויף די באַשפּריצטע בלומענבלעטער.

— שלום.

— שלום.

ביידע האָבן זיך איבערגעשמייכלט.

אויפן וועג האָט זיך כוכב דערמאָנט: חיים האָט אים ווען׳ס אַ ברום געטאָן:

— עפּעס צו אָפּט און צופיל פאַרפּוצט טרעפט מען זי אין דרויסן.

יאָ. סעדיה האָט מיט אים, דאַכט זיך, געוואָלט עפּעס רעדן, געטראָפן אים אַנומלט אין הויף. „שלום, אדון״. סעדיה איז שטיין געבליבן. געצופּט דאָס בערדל. געקוקט. אַ קינדיש־פאַרלאָרענעם שמייכל געטאָן און אַוועקגעגאַנגען.

כוכב טראַכט נישט וועגן אסתרן. נאָר ווען ער זעט זי פאַרבייגיין, אָדער שטיין אין פענצטער, זאָגט ער צו זיך:

— אַ שיין מיידל, אסתר.

כוכב האָט גייענדיק צום אויטאָבוס, געקויפט אַ מאָרגנ־צייטונג. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויף די „קעפּ״:

„ווידער מצרישע אַריינדרינגלער ביי עזה״.

„פּאָריקע נאַכט זענען פיר אַריינדרינגלער דערהרגעט געוואָרן בעת אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ צה״ל־פּאַטרול דרומדיק פון קרייצוועג — סעד. לעם איינעם פון די דערהרגעטע איז געפונען געוואָרן אַן אויטאָמאַט פון טיפּ „קאַרל גוסטאַוו״.

אַ גאַנצן טאָג האָט כוכב געטראַכט וועגן די נייעסן. זיי האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט. תמיד נאָך אַזעלכע ידיעות הערט ער נישט אויף צו טראַכטן:

באַזיגט די אַראַבער און פאַרשפּילט דעם שלום. יידישער פּאַס ערד. פּאַסיקל בלוי. — אַזויפיל עולים־לאַגערן. מעברות. צריפים־געצעלטן. און אין שער־עליה? און אויף די וואַסערן? שיפן. שיפן מיט רעשטלעך יידן.

— ווען זיי דאָ זעטיקן דעם הונגער צום לעבן?

און ווידער נייעס. גאָר אַנדערע נייעס:

„געגרינדעט פיר עולים־ישובים אויפן אויבערשטן גליל״.

„אָנגעהויבן ס׳דורכברעכן דעם נייעם וועג אויף סדום״.

„אויפגעשטעלט נייע אָנהאַלט־פּונקטן אין צפונטייל פון נגב״.

ער האָט זיך דערמאָנט אין דער מאַמעס ווערטל:

„די שטוב ברענט און דער זייגער גייט״...

נאָך „קעפּ״ זעט ער:

„יורדים״.

„עולים און ותיקים פאַרלאָזן דאָס לאַנד״.

פאַר וואָס קומט מען דאָ אַהער? וואָס טרייבט פון

דאַנען? — האָט ער זיך געפרעגט און ער האָט זיך אַליין גע־ענטפערט:

— אומרו. פחד. מידקייט. מיד פון די אָנהייבן... פון די סופן...

חיים האָט דערויף אַן אַנדערן ענטפער:

— די שטאַרקע בלייבן און די שוואַכע אַנטלויפן. תמיד אַזוי געווען. אויך פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה.

דאָס לעבן, הייסט עס, סאָרטירט. אַ מין סאָרט־מאַ־שין איז דאָס לעבן. מען שיט אַריין קערנער: ווייץ, גערשטן, האָבער, פּראָסע. דאָס ראָד דרייט זיך און די קערנער פאַלן. די שווערע, פולע קערנער בלייבן ליגן. די שאָלן, די פּלעווע — יאָגט אָפּ דער ווינט...

— און ער? וואָס איז ער?

„דאָרטן" איז ער געווען אַ „פּלעווע". און דאָ וואָס איז ער?

ער איז אַ סוכנות־באַאַמטער. ער דאַרף עס מבטיח זיין, פאַרגיטיקן מיט שכון, מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ... משכנתאות אויף יאָרן. אויף לאַנגע יאָרן...

און אים קומט נאָך אַלץ אויס, אַז ער זיצט אויף אַן אויפגעכאַפּטער פור. אַלע אַזוי. אַראָפּ פון וואָגן — אַרויף אויפן וואָגן. ניין. מען איז שוין דאָ איינמאָל געווען. אַלע. דאָס זענען דאָך די זעלבע יידן, נאָר אַנדערע נעמען. ער איז אַ גלגול. אַלע דאָ זענען — גלגול. מען וועט ווידער נישט־ווערן. אויף ווייפל־טויזנט יאָר, צווייטויזנטער יאָר וועט מען נעלם ווערן?

זיי וועלן אויפשטיין. אויפהייבן די האַנט־האַק, קין'ס, און זי אַראָפּלאָזן אויפן אַלט־יונגן קאָפּ פון דער יידן־עדה — די לעצטע איינזאַמלונג.

אָפּשוועגקען דאָס פּאַסיקל ערד אונטערן פּאַסיקן בלוי.

מען װעט נישט אַרױס פֿון ים. פֿון ים קריצנדיקע צײן.
— ס׳װעט נישט זײן װי אַמאָל אין חומש — נסים. נישטאָ
דער מאַן מיטן כּישוף־שטעקן.

ס׳איז דאָ אַטאָם.

אײדער דער משחית װעט צעבלאָזן זײן פֿײער־אָטעם
איבערן אוניװערז, װעט די אײנזאַמלונג שױן זײן... מעבר
לים: מעבר לחיים. פֿון יענער זײט לעבן. —

אין אַ שורה אותיות, אין ספר המזלות — װעט זי צו־
ריק װערן מגולגל. אײן שורה מיט דרײ אָפּשטעלצײכנס:

בית ראשון. בית שני. בית שלישי.

ס׳שטײט געשריבן: ואחרי ככלות הכל לבדו ימלוך
נורא. װער װעט נאָך דעם הערשן? גאָט, צי דער אַטאָם?

און אפשר זענען דאָס בלױז שטימונגען? אױסדאַכטע־
נישן בײזע? ס׳קאָן גרײלעך זײן, אַז יענער יצחק, װאָס איז
פֿאַר אים געװען, האָט אױך אַזױ געטראַכט. דער װאָס װעט
נאָך אים קומען, װעט אױך טראַכטן אַזעלכע טראַכטענישן:
מחשבות פֿון אַ ייִד. אַ קראַנקער, מידער ייִד.

דער ייִד װאָס שטאַרבט און שטאַרבט און שטאַרבט
און האָט כּסדר מורא פֿאַרן טױט.

פּחד.

גלות.

געטאָ.

קאַפּיטל אַכט

1

„טוב שכן קרוב מאח רחוק" — בעסער אַ נאָענטער שכן, ווי אַ ווייטער ברודער.

אַ סך ווערטער הערט סעדיה אין שולעכל ווו ער דאַוונט. גוטע ווערטלעך האָט ער אַ טבע צו געדענקען. ברענגט זיי אין שטוב אַריין. דערציילט זיי איבער נעמין, אסתרן, און מאַכט דערביי אַ מינע פון אַ חכם. אַ בר־דעת. אַ מינע, וואָס וויל זאָגן:

— נישט נאָר אונטערהערן ווייסט ער. אויך לייטישער אויפפירן זיך, לערנט ער פון זיי.

אַז סעדיה ליגט אויפן בעטל און פון סופיט איבערן קאָפּ דערטראָגט זיך אַ קלאַפּ פון עפּעס אַ שווערער זאַך, ווייסט ער — חיים טוט אויס די שיך.

ער קלאַפּט נישט מער אַרויף, שרייט נישט. דאָסגלייכן, אין דער פרי, בעתן אַרויסטרייבן די חמורים פון שטעלעכל: סעדיה געוואַלדעוועט מער נישט. ער מאַכט עס שטיל. שטופּט זיי אונטער ביי די פריידיקעס און קלאַפּט מיטן שטעקעלע איבער די נאַקנס און צווישן די אויערן, די אייזלשע.

שטיל גייט ער נאָך די חמורים אויף די שפּיץ זוילן פון זיינע גרויסע, שווערע שיך.

טרעפט ער נאָך דעם אַ שכן, קנייטשט זיך זיין מאָגער, בייניק פנים ביז טיף אין שיטערן בערדל אַריין מיט אַ פאַר־שולדיקט שמייכעלע:

— מה לעשות? חמורים.*

אַ סך איינזען און דרך־ארץ האָט ער נאָך דעם צו זיך אַליין און ס׳טוט אים הנאה, וואָס חיים אָדער כוכב ענט־פערט אים לייטיש און פאַרגעבעריש:

— אין דבר. שוין צוגעוווינט.

שמייכלט ווידער סעדיה:

— אתה בן אדם טוב, איר זענט אַ גוטער מענטש, חיים.

ער וואָלט נאָך עפּעס זאָגן, פרעגן. ער וויל אים פרעגן, אַ שטייגער, וועגן דעם יונגנמאַן, דעם שכן, כוכב. צי קער ער זיך אָן מיט אים? צי איז ער סתם אַ לאַנדסמאַן, אַ באַקאַנ־טער? האָט ער דאָ קרובים? ער איז שוין נישט קיין יונגער־מאַן, האַ? ווי מיינט ער, חיים? דאַכט זיך אויך אַן עולה? פון די פריערדיקע עולים? און זיין טועכץ וואָס איז?

אסתר דערציילט, זאָגט נעמי, אַז ער איז אַ פּקיד אין סוכנות. ער איז דאָ אַליין. איינער אַליין פון אַ גאַנצער משפחה. אַ פּוילישער. אַ שטילער מענטש. שוין גאָר אַ שטי־לער מענטש, כוכב.

פון וואַנען ווייסט זי דאָס אַלץ? — האָט סעדיהן גע־וווּנדערט.

זי שטייט אין גאָרטן, דאָס מיידל. באַשפּריצט די בלו־מען — פאַרענטפערט נעמי — טרעפט, אַז כוכב גייט פאַרביי. שוין עטלעכע מאָל אַזוי געטראָפן. פאַרשטייט ער נאָך אַלץ נישט פאַר וואָס שטייט אסתר אין גאָרטן און באַשפּריצט די בלומען אַקוראַט ווען כוכב גייט פאַרביי? און וואָס האָט זי

---

* וואָס קען מען מאַכן? אייזלען.

צו רעדן מיט אַן אשכנזי? אַ געגאָלטער, אין הוילן קאָפּ, אַוודאי נישט קיין פרומער, ווי אַלע אשכנזים?

נאָר אַז סעדיה גיט אַ קוק אויפן מיידל — ווייסט ער שוין אַלץ.

זינט אסתר האָט נעמין דאָס דערציילט, איז זי גאָר אַן אַנדערע געוואָרן. שטייט ביים שפיגל לענגער ווי תמיד. פוצט זיך. קעמט זיך. טענצלט אונטער ביים גיין. אַ גדולה אויף איר.

אַלע אין דער פרי, איידער זי גייט צו דער אַרבעט און ווי נאָר זי קומט אַהיים — שטעלט זי זיך באַשפּריצן דעם גאָרטן. דאַרף מען נישט שפּריצן — רייסט זי אַרויס ס׳ווילד־גראָז, רייניקט, זעצט איבער אַ בלום. תמיד האָט זי וואָס צו טאָן אין דרויסן.

נו, יאָ. זעט ער דאָך שוין, סעדיה.

דערציילן איר, אַז ער איז זיי נישט סובל, די אַשכנזים, די עולים חדשים? קומען אַהער נישט מאהבת מרדכי, נאָר משנאת המן: מיטגעבראַכט מיט זיך די מגפה פון יורד זיין. אָנגעשטעקט אויך די היגע — ותיקים שבותיקים. געמאַכט פון לאַנד אַ פירהויז. יעדער איז אַ יוצא ונכנס. מ׳קומט און מ׳פאָרט. ווהין פאָרט מען? עגל הזהב? — און דאָס לשון זייערס? ס׳אַ לשון קודש? און די פירעכצער? — אַ חלול המקום והשם, לא עלינו.

ער וועט פונדעסטוועגן מיט איר איבעררעדן — האָט סעדיה באַשלאָסן. אסתר איז אַ גוט קינד. נישט קיין נאַריש מיידל.

ער וועט פאַר איין וועג אויך כאַפּן אַ שמועס מיט חיימען. ווי די זאַך מאַכט זיך, קאָן נישט שאָדן איבערכאַפּן עלטעכע ווערטער מיט חיימען.

2

שפעטער אָוונט. חיים ליגט אויפן בעטל. קוקט אויפן געפלאָכטענעם, קויטיקן עלעקטרישן דראָט מיטן איינציקן לעמפל. ברויעט מיט די האַלב־פאַרשלאָפענע אויגן אויף די פאַרשאָטנטע ווענט פון חדר, אויף דער שאַנק, עטאַזשערקע. ער דרימלט איין. כאַפּט זיך איבער. געדענקט, אַז ביידע — ער און כוכב — זיצן דאָ אויף שכירות. קיין מזומן איינצאָלן ביים אַריינגיין אין שכון, האָט ער נישט געהאַט. נישט גע־וואָלט נעמען אַ משכנתא: „אויף אַן אַלטן שוך לייגט מען נישט קיין לאַטע". און כוכב? ער פלאַנט פריער חתונה האָבן. ער האָט נאָך דעם פלאַן נישט אויפגעגעבן. —

אין די־אָ שעהן, ווען ער איז אַליין, מאָלט זיך אים דער צריף אין כפר־סבא: דער גרינוואַרג־גאָרטן. די אויבסט־ביימלעך, וואָס ער האָט אַליין געפלאַנצט. די וועראַנדע. פּערעלע, זיין ווייב...

— — — ער איז ווייניק געווען אין שטוב. אַ פעלד־יונג. אַ פאַסטעך ביי די בעדואינער. אַ שומר אויפן גליל. ער האָט ליב געהאַט דעם דרום, די מדבר־איינזאַמקייט.

אין די פאַרנאַכטן, פרימאָרגנס, בעתן אויפקום און לעשן זיך פון טאָג, ווערן די רוקנס פון די פלאַכע באַרג־קייטן באַדעקט מיט שטרייפן פון שאָטן און ליכט.

ווי געלער סאַמעט מיט דינעם גאָלד־שטויב באַצירט, זעען אויס די צעכוואַליעטע זאַמד־פלאַכן. וויפל מאָל ער האָט דאָס געזען און קיינמאָל האָט זיין אויג זיך נישט געקענט אָנזעטיקן.

פאַראַן שעהן, מעת־לעתן, צייטן אין יאָר, ווען דאָס ליכט פון טאָג, די אומברחמנותדיקע היץ און טריקעניש גייען אויף איינמאָסיק מיט דער גבורה־בלענדעניש פון הימל. ס'גליווערט

ממש די לופט — אַן אָנגעצונדענע פון רחבותדיקער שטיל־קייט.

*

פערעלעס מאַמע, די אַלטע, וואָס האָט מיט זיי גע־ווּינט אין צריף איז נישט געפעלן געוואָרן חיימס פירעכץ:

„פערעלע, ס׳איז דאָך נישט קיין מענטש".
„פערעלע, ער אַנטלויפט דאָך פון שטוב".
„ער אַנטלויפט נישט פון שטוב, מאַמע".
„חיים האָט ליב דאָס פעלד, דעם סטעפּ".

ווי רעגנטראָפּנס אויף האַרטן באָדן, וואָס זאַפּט איין פּאַמעלעך און האַלט לאַנג — האָבן דער אַלטער מאַמעס ווערטער געשפּאָלטן פערעלעס ווילן. —

חיים האָט גענומען דאָס פּעקעלע בגדים — און אַוועק־געגאַנגען.

— ניטע, חיים, ווּ גייסטו? — איז הענגען געבליבן פערעלעס שטים.

ער האָט געוווּסט: פערעלע האָט אים ליב. זי לעכצט נאָך זיין אָפּגעברענטן פּנים און מוסקולירטן ברוינעם האַלדז. נאָכן געזונטן ריח פון זיינע צעשויבערטע האָר, די שטייפע קודלעס, וואָס האָבן וואָכן לאַנג נישט געהאַט אויף זיך קיין קאַם און נישט באַדאַרפט.

זי האָט ליב געהאַט אַריינקוקן אין זיינע פעלד־אויגן, די ראַבע, וואָס האָבן צו איר געשמייכלט מיט הפקר־פייער־לעך. פערעלע האָט געבענקט נאָכן האַרציקן, שטאַרקן ברוסט־קול פון „פעלד־יונג", פון פאַסטעך.

— — — ער איז געווען אַ שומר אויפן גליל. געטראָגן

אַ טוך מיט אַן אַראַבישער כפיה * אויפן קאָפּ. אַ ביקס אויפן אָרעם. אַ ברייטע קוילן־טאַשמע איבערן האַלדז און אַ רע־וואָלווער ביי דער זייט.

געווען אַ פּאַראָבעק העכער אַ יאָר. געאַקערט, גע־זייעט, געשניטן די תבואה. אַליין געדרעשט און געפירט צום מילנער. געאַרבעט פון זונאויפגאַנג ביז נאַכט. און ביינאַכט? ווער וועט גרייטן עסן פאַר די בהמות? ווער וועט זיי אָנפּאָ־יען? אין דער ערב־טאָג־שעה פירן אויף דער פּאַשע?

אַ וויאָרסט, צוויי און אַ מאָל מער — איז דאָס פּאַשע־פעלד. דאָס „ווין־אָרט" פון פּאַראָבעק, איז די פערד־שטאַל. ס׳עסן — דאָס פשוטע אָרעמע עסן פון אַן אַראַבישן פועל: אַ פּיתה, איילבירטן, אַ פלעשעלע זויערמילך, אַמאָל אויך אַ געפּרייעט שיסעלע קאַשע.

*

ער געדענקט דגניה — אַ חאַן ** אויף אַ שפּיץ בערגל. צופוסנס פון בערגל — דער בלויער, שטילער אויסשפּרייט פון כנרת. ווייט, צפונדיק פון דער הויכקייט, איז דער אייביק שניי־ווייסער חרמון.

די ערשטע חברים פון דגניה זענען זיינע ידידים: אברהמל סאַפּירשטיין, בת־שבע זיין ווייבל, שקאָלניק, דודל.

אין די ווינטער־חדשים איז גערונען פון דאַך און פון די ווענט. ווילדע, וויסטע ווינטן האָבן זיך אַריינגעריסן דורך די לעכער און שפּאַלטן. מען האָט אויסרעמאָנטירט דעם חאַן. אויפגעשטעלט אַרום אים עטלעכע צריפים. אַ סך פון

* פּאַטשיילע.

** אכסניה (אַראַביש).

זיי זעט מען נישט היינט. איין צריף איז שטיין געבליבן. מען וווינט נישט דאָרט. אַקעגן די ניי־אויסגעבויטע הייזער, הויכע, גרויסע, זעט דער צריף אויס ווי אַ טויבנשלאַק. אַ ליידיקער טויבנשלאַק.

וויפל אַרבעט האָט מען דאָ אַריינגעלייגט ביים אָפּרייניקן דעם שטח פון שטיינער און סקאַלעס. אַרויסרייסן דאָס ווילדגראָז. פריי און פעאיק מאַכן דעם באָדן צום אַקער און פאַרזיי.

דער גאַנצער גליל איז דעמאָלט געווען ווי אַ פולווערפאַס. יעדער טאָג, יעדע שעה — אַ שוועבעלע. אינערלעכע אַרומרייסעניש צווישן די בעדואינער־שבטים מיט די אָרטיקע אַראַבישע איינוווינער: גאולת־דם־געשלעגן און רויבאָנפאַלן.

ווי נאַפט אויף פייער זענען געווען די ניי־צוגעקומענע יידישע דערפער און ווירטשאַפטן.

פתח־תקוה.

אַן אַראַביש דאָרף „מלבס״, אַ זומפּיק שטיק נידערלאַנד. עטלעכע צעוואָרפענע הייזקעס, צריפים לענגאויס דעם ירקון־ברעג. ס׳האָבן געוווינט ווייניק אַראַבער. זייער אָנטאָן — אַ לאַנג קלייד, ברייטע טאָרבע־הויזן, כפיהס.

אַ ווילדע טויב שטעלט זיך אַמאָל אויף אַן אָפּגעדאַרט ביימל. קרייזט אַרום אַ נידעריק, מיט פּאַפּע באַשלאָגן דעכל. צעפּאַטשט מיט פלי און מיט געקראַק די מאַנאָטאָניע פון מלבס.

ווייט ביז די אפרים־בערג און די הויכקייטן פון הר־גריזים, האָט זיך געצויגן די טרויעריקע ליידיקייט. ס׳האָבן זיך געוואַלגערט ווייסע שטיינער און סקאַלעס, ווי טויטע שאַרבנס. ווילדע גראָזן, דערנער־קוסטן, איילבירטן־ביימלעך.

דאָס איינציקע לעבעדיקע, באַוועגלעכע — איז דער

ירקון. אין די ווינטערס איז ער צעגאָסן איבערן גאַנצן שטח. זומער פליסט ער רואיק אין זיין שמאָלן בעקן.

לאַנג אין זומער אַריין האַלטן אָן די בלאָטעס און זומפּן. די היצן ראָיען־אויף דעם עיפּוש. מחנות קאָמאַרן פאַרפּעסטן די לופט, צעטראָגן מחלות איבערן מלבס.

אין די נעכט האָט אַראָפּגענידערט אַ שטילקייט, אַן אומרואיקע שטילקייט, ווי דאָס שווייגן פון פעלזן, וואָס שטורעמס זענען איבער זיי אַריבער.

דאָס האָט חיימען דערמאָנט אין אַלטן שיינעם חלום:

„בכל הלבנון, הדר הכרמל והשרון״.

אין די פאַרטאָגן, בעת ער האָט אַהיימגעפירט די פי פון פאַשע־פעלד, דורך דעם דאָרף, — האָט ער זיך דערמאָנט אין דאָזיקן פסוק, וואָס ער האָט געדענקט פון חדר.

אַן אָפּגעגאָסענער פון זון, וואָס קומט אַלע טאָג אַרויס פון הינטער די אפרים־בערג — האָט ער געזען דעם גאַנצן שטח. ער איז באַזעסן פון יידישע פויערים, יידישע יונגען און מיידלעך מיט ווינטיקע פנימער און שטייפע מוסקולן.

די זומפּן וועלן ווערן אויסגעטריקנט. די עקאַליפּטוסן ביי די ברעגן פון ירקון וועלן רייניקן די פאַרפּעסטעטע לופט. דער ווינט וועט פאַרטראָגן די זוימען פון בליעכץ און בלע־טער־זאַפּטן צו די זאַמדיקע מרחקים. די וואַסערן פון טייך וועלן די בתולה־ערד נאָכגיביקער, ווייכער מאַכן און זי באַ־פרוכפּערן. ס׳וועט זיין, ווי דער רבי האָט געזאָגט:

„בישבו בגלעד, בבשן ובנותיה ובכל הלבנון, הדר הכרמל והשרון״.

חיים קען נישט איינשלאָפן.

— — — מען פאַרלאָזט דאָס לאַנד... אַ נייע עליה דער־וואַרט מען פון איראַק...

פתח־תקוה ווערט אַ שטאָט אַזוי ווי רמת־גן, נתניה...

וואָס איז מיט כפר־סבא? אַ דאָרף. אַ ישוב געבליבן. און פּערעלע? פּערעלע זיין ווייב, האָט זיך די אויגן אויסגע־קוקט. נישט קיין צייט געהאַט. אַזוי ווייניק געווען אין שטוב.

פון הינטער צפת ביז כפר־סבא אויף אַ חמור האָט גע־דויערט העכער דריי טעג. און וויפל סכנה אויף די וועגן? ניינצן ניין און צוואַנציק. אַ יאָר פון פּאָגראָמען, באַפאַלן עמק־יזרעאל, ראַבירט, אונטערגעצונדן עטלעכע ישובים אין משמר העמק. הר־טוב און כפר־אוריה זענען געוואָרן אָפּגע־שניטן.

ווי האָט ער צייט געהאַט זיין אין שטוב? עס האָבן אים באַדאַרפט זיינע חברים פון „גדוד העברי", די אַמאָליקע „שומרים". מען האָט געאיילט צו הילף די אָנגעגריפענע ישובים.

העכער פינפאונצוואַנציק יאָר זינט דעמאָלט.

ניין. עס אַרט אים נישט, וואָס כמעט אַלע זיינע ידידים, חברים פון אַמאָל האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט. געוואָרן גרויסע לייט. מיניסטאָרן. דיפּלאָמאַטן. שליחים. פּאַרטיי־טוער.

עס אַרט אים אויף זייער פּירעכץ, אויף די רייד:

„באַלעבן דעם נגב". „פּאַרפעסטיקן דעם פונט". „צנע".*

און אויף די קינדער אַרט אים. אויפן סאַברע־דור, וואָס לאַכט פון די טאַטעס:

„דגניה. חניתא".

„תל־אביב איז געווען ביזן ירקון בערגער זאַמד". „מען האָט דאָ אַ סך געליטן. מען ליידט שוין צוויי טויזנט יאָר".

— — — „צי דאַרף מען דאָס תמיד געדענקען?"

---

*ווירטשאַפט־סיסטעם פון שפּאָרזאַמקייט.

קאַפּיטל ניין

1

לאַדט ווער מרימען איין צום טאַנץ, דאַרף זי לאַנג נישט זוכן דעם ענטפער:

— איך בין דאָ אַ קעלנערין.

— נו, איז וואָס ?

— גאָרנישט.

מרים פאַרטראָגט נישט די נאָענטקייט פון אַ מאַן: צעגלאַנצטע אַפּלען, חשק־בליקן, וואָס פאַלן בגנבהדיק אויפן האַלדז, היפטן.

די געסט, די מוזיק, די יום־טובדיקייט, וועקט אין איר אַ טרויער, אַן איינגעדרימלטן. פון גילדענעם שטויב, וואָס פאַרהייבט זיך פון די טאַנצנדיקע פיס ביז צום ליכט פון די לאָמפּן — גייט אויף אַ נעפּל. אין נעפּל זעט זי אַ געשטאַלט: תמיד דאָס זעלבע געשטאַלט. אַ פּנים, בלאָנדע גזשיווע, אויגן. מישאַ. מיכאַל — איר שול־חבר: דאָס שלאַנקע ייִנגל מיט די בלויע לאַכנדיקע אויגן. אין גראַנאַטענעם גימנאַזיסטן־רעקל.

ער האָט איר אָפּט אויפגענומען אויפן ראָווער, באַגלייט ביז אַ היים. זי איז געזעסן אויף דער פאָדערשטער רעם. געפילט זיין הייסן אָטעם, דאָס פאַרשטאַרקטע קלאַפּן פון

זיין האַרץ, דעם באַריר פון זיינע ליפּן אויף אירע האָר, האַלדז. — געזעסן אַן איינגעאָרעמטע צווישן זיינע הענט.

אָ, סאַראַ ליכטיקע, איידעלע הענט.

זיי פלעגן אָפט צופוס גיין. ביי דער זייט — דער ראָווער מיט ביידע ראַניצעס.

ער האָט גערעדט מיט אַ ווייכער אָבער קרעפטיקער שטים. אַ ריינער באַס פון אַ יינגליש פאַרליבט האַרץ.

אין שטוב האָט מען אים געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד. ער האָט איר געהאָלפן מאַכן די לעקציעס. זי פלעגט אויך צו זיי קומען אין שטוב אַריין — די שיינבערגס: זיין טאַטע — אַ באַלעבאָס פון אַ הויז אויף דער פראַנטשישקאַנער.

און נאָך דער חתונה? ער — אַ לערער פון פיזיק, מאַ־טעמאַטיק. זי —אַ פאַרמאַצעווטין.

אויף די זומער־אורלויבן געפאָרן קיין אָטוואָצק,* טשעכאָטשינעק,** זאַקאָפּאַנע.*** מיטגענומען אויך דאָס מיידל, די קאָנדיטשאַרקע, וואָס מען האָט געהאַלטן צו זעלדעלען.

זי האָט נישט ליב געהאַט די שטוב־אַרבעט. אויך וויי־ניק זיך אָפּגעגעבן מיט זעלדעלען. נאָך די ערשטע דריי חדשים, צוגענומען דאָס קינד פון דער בריסט. די קאָנדי־טשאַרקע איז געשלאָפן מיטן קינד אין איין צימער. זי האָט עס געניאַנטשעט, איבערגעוויקלט, געוואַשן די ווינדעלעך; געקאָרמעט דאָס קינד מיט פּאָספּאַטינע, מיט פלעשלעך מילך. מרים האָט גלעזער מילך פון זיך געצאַפּט. אָפּגעצאַפּט און אויסגעגאָסן. — — —

---

* נאָמען פון אַ קוראָרט.

** נאָמען פון אַ קוראָרט.

*** נאָמען פון אַ קלימאַטישער געגנט.

וויפל חתונות, בר־מצוות, פאַרוויילונגען זענען פאָרגע־קומען אין די העכער דריי יאָר, וואָס זי אַרבעט ביי יהודה; וויפל מאָל מען פאַרבעט זי צום טאַנץ. זי האָט זיך אויס־געלערנט העפלעך, שיין, אָפּזאָגן:

— איך בין דאָ אַ קעלנערין.

*

עס איז שפּעט. לאַנג שוין אַראָפּגענומען פון די טישן. מידע פון טרינקען, עסן, טאַנצן — גרייט זיך עולם אַהיימ־גיין. עלטערע זיצן שוין, שטייען אָנגעלענט אין וואַנט.ווישן זיך מיט טיכעלעך דעם שווייס פון די פּייערלעך־פאַרמאַ־טערטע פּנימער. מיט לייטישע און היימישע שמייכלען בעט מען ביי דער דערלאַנגערין אַ קאַלטן טרונק, אַ שעלעכל שוואַרצע קאַווע.

יונגע רודערן אַרום. מיט בגילופנדיקן פאַרנייג לאַדן זיי איין צום לעצטן וואַלס, טאַנגאָ, וואָס זיי בעטלען אויס מיט אַ ווונק ביי די איינגעמידטע קלעזמער. די אויסגעסטראָ־יעטע, פאַרפּוצטע דאַמען און דאַמעלעך מאַכן רחמנות־פּני־מער און מיט אַ מינע פון דערשעפּטקייט, הייסן זיי אַ מינוט־קעלע אונטערוואַרטן. מען כאַפּט דערווייל אַ קוק אין שפּי־געלע, וואָס אין האַנט־טאַש: עטלעכע קלעפּלעך מיט אַ פּודער־קישעלע איבער די ברעמען. מיט הענט פאַרהויבענע, וואָס האַלטן נאָך אין פּאָפּראַווען די פריזור — גיט מען זיך איבער אין די אָרעמס פון די אומגעדולדיק־וואַרטנדיקע יונגעלייט.

ווידער אַ טאַנץ. אַ נייער, לעצטער טאַנץ אונטער די הויך־צעשריגענע טענער פון וואַד־ווערנדיקן אָרקעסטער. גרינג און מיט צעפּיעשטשעטער פאַרמאַטערטקייט פאַרהייבט

מען די קעפּ. גרינג הייבן זיך די פּיס, שפּרינגען אונטער און טופּען צו די לעצטע שטאַרקע אַקאָרדן.

*

מרים איז געזעסן אין קיך. אַ מידע פון אומלויפן הין און צוריק אַ גאַנצן אָוונט — און פריער בעתן גרייטן די טישן — האָבן געררט אירע פּיס. די פּיס האָבן גערוט און דער מוח האָט געאַרבעט:

ס'האָט איר פאַרדראָסן אויף דער פריילעכקייט אין זאַל. אויף דער ליכטיקייט. מרימען האָט פאַרדראָסן אויף זיך, אויף איר אומעטיק, צעבראָכן לעבן.

נאָך אַ שעה, אָנדערהאַלבן, גייט זי אַהיים. צו וועמען?

זינט דעמאָלט, נאָכן מאָרד־פּאַל, זעט מען זעלדעלען אַזוי ווייניק אין שטוב. קומט זי ווען — איז זי שטיל, שטום. אָנגעברוגזט. אויף וועמען איז זי ברוגז?

אַזוי־אָ, ברוגזערהייט, גייט זי צו צו דער קליידער־שאַנק. נעמט אַ פּעקעלע, לאָזט אַ פּעקעלע, און גייט אַוועק.

ווהין? צו וועמען גייט זי, זעלדעלע?

און איך האָב דיך געלוליעט און געטוליעט. געוויגט דיך אויף די הענט בשעת די ערד אונטער די פּיס האָט זיך געוויגט, געוואַקלט פון אויפרייסן און האַרמאַטן־שאָסן. אַ שיינער, האַרבסטיקער טאָג. גאָלדענער, פוילישער האַרבסט. דו האָסט געשמייכלט צום טאָג, צום לעבן, צו דער זון.

נאָך דעם, בעת דער אַקציע אויף קינדער? אויף ביי־דעמער, אין קעלערן, אין הרובעס און אונטער די פּאָדלאָ־געס — האָט מען געזוכט קינדער. און איך האָב דיך פאַר־שטעלט אונטער קעמאָנאָ־מאַנטל דעם ווינטערדיקן. דיין הייסן אָטעם געפילט אונטער מיינע ריפּן. אונטער מיין

האַרץ האָב איך דיך געפילט, ווי דעמאָלט... אָ, דעמאָלט, ערב דיין געבוירן...

דו ביסט אויף אַן אמת נאָך אַמאָל געבוירן געוואָרן...

און אויף מיר זענען נאָך דעם אַזוי פיל מיתה משונות געקומען: צו וואָס בין איך לעבן געבליבן?

זעלדעלע: דאָס ברויט און דאָס זאַלץ פון מיין לעבן. דו ביסט מיין סם. ברויט מיט סם.

העכער אַ וואָך ווי זעלדעלע קומט נישט אַהיים. יענעם אָוונט, האָט זי זיך געזאַמט לענגער ווי תמיד. געשטאַנען לאַנג ביים שפיגל. זי האָט, דאַכט זיך, געהאַט אַ בלויען פלעק אונטערן אויג.

— נישט געזונט, זעלדעלע? אפשר געפאַלן?

זי ענטפערט נישט.

— קינד מיינס. ביסט געפאַלן. טיף געפאַלן. דו וועסט מער צו אים נישט גיין — האָט זי אַ געשריי געטאָן נישט מיט איר קול.

— צו וועמען?

— צום מערדער.

— נישט ער. נישט ער האָט מיך געשלאָגן, אמא.

— איך בין נישט דיין מאַמע. גיי פון דאַנען, אויסגע־לאַסענע!

זי איז אַרויס פון שטוב און מער נישט צוריקגעקומען. געוואַלד, מיט די אייגענע הענט אָפּגעשטויסן איר קינד. וואָס האָט זי געטאָן?

— זעלדעלע, זעלדעלע! — האָט זי איר נאָכגעשריגן. אין העמד אויף דער גאַס אַרויס. נישט געזען זי. פינצטער איז אין דרויסן געווען. פינצטער אין שטוב. אין האַרץ האָט געברענט אַ פייער, אַ פאַרשטיקט פייער, ווי דאָס געברען פון נאַס האָלץ.

עטלעכע מאָל איז זי יענע נאַכט אַראָפּ פון בעט. צו צום פענצטער. געקוקט. געזוכט דאָס געשטאַלט, דעם שאָטן פון איר קינד אויפן סטעזשקעלע צווישן די גאָרטן־פּאַרצוימונגען.

— אפשר?...

אין די מינוטן וואָס זי האָט געכאַפּט אַ דרימל, האָט זיך איר רק אויסגעוויזן, אַז זעלדעלע איז געקומען. שלאָפט אין צווייטן צימערל. עטלעכע מאָל איז זי, אַ באָרוועסע, אַריין אין צימערל, געטאַפּט דאָס איבערבעט, דאָס קישן. — מיט די טאַפּנדיקע הענט, אין דער פינצטער — צוריקגעגאַנגען אויף איר ווייסט געלעגער. פון געלעגער — צום פענצטער.

2

זעלדעלע איז נישט אַהיימגעקומען. אויך אין משרד איז זי נישטאָ — האָט זי זיך דערוווּסט פון כוכבן. אַריבערגיין צו בראַוומאַנען? ניין. זי וויל רעדן מיט מאַרסעלן — האָט מרים באַשלאָסן.

מרים קען די מעלינע — זאָשעס רעסטאָראַנדל. זי איז אַהין אַוועק. ס׳איז געווען אָוונט. זי האָט דערקענט דאָס מקום לויטן איינציקן לעמפּעלע, וואָס האָט מיט אַ מוטנער, רויטער שיין זיך געריסן פון אַ טונקל געסל צום נאַכטיקן דרויסן.

מרים האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן אַקעגנאיבערדיקן טראָטואַרל. מאַרסעל איז געזעסן ביי אַ טישל. לעם אים מיט אַ קעסטל שפּילצייג ביי דער זייט, שטייט איינער אַ נידעריקער, ברייטער פּאַרשוין, אַן איינאויגיקער.

מאַרסעל גיסט פון אַ פלאַש אין אַ טיי־גלאַז, און רוקט עס אונטער דעם איינאויגיקן:

— טרינק, זשאַמי. כ'האָב איר גוט דערלאַנגט אין דער מאָרדע, רותין, דער עקומה. אַ גאַנצע ידידה געוואָרן מיט די „קנעפלעד".* מפטפטת. פלאַפלט צופיל. זאָל זי אַצינד גיין מסרן.

— שטויות, מאַרסעליקאַ.

זשאַמי וואַקלט זיך, זעצט זיך אַנידער. זשאַמי איז מיד, נישט שיכור. ער קען טרינקען, זשאַמי. דאָ, ביי זאַשען, האָט ער זיך צוגעוווינט צום ביטערן טראָפּן.

זשאַמי איז אַן אָפּטער איינגייער אין רעסטאָראַנדל. ער האָט נישט וואָס צו טאָן אין שטוב — אַ חורבה ביים ברעג ים. קומט ער אַהער אין מיטן טאָג. קומט אין אָוונט, ביי־נאַכט. אָפּט גיט ווער עפּעס צו לייזן. מאַרסעל איז אים אַמאָל מכבד מיט אַ קבב, אַ כוסע, אַ גלאָז ביר.

זשאַמי ווייסט ווי דערפאַר אָפּצוצאָלן. דאַרף מען שטיין אויף „צינג", אויספירן אַ געהייטיק שליחותל, וואַרפן אויף עמעצן אַ זייטיק אייגל — זשאַמי.

— טרינק, חבוב. אתה אדם הישר ביותר בשטח.

— און דו, מאַרסעליקאָ, אַ גאָלדן האַרץ האָסטו דאָך. דיין מאַמע, אַ גן־עדן אויף איר, האָט אויך געהאַט אַ גוט האַרץ. תמיד האָט זי עפּעס געקויפט ביי מיר. האָט איר געפעלט עטלעכע פיאַסטער? נעם, נעם — האָב איך איר געזאָגט. ס'ט אָפּגעבן. אין דבר. עד, מאַרסעליקאָ, און דו צאָלסט. צאָלסט און ס'בלייבט נאָך עפּעס אין קעשענע. אַ שאָד, וואָס דיין מאַמע האָט נישט דערלעבט.

— מיסכנה. אמא שלי.

* פּאָליציי.

— תמיד זיך געזאָרגט פאַר דיר. „גיב מיר ווייסע פּאָדעם, פאַרריכטן מאַרסעלס הויזן". „גיב מיר שוואַרצן פאָדעם, מאַרסעלס בלוזע איז צעריסן".

— שוק הפישפשים איז געווען אין שטוב — האָט מאַרסעל ווידער אָנגעפילט זשאַמיס גלאָז. זשאַמי האָט אים געהאַלטן ביי דער האַנט:

— וואָסער יום־טוב הייַנט אויף דיר?

— וואָס איך זיץ דאָ, נישט „דאָרט".

— האָסט אַ קעפּעלע אויף זיך, חביבי. און מזל!

— זאָשע, הינטער דער פּאָליצקע שטייט מיין וואַליזקע. נעם אַרויס די כובע־גרב* און דעם סוועטער, גיב זשאַמין.

— נעם דיר די וואַליזקע און דריי נישט קיין קאָפּ, מאַרסעל.

— כ'האָב דיר געזאָגט: דאָס היטל מיטן סוועטער. ריינער וואָל. משהו אָריגינאַלי. וועסט זען, זאָשע, ווי מען מאַכט פון אים אַ פּלמ"חניק.

— כע... כע... אָפּגעשפּאָרט? מלחמת השיחרור?...

— דאָס, חבוב, איז מיר געבליבן. רכוש הנטוש...*

— דו ביסט אייזן.

מרים האָט געפילט, אַז וואָס לענגער זי וועט זיך דרייען אין דרויסן, אַלץ שווערער וועט איר אָנקומען דאָס אַריינגיין. זי האָט מיט ענערגישע, גיכע טריט אַריבערגעשפּאַנט אויף דער צווייטער זייט. זי איז אַריין אינעווייניק.

מאַרסעל האָט געקענט מרימען פון די בילדער, וואָס זינאַ פלעגט אָפט מיט זיך טראָגן. אַצינד זעט ער זי צום

---

* וואָלנזאָק־היטל.

* פאַרלאָזט פאַרמעגן — נאָכן אַנטלויפן פון די אַראַבער.

ערשטן מאָל. זי שטייט אין שמאָלן טיר־אַריינגאַנג. סאַראַ שטאָלצע, סאַראַ קוק אַן אָפּענעם, שטרענגן. —

— שלום, גברת, פֿאַר וואָס אין דער טיר? — האָט מאַר־סעל דער ערשטער זיך צו איר געווענדט.

זאָשע האָט זיך אַרומגעקוקט און צופֿרידן געווען, וואָס קיין פֿרעמדע זענען נישטאָ.

זשאַמי האָט געקענט מרימען. ער האָט איר נישט איינ־מאָל געזען זיך דרייען לעם אדון בראַוומאַנס משרד. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן. מיטן קעסטעלע אויף זיך, מיט וואַקלענ־דיקע טריט, צוגעגאַנגען צו איר. מיט אַ הייזעריקער, זינגענ־דיקער שטים, ווי תמיד בעתן באַגעגענען אַ קונה, אָנגע־הויבן:

— רק היום, רק היום.

— סחורה דה לוקס.

— בבקשה, גברת, ביליק.

אַלץ האָב איך דאָ אין קרעמל: אַ ליפּסטיק, זייף, אַ קעמל, פּאַרפֿיום, שאַמפּאָן. אַמעריקע — בן־גוריון. אפשר אַ שיינע שפּילקע? פֿאַר אייך, גברת, פֿאַר דער טאָכטער?

— כ׳האָב נישט קיין טאָכטער.

— אַזוי?... לא יפה ככה, גברת, — האָט מאַרסעל זיך אָנגערופֿן.

מרים האָט געמאַכט אַ טריט אינעווייניק און גע־בליבן שטיין.

— מאַך נישט קיין סצענעס, מאַרסעל, — האָט זאָשע פֿון הינטערן בופֿעט צו אים געטאָן הײמישלעך אַ געשריי. איר פּנימל האָט פֿאַרצויגן אַ גאַסטפֿריינדלעך שמייכעלע:

— ער האָט היינט אַ ביסעלע אויסגעטרונקען. צו וואָס זיך אויפֿרעגן? איר ווילט רעדן מיט זינאַ?

מרים האָט געשוויגן.

— מאַרסעל, זי וויל רעדן מיט איר קינד.

— אַ קינד? האַ? וואָס זאָגסטו?

— ביי איר איז זי אַ קינד — מאַכט ווידער זאָשע.

— מיט אַזאַ קינד, כע, כע, כע, — נעמט זשאַמי פון זיך אַראָפּ דאָס קעסטעלע — ביז הונדערט און צוואָנציק — אָן אַ ווייב... כע, כע.

— ווו איז מיין זינאַ? פאַר וואָס קומט זי נישט אַהיים?

— בבקשה. איך וועל אייך זאָגן — האָט מאַרסעל גע־צויגן דעם רויך פון סיגאַרעט — פאַר וואָס זינאַ קומט נישט אַהיים? זי וויל נישט. פאַר וואָס וויל זי נישט? זינאַ וויל מאַכן אַ לעבן. וויל זיך אָנטאָן שיין. פאַרברענגען. סינעמאַ. נאַכט־לאָקאלן. וואָס דען? — וואָס האָט זי געהאַט פון דער משכורת? אַ שכון? הלוואות. כביש. חובות געצאָלט.

— איך האָב געצאָלט...

— שטויות.

— איר זענט שיכור.

— נכון. אַ ביסעלע געטרונקען. אָבער איך ווייס וואָס איך רעד. מאַרסעל ווייסט וואָס ער רעדט. אני דוגרי.* זינאַ איז מיין חברה, מותק של בחורה. נאָר קוים וויל זי צוריק אין שטוב אַריין? — דפדאַל.**

— איר האָט זי אַרויסגענאַרט פון מיין שטוב.

— זי איז אַנטלאָפן. וואָס וועט זי טאָן אין שטוב, זינאַ: ספּאָנדזשע? מיט אַזעלכע ווייסע הענטלעך — ספּאָנדזשע? און אפשר זאָל זי צוריקגיין צום אַלטן? דער אַלטער בראַוו־מאַן דאַרף אַ פּקידה? אומזיסט האָט ער איר אַלע מאָל דערלייגט אויף דער משכורת, דער אַלטער קמצן? ער האָט

---

* אָפן־גערעדט (אַראַביש).

** אַדרבא (אַראַביש).

זי ליב — האָט זי דערציילט. ווי אַ „טאַטע״ האָט ער זי ליב... אייך קען מען דערציילן טשיזבאַטן. פרעגט מאַרסעלן: מאַרסעל ווייסט דעם אמת. אַז זי איז געקומען צו מיר — —

— אַן אמתע חתיכה. סחורה דע לוקס — האָט זשאַמי אונטערגעהאַלטן.

— שקר! שקרן!

— לא יפה ככה, גברת.

— איר האָט מיין קינד אַרויסגענאַרט... פון שטוב אַרויסגע — — —

— סליחה, גברת: אַ ר ו י ס ג ע י אָ ג ט. ווער האָט איר פון שטוב אַרויסגעיאָגט? האַ?...

מרים האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן. אַלע ווערטער האָבן זיך איר געשטעלט אין האַלדז.

אַ קנויל געשריי האָט זי געשטיקט. ס׳איז אויף איר שווער געוואָרן דער קאָפּ. אַ פינצטערער וואָלקן האָט זיך געשפּרייט פאַר אירע אויגן.

זי האָט נישט געזען, ווי די צוויי זענען נעלם געוואָרן. זי האָט בלויז געהערט זאָשעס קול:

— — — זינאַ איז נישט קיין נאַריש מיידל. מיט איר איז זי גראָד בסדר. זי הערט נישט, אַז זינאַ זאָל זיך קלאָגן. פאַרקערט: זינאַ זאָגט, אַז מאַרסעל האָט זי ליב. אַנדערע אַרבעטן פאַר אים און דאָס געלט גיט ער אויס אויף איר... צו וואָס זיך אויפרעגן? זי וועט סיי ווי ביי מאַרסעלן גאָר־נישט פועלן. דאָ, אויפן שטח, איז ער אַ מלך. אויך מיט דער משטרה איז ער אַ פאַן־בראַט. — — — בעסער נישט אָנהייבן מיט אים. ער איז אָפּט געפערלעך, מאַרסעל. אַ געפערלעכער פאַרשוין. זי מיינט איר טובה.

זאָשעס רייד האָבן ווי קליינע שטיינדעלעך, שפּיציקע, שאַרפע, געטראָפן אין מרימס נאַקעטן לייב. עס האָט איר

אָנגעהויבן גרימען אינעווייניק. אין האַרץ האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן. אַ ריח, אַ געשטאַנק האָט זיך געטראָגן פון די רייד, אַזש אין נאָז, אין האַלדז איז ער פאַרגאַנגען. עס האָט געשטיקט. עס האָט איר פאַרפּעלט אָטעם.

מרים האָט געמאַכט אַ טריט אין דרויסן אַרויס. זאָשע האָט נאָך גערעדט. זי האָט געהערט און נישט געהערט. זאָשעס ווערטער זענען צו איר דערגאַנגען ווי דורך פאַר־שטאָפּטע אויערן. עוקר זיין. אַנטלויפן. וואָס גיכער פון דעם מקום אַנטלויפן — האָט אַ קול אַן אינערלעכס אין מרימען געשריגן.

זי איז אַרויסגעלאָפן.

אַ שריפה, אַ פלאַם האָט אָנגעצונדן די קליידער אויף איר, דאָס העמד. דאָס לייב האָט אויף מרימען געברענט און ס'איז נישט געווען ווער און מיט וואָס דאָס פייער צו לעשן.

אין דרויסן, אויפן באַלויכטענעם בוסטרוס, האָט גע־רוישט פון מענטשן. ראַדיאָ־הילכערס פון אָפענע קאַפע־הייזער האָבן געטרעצלט די לופט. אַ געפּייף פון הין און צוריק פאָרנדיקע טעקסיס, אויטאָבוסן.

מרים האָט זיך געשעמט פאַר די ברענענדיקע לאָמפּן, צו לאַנג איז איר אויסגעקומען ס'וואַרטן אויף אַן אויטאָ־בוס. זי האָט פאַרהאַלטן אַ טעקסי.

— ספּעישל, גברת?

— ספּעישל.

— וווהין?

— קרית שלום.

*

אין דרויסן איז מאַרסעל אַוועק פון זשאַמען. ער האָט

זיך געלאָזט גיין אין איינעם פון די דערבייאיקע געסלעך. דאָרט דרייט זיך רותי. ער׳ט נעמען פון איר ס׳געלט און גיין אין סינעמאַ. ער וויל פאַרגעסן אין דער באַגעגעניש מיט זינאַס אמא: אין אירע רייד, אין איר שווייגן. אָ, סאַראַ אויגן? אַזאַ ווייסער פלאַם אין די אויגן? — און פון וואַנען איז זי אַזוי פלוצעם אַריין? אונטערגעשיקט? האַ? — אפשר דרייט ווער אַ קאָפּ זינאַן? פירט איר אַראָפּ פון וועג? אַז ס׳קומט צו איר אַ גאַסט, אַ זייעריקער — ווערט זי גאָר אַן אַנדערע. נאָך דעם שווייגט זי. אָט אַזוי ווי איר אמא האָט געשוויגן. און אַ פּאָר אויגן שטעלט זי אָן: אָהאָ, דער ווייסער פלאַם... ערשט היינט האָט ער געזען... און זאָשע? וואָס האָט זי גערעדט מיט זינאַס אמא, אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען? כע, כע, זיי בלאָפן? מ׳בלאָפט מאַרסעלן?

ער איז מיד. עס מישט אין קאָפּ. ס׳איבלט. אפשר צו־פיל געטרונקען? ניין. ער האָט צו ווייניק געגעסן. „זי״ איז אָנגעקומען אין מיטן. פאַר וואָס איז זאָשע מבולבל געוואָרן? אים האָט, אויף צו להכעיס, אָנגעכאַפּט אַ לצנות. אַ רוח שטות איז אין אים אַריין. ער האָט דווקא געוואָלט מיט איר רעדן.

מאַרסעל דערקענט נישט דאָס געסל. ווו איז רותי? וווהין פירן אים די פיס, די שיכורע? מאַרסעל — שיכור? כע, כע.

וואָס טוט ער דאָ אויפן שמאָלן וועג ביים ברעג ים? איינגעפאַלענע הייזקעס, חורבות, בעטאָן־שטיקער, סטאַר־טשענדיקע אייזנס, ים.

ער זעצט זיך אויף אַ שטיין. קליינע ליכטער פון פי־שער־שיפלעך גלימצערן פון נעפל אַרויס, שוימיקע כוואַליעס. ווייסע ציין פון צערעוועטע לייבן רייסן זיך צום ברעג. צו וועמען רייסן זיי זיך? די שוואַרצע וואַסערן שפּאַלטן זיך.

דער ים ווערט ליידיק — אַ תהום. ער פאַלט אין תהום אַריין. אָ, ווער האַלט אים ביי דער האַנט? די אמא. זי פירט אים אין שטוב אַריין. שפרייט אויס אַ קאָלדרע אויף דער ערד און לייגט אים שלאָפן. ס׳איז אים קאַלט. נאָס אויף אים ס׳אָנטאָן. ער קען נישט שלאָפן. ער איז הונגעריק.

„איך בין הונגעריק, אמא״.

„מאָרגן וועל איך ברענגען ברויט פון גאַס״.

דער טאַטע קומט אָן. אַ הויכער, אַ גרויס־גופיקער, אַ בייז פנים, רויטע אויגן — בלייבט ער שטיין אין מיטן שטוב. די אמא שפרינגט אויף. ער צעווייגט זיך. „שוויג, ממזר!״ — פאַלט צו דער טאַטע און וויל אים שלאָגן. די אמא פאַר־שטעלט. ער האַקט מיט זיינע גרויסע פויסטן איבער דער מאַמעס פלייצע: קאָפּעט איר מיט די פיס. זי פאַלט אום. ער שלאָגט. זי פאַרשטעלט זיך מיט די הענט דאָס פנים. פון מויל רינט בלוט. בלוט פון מויל — — — אַך, דוד! דוד נסים! וואָס טוסטו דאָ? דוד, דו לעבסט? — — — איך האָב דיך נישט געוואָלט דערשטעכן. בחיי, נישט געוואָלט. כ׳האָב געוווסט, אַז כ׳טו אַ מיאוסע זאַך, אַ שרעקלעכע זאַך. אַז כ׳האָב זיך דערמאָנט, וואָס כ׳האָב אָפּגעטאָן — איז שוין געווען שפּעט... און איך בין געווען אינגאַנצן משוגע. אַ חאַמ־סין איז מיר אַריין אין קאָפּ. איך האָב דאָך אַליין דיך אָפּ־געפירט אין שפּיטאָל אַריין. דוד, דו ביסט טויט?

— מה פתאום? — ענטפערט דוד און גיט זיך אַ שטעל אויף. ער מאַכט גוט אויף זיך ס׳אָנטאָן. נעמט אַרויס אַ טיכעלע פון קעשענע, ווישט אָפּ דאָס בלוט אַרום מויל. זיין פנים איז בלייך. ער שמייכלט:

„עד, מאַרסעליקאָ. זע, וואָס האָסטו געטאָן. למה זה? פאַר וואָס? האַ? איך וועל אָפּרעדן פון דיר זינאַן? קיין

אילת זי נעמען, קיין קאַפּריסין: טשיזבאַטן. שטויות. איך בין דאָך דיין בעסטער ידיד".

— אַתה מנוּוול! — האָט מאַרסעל אַ געשריי געטאָן און זיך אויפגעכאַפּט.

קאַפּיטל צען

1

כוכב האָט די גאַנצע צייט געדענקט, אַז ער האָט אַזוי גוט ווי צוגעזאָגט מרימען סטאַרען זיך אַן אַנדער אַרבעט פאַר זינאַ. ער טוט דאָס אייגנטלעך — פאַר זיך.

די בעסטע טובה טוט זיך דעמאָלט, ווען מען האָט אַליין פון איר אַ נוצן.

ער האָט זיך דערמאָנט אין זאבן פון דער לשכה.* זאב איז אַ גוטער ידיד. ער וועט אים די זאַך טאָן. „אַ האַנט וואַשט אַ האַנט" אַז זאב דאַרף פון אים עפּעס — קומט ער אים אויך אַקעגן.

כוכב האָט אָנגעקלונגען: „זאב, די אַרבעט איז פאַר דעם מיידל אַ לעבנספראַגע. נישט אַזוי פאַר דעם מיידל, ווי פאַר דער מאַמען פון דעם מיידל".

— עס איז אַפילו שווער — האָט אים זאב געענטפערט — גראָד אין די ווינטער־חדשים, פריע רעגנס: אויך דער קטיף ** האָט זיך פאַרשפּעטיקט. גרויסע צרות מיט אַרבעט־

---

* אַרבעטס־אָפּטיילונג.

** אָראַנזשן־רייסן.

לאָזע. אַז ס׳איז אַזוי דרינגענדיק — זאָל ער צוקומען װעט מען רעדן,

אויב אַזוי, װעט ער זיך פריער אַריבערכאַפּן צו בראַור־מאַנען קיין יפו — האָט כוכב אַ טראַכט געטאָן — איבער־שמועסן מיט אים, צי װייזט זיך זינאַ אין משרד אַריין, צי איז בכלל דאָ פון װאָס צו רעדן.

ער האָט נישט ליב יפו. דעם רעשיקן בוסטרוס, די טונ־קעלע געסלעך, ליקן. הייזקעס און גרויסע הייזער, אַלטע. הויכע פענצער, אייזערנע באַלקאָנען — אַראַבישער שטייגער. בלינדע װענט מיט קרישלענדיקן טינק. ליים־פּאַרקנס און שיינע נייע קאַפּעהייזער, ליכטיקע געשעפטן, װיסטאַװעס. אין מיטן שטאָט — ליידיקע פּאַרמיסטיקטע פּלעצער. אַ ביסל װייטער — װייסע, נייע בנינים, הייזער־בלאָקן. אַ שול פּאַר אשכנזער מיט װענעצקע פענצטער, מאַרמאָרענע ברייטע טרעפּ. אַנטקעגן דער שול — דאָס אַראַבישע מע־טשעטל מיט אַ זייגער אויפן טורעמל. עס איז הויך און שמאָל מיט אַ שפּיציקן קופּאָל.

נישט צעקריגט און נישט פאַרחברט, אָפּן און אומבאַ־האָפטן, זעט דאָס אויס פאַר איינעם, װאָס קומט דאָ אַראָפּ דאָס ערשטע מאָל. אַן אומהיימלעכן איינדרוק מאַכט דער געמיש פון סטילן, תקופות, לשונות, העויות. די פּנימער און די הולכ׳ס. װוּ איז די האַנט, װאָס האָט דאָס אַלץ צונױפגעבראַכט, אָנגעװאָרפן? אָנװאָרף צו עפּעס אַ פּלאַן? עפּעס האָט מען דאָ געפּלאַנעװעט און איבערגעלאָזט אין מיטן — קומט עס אים אויס.

צוליב בראַומאַנען, זיין באַקאַנטן, קומט ער אַמאָל אַהער, כוכב. ער האָט נישט ליב יפו.

פון גאַנג צו בראַומאַנען איז אַצינד גאָרנישט געװאָרן צוליב אַ פאַל, אַ נאַרישן פאַל, װאָס האָט געטראָפן מיט אים.

דער משרד איז געווען פֿאַרמאַכט. עס איז געהאָנגען אַ צעטעלע: „כ׳קום תיכף צוריק״.

ער האָט דערווייל צושפּאַצירט צום ברעג ים. צוגע־זעצט זיך אויף אַ באַנק. אַ פּנים איינגעשלאָפן. אויפגעוועקט האָט אים עמעצער מיט אַ שטורקע אין דער זייט און אַ וויש מיט עפּעס איבערן פּנים:

— האַ? וואָסי? — האָט ער זיך אַ כאַפּ אויף געטאָן.

— גאָרנישט. ששש — איז לעם אים געשטאַנען איינער. געהאַלטן אַ פינגער איבערן מויל.

ער האָט געשוויגן.

— נו, געצויגן, אָבער גיך.

— אָט גיי איך. אַך, די טעקע, ווו איז די טעקע?

— נאַ, אָט האָסטו די טעקע. מיניסטער פון לויזנלאַנד.

— פּאַק איין דאָס בינטל ביינער. דאָ איז נישט קיין האָטעל.

עטלעכע שטימען האָט ער שוין אַצינד געהערט. פּנימער האָט ער געזען. נאָר מחמת דער טונקלעניש און צעטומלט־קייט, איז אוממעגלעך געווען אונטערצושיידן איין פּנים פון אַנדערן.

ערשט ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט, גלייך געמאַכט אויף זיך דאָס אָנטאָן, האָט ער באַמערקט צוויי צעזשאַרעטע סיגאַרעטן־אייגעלעך. די הייזעריק־באַטרונקענע שטימען און דער בראָנפן־ריח וואָס האָט פון די מיילער געשלאָגן, האָט אים קלאָר און גיך אונטערגעזאָגט:

— מען קאָן דאָ מיאוס אָפּשניידן. וואָס ווייניקער טענהן איז געזונטער.

אַ פּאָר טריט ווייטער, האָט אים נאָך עפּעס אַ טונקל געשטאַלט אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— חתיכה פרימאַ. זיבעצן און אַ האַלב יאָר, אַ בעלן?

ער איז געגאַנגען ווייטער. יענער — נאָך אים. ער פּילט יענעמס האַנט אויף זיין אַקסל:

— וואָס לויפסטו, געבאַרעטער יאָלד.

— איך איל זיך. אַ צווייט מאָל.

— איז יאַללאַ. פּלאָנטער זיך נישט צווישן די פיס, אַל־טע וויקאַדיילא.

ער האָט אים ווידער געטאָן אַ וויש איבערן פּנים. צו־געלייגט אַ פינגער צום מויל:

— ששש. ששש.

*

אין דער לשכה צו זאבן איז כוכב יאָ געגאַנגען. אַז ס׳וועט געלונגען און זאב וועט שאַפן אַרבעט, וועט ער שוין טרעפן צו זינאַן.

אַ האַרבסטיקער פרימאָרגן. אַרויס פון שטוב איז גראָד געווען שיין. אין מיטן וועג איז אַראָפּ אַ רעגן. אַראָפּ מיט אַ פּלוצעמדיקייט, אַ ווילדער און פאַרשטעלט די שיין פון טאָג. אַזוי איז דאָ דער שטייגער פון די ווינטערס: עס גיט אַ כאַפּ מיט אַמאָל און ס׳פלייצעניש איז אַזוי שטאַרק, אַז מען פאַרגעסט — ס׳איז זומער געווען: הייסע דעמפּיקע טעג מיט הימלען פון צעטאָפּיעטן קופּער געמישט מיט בליי: דער „בליי״ איז באַהעלט פון אַ זון, וואָס מען זעט בלויז איר קאָפּ אַרויס. מען פאַרגעסט די פאַרנע אָוונטן מיט פאַר־נעפּלטער קראַנקער לבנה. מיט שטערן איינגעקורטשעטע, בלינדע; ביימער פאַרגליוועטע.

דאָסגלייכן מיט די זומערס: מען פאַרגעסט, אַז ס׳איז געווען ווינטער. אַז אויף דער ערד, אַ צעשפּאָלטענע, פאַר־ברענטע פון היץ, איז געפאַלן אַ רעגן. אַ ווינטיקער רעגן, וואָס בייטשט, פּאַטשט אין פּנים, ווי אַצינדערט־אָ.

דער וועג וואָס פירט אין דער לשכה איז שלעכט ברוקירט. דער אַספאַלט — געשפּאָלטן און צעלעכערט. פון ביידע זייטן ראָוון שטראָמט דאָס רעגנוואַסער מיטן כבישׁשיפּוע און שלעפּט מיט זיך זאַמד און זשוויר.

מען גייט נישט, נאָר מען לויפט. אויפגעשטעלטע קאָלנערס. שירעמס. פּלייצעס, קיילעכדיקע, געהאָרבטע. מען שפּרינגט איבער ריטשקעס, צעגאָסענע איבערן כביש.

אין הויף, דרויסנדיק פון לשכה־בנין האָבן זיך געדרייט מענטשן: געוויקסיקע, בייניקע יונגען מיט לאַנגע אָרעמס, מגושמדיקע. תימנער יידעלעך מיט שמאָלע אַקסלען און פּלייצקעס מיזערנע: אַלטע קעפּ און באַבערדלטע פּנימער. יידן טוניסער, טריפּאָלער, מאַראָקאַנער מיט טיף שוואַרצע אַפּלען, נישט געגאָלטע פּנימער. אויך ווייסע פּנימער מיט אויגן אומרואיקע, מידע.

אויף די אַקסלען, הענט — טאָרבעס, טאָרניסטערס, טעקעס, קיישלעך, קענדלעך געקעכטס, פלעשער טיי.

אַ סך זיצן אַראַבישמעסיק, מיט די פיס הינטער זיך ביי צעעפנטע פּעקלעך עסן. אויף אויסגעשפּרייטע פּאַטשיילעס ליגן טונקלמעליקע פּיתות, איילבירטן, פּעפּערלעך, טאָמאַטן. די ברויט־פּענעצן „שוויצן" פון דינעם מאַרגאַרינפרעסטל אַ צעטאָפּיעטס פון אונטער אויפגעוויקלטער שמאַטקע.

עס ווייעט פון זיי מיט אָרעמער פּעריפעריע, מיט קוויטיקע געצעלטן, בלעך־ביידלעך. מיט האַרבסטיקע הימלען איבער מעברה־פעלדער. מיט לאַגער־לעבן: טאַטעס בייזע, אַרבעטסלאָזע. אויסגעמאָרעטע, מאָגערע פּנימער אין אָפּגעחומלטע בגדים און קינדער פּריילעכע, וואָס פאַרשפּילן דעם הונגער מיט סטרולקעס.

קטיף־אַרבעטער אַוודאי — האָט כוכב צו זיך אַ זאָג

געטאָן און אַוועק ווייטער. ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט אַ שמאָלן אָנפּענצטערדיקן קאָרידאָר אין אַ גרויסן וואַרט־צימער — אָפּטיילונג פאַר גייסטיקע אַרבעטער. אַ ווענטל מיט אַ דיקטן פענצטערל טיילט אָפּ דעם וואַרט־צימער פון זאבס חדר.

אויך דאָ האָבן געוואַרט מענטשן. אַנדערע פּנימער. רואיקע, שווייגנדיקע. פאַרקעמטע קעפּ. קיין סך נחת זעט מען נישט אין די רואיקע, שווייגנדיקע פּנימער. עפּעס שווערס, דערדריקנדיקס אין דער ליידיקייט פון גרויסן וואַרט־צימער. די ווענט זענען באַהאָנגען מיט מאַשין־שריפט מודעות. קיינער לייענט זיי נישט. אַלעמענס אויגן זענען גע־ווענדעט צום דיקטן־שייבל. אַלע שטייען ביי דער וואַנט נאָענט פון פענצטערל. נידעריקער פון אַ מענטש איז דאָס פענצטערל. יעדער קאָפּ וואָס וויל אַהין אַריינקוקן — מוז זיך אַראָפּבייגן...

*

ווען אַלע זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך זאב פאַר־מאַכט מיט כוכבן אין זיין קליינעם אַרבעטס־חדר. כוכב האָט אין קורצן איבערגעגעבן אין וואָס עס גייט.

— מען מוז, ידידי, ראַטעווען דאָס מיידל.

— איר מאַמע, זאָגסטו, איז גאָר אַ סימפּאַטיש ווייבל, אַן אלמנה?

איז כוכבן שוין גאָרנישט געפעלן זאבס לשון. זיין ממזרישער קוועטש מיט אַן אייגל.

כוכבס אַ באַליידיקטער קוק, האָט זאבן דערמאָנט, אַז מרים איז פאַר אים עפּעס מער ווי אַ סימפּאַטיש ווייבל, אַן אלמנה.

— נו, גוט. זאָל זי צוקומען, זינאַ. מען דאַרף זיך קודם פאַרשרייבן.

2

ס׳האָט אויפגעהערט רעגענען. ס׳טרעפט אָפּט: אין מיטן דרינען גיט דער הימל אַ צעהעל זיך. אַ מעסערדיקע זון שניידט זיך אַריין אין אַ וואָלקן. אַ פרישע, יונגע בלויקייט באַפּאַרבט דעם האָריזאָנט. פון דער נאַסער ערד הייבט זיך אויף אַ פּאַרע, אַ דאַמפּיקע, אַ דורכזיכטיקע, העלע. אַ פרי־לינגס־ריח גייט אויף פון דיביימער אויף די טראָטוארן און בלומענקוסטן אַרום די יונגע סקווערן.

אַ פאַרבייפליענדיקע שוואַלב שפּיגלט זיך אין די וואַ־סערלעך, די שטראָמיקע. אויף רעשטלעך וואָלקנס רונדיקט אַ רעגנבויגן. אַ שפּיל אַ בראשיתדיק־יונגע פון דער אַלטער נאַטור.

אַ שעה צוויי האַלט אָן די שפּיל. אַמאָל — געציילטע מינוטן. אין די מינוטן טרעפט: איבער אַ האַלבן, דרייפערטל הימל, פאַרציען זיך ווידער וואָלקנס. אַ רעגנדל נעמט טריפן. גייסט אין גאַס און זעסט, ווי אויף אַקעגנאיבערדיקן טראָ־טואַר, וואָס האָט דערווייל אַ טריקן געכאַפּט — פאַלן טראָפּנס רעגן. אַ שפּאָגל־ניי זומער־רעגנדל. איבער דיין קאָפּ — אַ בלויער פּאַס. אַ בלויער הימל.

לאַנג בלייבט אין דער ראיה דאָס געבענטשטע פּאַסיקל הימל. וואָלסט געוואָלט, אַז תמיד זאָל איבער דיין קאָפּ דער גאַנצער הימל־פּאַס לענגאויס דעם ים — זיין בלוי: לויטער בלוי.

העכער אַ האַלבע שעה האָט געדויערט דער וועג פון

דער לשכה אַהיים. און די פֿאַרבן־שפּיל האָט אַלץ אָנגע־האַלטן. זוניקער רעגן. קרומע זון. ווי לאַנגע נאָדלען, גע־בראָכענע, פֿאַלן די רעגנשפּיזלעך. שטעפּן און שטעכן זיך איין אין שוואַרצן פֿלייש פֿון אַספֿאַלט. פֿון פֿרישן, שאַרפֿן ווינטעלע — קנייטשן זיך, ציטערן די לופּיקע וואַסערלעך. די זון שיינט און די רעגנשפּיזלעך ווערן האַסטיקער, אור־קאַסטנער, שטעכיקער. די וואָלקנס וואַנדערן ערגעץ אַוועק. ווידער זומער? ניין. אַן ערב־זומער־טאָג אין סאַמע ווינטער. פֿרילינג־ריחות.

און ביי אים איז שוין ווייט נאָך פֿרילינג.

איבער זיין קאָפּ — אַ טאָג, אַ ליכטיקער, אַ פֿאַרנעמי־קער. דער טאָג גייט. ערגעצוו, צו עפּעס גייט די צייט. צו עפּעס ציליקס, וויליקס.

און אַרום אים ווערט ליידיקער. ער האָט זיך צוגע־וווינט צו דער ליידיקייט, צו דער אַליינקייט. ס'איז אים אַפֿילו גוט מיט דער עצבֿות. זי שטאַרקט אין אים די בענק־שאַפֿט צו מרימען. „וואָלט זי כאָטש דערפֿון געוווּסט. וואָלט ער כאָטש מיט איר דערוועגן גערעדט" — האָט ער צו זיך געזאָגט.

תמיד ווען ער טראַכט וועגן מרימען, וועגן אַ תוכיקן איבערשמועס מיט איר — פֿילט ער אָט די ליידיקייט: ווי אַ תהום וואָלט זיך מיט אַמאָל געעפֿנט. —

אַ תהום זענען פֿאַר אים אירע גרויסע, טרויעריק־ערנסטע אויגן. דאָרטן ליגן די שטומע ענטפֿערס, וואָס רעדן צו אים מיט אַזאַ קלאָרקייט:

„צו וואָס פֿאַרגעבן אַזעלכע פֿראַגן? זי קען נישט, זי איז נישט מסוגל צו ליבן. ער איז אַ גוטער פֿריינד. ער דאַרף פֿאַרשטיין. טאַקע דערפֿאַר, ווייל ער האָט זי ליב, דאַרף ער דאָס פֿאַרשטיין".

ער וואָלט זי אַצינד פונדעסטוועגן געוואָלט זען. רעדן מיט איר. דערציילן פאַר וואָס ער איז היינט צו דער אַרבעט נישט געגאַנגען. וואָס ער וויל פון זאבן, און וואָס זאב האָט אים געזאָגט. ניין. היינט וועלן זיי זיך נישט זען. מיט וואָס קומען צו מרימען? מיט דער אַרבעט פאַר זינאַ איז דערווייל אַזוי גוט ווי גאָרנישט. אויך דאָס לעצטע מאָל, ווען זי איז געווען ביי אים אין משרד, האָט ער זיך אַזוי באַנאַרישט. בשעת זי האָט זיך אויפגעהויבן און געלאָזט גיין צו דער טיר, איז ער געבליבן זיצן. ערשט, אַז זי איז שוין אין דרויסן געווען, האָט ער זיך געכאַפּט: „באַדאַרפט איר אַרויסבאַגלייטן פון צימער". ער האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו דער טיר, זי געעפנט, אַרויסגעקוקט און צוריק פאַרמאַכט. שטיין געבליבן אין מיטן צימער, פּאָפּראַוועט ס׳אָנטאָן אויף זיך, דעם קאָלנער, די בינדע: נאָך אַמאָל געעפנט די טיר און ווידער פאַרמאַכט. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט לעם טיש, נאָר געטאָן האָט ער גאָרנישט. ר׳איז זיצן געבליבן, ווי איינער, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט אַן אָפּגייענדיקן צוג... ער האָט געשפּירט אַ פּוסטקייט, אַ ליידיקייט.

אַ לאַסט ווערן די טעג, אַ לאַסט זענען אים זיינע יאָרן, די קינדער־יאָרן, די אָרעמע, שווערע: זיין בילדונג, די נישט־סיסטעמאַטישע, צונויפגעזשעברעוועטע. כאָטש ער שטייגט אויף אַ סך געביטן איבער מענטשן מיט הויכבילדונג, איז ער אָפּט אין עלעמענטאַר וויסן היגטערשטעליקער פון אַ קינד אין שול־עלטער.

אַז כוכב טראַכט דערוועגן דערמאָנט עס אים אין די „טריקן", סטראַטעגישע, פון די גענעראַלשטאַבן — דייטשישע און רוסישע — בעת דער מלחמה.

אויף אַ סך פראָנט־אָפּשניטן האָבן קליינע ראַזוויעד־

קעס, „פייער־קלינעס״, זיך געריסן פּאָרויס, בעת די גרעסטע טייל אַרמיי־כוחות זענען געווען אַ סך נידעריקער, הינטער־שטעליקער. —

— — — איז ער, הייסט עס, תמיד אין אַ מין מלחמה־סטראַטעגיע? מאַנעווורירט?

קאָנפליקט מיט זיך, מיט דער סביבה, איז געוואָקסן אין אים ווי קראָפּעווע אויף אַ פּאַרמיסטיקט פעלד. דער געדאַנק, די נאָכטראַכטענישן דערפירן אים אָפּט צו יאוש, זעלבסטפּאַרלייקענונג.

אויך דאָ, הי, איז עס אים אַ שטער: העכער צען יאָר אין לאַנד, סטאַבילע אַרבעט — און ער איז נאָך אַלץ נישט קיין היגער.

און ס׳טרעפט: גראָד אין די מאָמענטן, די שווערע, עפנט זיך אַ פענצטערל. —

— — — פראָנט. וואַלד, פּאַרטיזאַנקע. בלוט. ברענענ־דיקע טאַנקען. מענטשלעכע אברים, צעריסענע, טרערן. אַ גרויס געקרעכץ, וואָס צערייסט די וועלט.

— — — הוראַ־געשרייען, ווילד־צעשראָקענע, פון סאָל־דאַטן אין אַטאַקע. פּחד אין די אויגן. שטומע, פאַרשטיינטע פּנימער בעתן פּאָרלייענען די באַפעלן ערב אַ שלאַכט. שטי־לע, פינצטערע נעכט, מעת־לעתיקע מאַרשן אין „פּאָלנע רינ־שטונעק״ דורך געהיימע וועגן, טראַקטן, פעלדער. לאַנגע קאָלאָנעס זעלנער־סילועטן — דערשעפּטע, שלעפּעריקע אין פּאַרטייעטן געגיי: פיס, פּלייצעס, אָנגעגורטע לענדן. אויף קעפּ, פּאַרנורעטע אין אַקסלען, אייזערנע קאַסקעס. מען זעט נישט קיין אויגן, קיין פּנים. בלויז די אויערן זענען אָפּגעדעקט. אויערן.. טויזנט אויערן איז יעדער איינער. — געלאָדענע, פּאַרטייעטע שטילקייט, וואָס גיט אָפּט אַ ציטער,

צאַפּלט אויף — דאָס האָבן צוויי קאַסקעס אויף איינגע־דרימלטע, מידע קעפּ סאָלדאַטסקע, זיך אָנגעקלאַפּט.

אָהאָ, יענץ פּענצטערל: יענע רגעס, וואָס ציען זיך אַן אייביקייט: אַן אייביקייט ווערט צעריסן אין אַ רגע...

3

כוכב גייט אַהיים. ווידער חיים. ביי חיימען איז ער אַן עולה חדש. געקומען צום גרייטן.

חיים מיט זיין „כשבאנו":

„— — — כשבאנו ארצה... אַז מיר זענען אין לאַנד גע־קומען איז קיין בית־עולים נישט געווען. און אַ טאָג אַרבעט איז נישט געווען. און קיין הלוואות האָט מען נישט גע־געבן. געגעסן קרענק מיט קדחת און געטאַנצט האָראַ. שטיינער געהאַקט, כבישים געפּלאַסטערט. כיבוש עבודה און כיבוש השממה. זומפּ און זאַמד איז געווען. ווען נישט מיר וואָלט איר געהאַט אַ מדינה?"

און אַז דער פּאַרדראָס גייט אָפּ — ווערט לייכטער, ווערטלדיקער זיין לשון:

„— — — עולים חדשים. מיסכנים. נעבעך. אַראָפּ פון דער שיף לויפט מען גלייך קיין תל־אביב, חיפה, הר־הכרמל. צפון תל־אביב גיב זיי. מען כאַפּט טעקעס אונטערן אָרעם און מען קלאַפּט אָפּ די טירן פון די משרדים — דזשאַבן.

ווער וועט גיין אויפן דאָרף? ווער וועט בויען שכונים? דאָס דרעק פון די דזשאָרעס ווער וועט אַרויספירן? אפשר אַראָפּברענגען גויים פון חוץ־לארץ"?

*

אין הייפל אויף דער שטיינקלאַטקע, וואָס פירט אין שטוב אַריין, שטייט אסתר. זי האָט מיט אַ בעזעם אָפּגע־קערט דאָס וואַסער, שטייט זי אָנגעשפּאַרט אויפן בעזעם־שטעקן. אַפּנים אָפּגעטאָן די אַרבעט און גרייט זיך אַריינגיין אין שטוב. זי איז איינגעגאַרטלט אין אַ באָרדאָ־ראָק מיט קורצע קלאָש־אַרבל. טראָגט אַ בלוי וואָלן טיכל אויפן קאָפּ.

דערהערט אַ סקריפּ פון הויף־טירל, האָט זי זיך אומ־געקוקט. כוכב איז אָנגעקומען. ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט אין הויף אַריין.ביידע זענען געבליבן שטיין נאָענט פון טרעפּן־הויז.

— שלום, אסתר, נישט געאַרבעט היינט?

— פאַר וואָס? נאָר פריער געקומען. געוואָלט נאָך עפּעס טאָן אין גאָרטן. אַזאַ רעגנפּלייץ — האָט זי זיך ווי פאַרענט־פערט — זיי מאַכן אַ תל פון גאָרטן, די רעגנס.

כוכב איז געווען עטוואָס דערוואַרעמט פון צופוס־וועג. מיד. דאָס גומי־מאַנטל מיטן בערעט האָט ער געהאַלטן אויף דער האַנט. געזוכט אין וואָס די בלאָטיקע שיך אַ וויש טאָן. אסתר האָט דאָס באַמערקט און אים דעם בעזעם צו די פיס אונטערגערוקט. כוכב האָט געטאָן אַ שמייכל. געוואָלט עפּעס זאָגן. אַ וואַרעם, גוט וואָרט דעם שיינעם מיידל זאָגן — און נישט געפונען.

פאַרן אסתרן איז, אַפּנים, גענוג געווען דער שמייכל. זי האָט אויף כוכבן אויפגעהויבן די אויגן. וואָס קוקט זי אַזוי אויף אים? געפעלט איר נישט ס׳יום־טובדיקע אָנטאָן, וואָס ער טראָגט אין אַ פראָסטן, רעגנדיקן, וואָכן־טאָג? אפשר אויף די נייע ברילן אין גאָלד־רעמלעך? און אפשר — סתם מיידלשער נייגער.

— אַ שיין מיידל, אסתר. דאַכט זיך אויך נישט קיין נאַרישע.

ס׳האָט אים געוווּנדערט: פון וואַנען נעמט זיך גראָד צו אים אַזא שטייפקייט. נו שוין־זשע האָט ער נישט וואָס צו רעדן מיט דער תימנער מיידל?

און זי שטייט אַזוי אין ראָק, אין קאָפּטיכל, אין די בלאָטיקע שטיוועלעך: ווי אַ טיפּשה שטייט זי מיטן בעזעם אין האַנט — האָט זיך אסתר אַ כאַפּ געטאָן, און אַ פאַר־שעמטע אַוועקגעדרייט זיך פון כוכבן:

— שלום, אדון.

— שלום, אסתר.

קאַפּיטל עלף

1

חיים איז געלעגן אויפֿן ראַנד בעטל. אונטערן בעט זענען געשטאַנען זיינע שיך. אויפֿגעשנאַרוולטע, מיט די לעצלעך אין דרויסן — איינער לעם אַנדערן — האָבן זיי אויסגעזען ווי אָפֿענע וועלפֿישע פּיסקעס מיט אַרויסגע־שטעקטע צינגער. אויף די גראָע ווענט האָבן זיך געדראַפּעט שאָטנס, וואָס ס'ליכט פֿון איינציקן לעמפּל אויף דער סטעליע האָט נישט געקענט פֿאַרטרייבן. סיי די שאָטנס, סיי ס'ליכט האָבן ווי געציטערט פֿון קילן ערב־זומערדיקן ווינטל, וואָס איז געקומען פֿון פֿענצטער. חיים האָט אין דעם ווינטל דערשפּירט דעם ריח פֿון דער גאַס. ס'איז גע־ווען פֿריער אָוונט. זיין מגושמדיקער, שווערער גוף האָט צוזאַמען מיט די שווערע שיך פֿון די פֿיס, געהאַט פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן די ערשטע מידקייט. אויך שוין געכאַפּט אַ דרימל. אַ בלויער הימל און אַ שטיק לבנה איז געשטאַנען אין פֿענצטער. אין חיימס מוח האָט עפּעס אויפֿגעלויכטן. ער האָט גרינג און טיף געאָטעמט:

עפּעס קומט פֿאַר פֿאַר זיינע אויגן און ער קען עס נישט באַגרייפֿן. ער פֿאַרשטייט עס נישט. מען האַקט אויס ביימער. גרינע קעפּ האַקט מען. מען רייסט וואָרצלען. — אַ שחיטה אויף די שלאַנקע ברושים און פּרדסים.

שווער געריוש פון בולדאָזערס. אַכזריותדיקער געקלימ־פער פון רעדער, פון אייזערנע ציין, וואָס עסן זיך איין אין וויכן, שוואַרצן באָדן.

אַ לעבעדיקע, אַ פאַרגוואַלדיקטע ציטערט די ערד, אונטערן פילטאַניקן, אייזערנעם כוח פון דער מאַשין. זי גייט. זי מעקט דאָס געפלאַנץ, דאָס געוויקס. מעקט די שיינע לאַנדשאַפט. אַ שטיק לעבן, זיין לעבן, מעקט מען אויס פון דאַנען.

אויך די סאַברעס מיט זייער ווילדן געצווייג, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף וויאָרסטן אַרום זאַמד־וועגן און שטיקער פעלד — ווערן ווייניקער. געוועז אַ לעבעדיקער צעפ פאַר פרדסים. גאַנצע אַראַבישע דערפער אַרומגערינגלט.

ער האָט זיי געזען אויף די פעלדער פון הויכן, קילן גליל: אין פלאַכלאַנד פון נגב, אויפן האַרטן, פעלזיקן באָדן פון די ירושלים־בערג און אויף דער ווייכער ערד פון השרון.

אין די פרילינגן, בעת זיי בליען, מיניעט זייער יונג־האָריקער גאָלד־קאָליר. שפעטער צו, זומער, גיבן די בלעטער־קעפ אַרויס פון זיך שאַרפע נאָדעלעך. זייער גרינע הויט ווערט פול מיט שטעכלקעס. דער רויטלעכער גלאַנץ זאָגט אָן דעם ריח פון רייפער, זיסער פרי.

ער האָט זיי ליב געהאַט צו רייסן אין די ערשטע פרי־מאָרגן־שעהן בעת דער טוי מאַכט ווייכער זייערע שפיצנאָ־דעלעך. אויך דעם סיקאָמער, דעם אַלטן בוים, דעם היגן — זעט ער אַזוי ווייניק אויף די וועגן. דער תמיד גרינער בוים אין נידערלאַנד פון מידבר און צפון־נגב. זיין שמעקעדיקע אַקאַציע, זיין יונגע פרוכט — ווי קליינע פייגן, גרינלעכע, רויטע — איז תמיד געווען אַ דערקוויקונג פאַרן איינזאַמען וואַנדערער. ער האָט פאַר אים געשפרייט אַ שאָטן; אַ נאַ־רונג געווען פאַר זיין הונגעריקן גומען:

— רוח אל גאזה וכול ג׳ומז.*

ס׳רוב פון די שטחים זענען אַצינד פאַרבויט. גאַסן. אויסגעוואַקסן געגנטן מיט הייזער, שכונים, פאַרקן און סקווערן. פאַר וואָס איז ליידיק דער דרום? צוויי דריטל פון ישראל איז דאָך דרום. זון. זאַמד. וויסטע. אַ הייסער הימל איבער שטחים גראָע, שטויביקע, בערגער, טאָלן. פאַר וואָס גייט מען נישט אַהין? אויפלעבן דעם נגב. אַ סך רייד. אָבער גיין אַהין — גייט קיינער נישט. איין כביש שניידט זיך ווי אַ מעסער אין מידבר־לייב, דעם טרוקענעם. ער געדענקט אים נאָך פון מאַנדאַט־צייט. אויך די איינציקע טעלעפאָן־סלופעס, בעדואינער־געצעלטן — שוואַרצע פליאַמעס אויף דער העלער לאַנדשאַפט: אַ קעמל. אַ שוואַרץ, שמאָל גע־שטאַלט הוידעט זיך אויף זיין רוקן, אָדער ער פירט עס ביי אַ שטריקל. אַלץ ווי געווען. דאָרט האָט דער אָטעם פון צייט זיך פאַרהאַלטן. ס׳אָטעמט דער מידבר מיט זיין בראשיתדיקן אָטעם.

חיים האָט אַרויסגעצויגן א סיגאַרעטל פון שעכטל פאַפּיראָסן, וואָס איז געלעגן אויפן בענקל לעם בעט. פאַר־רויכערט. טיף טיף אין זיך אַריינגעצויגן דעם רויך. פאַמע־לעכקע, מיט ישוב הדעת אים אַרויסגעלאָזט. איינגעקוקט זיך אין די רויך־קנוילן און נישט אויפגעהערט טראַכטן:

און ווי האַלט עס מיט די ידידים? מיט די חברים פון אַמאָל? ווו איז אַצינד, אַ שטייגער, לייבל זאָמער? אַ האַלבער ייד און אַ האַלבער בעדואינער — האָט מען אויף אים גע־זאָגט. איינער האָט ער זיך דעמאָלט, מיט יאָרן צוריק, אויפגעהאַלטן אין באר־שבע. צען משפחות האָבן דאָרטן

* גיי צו דער שיקמה (פּרוכטבוים) און עס די פּירות (אַראַביש).

געוויינט. דאָס ווייב מיט צוויי קינדער — געלאָזט אין פּתח־תקוה.

ווי דאָס וואַסער אין די ערד־שפּאַלטן אויפן וועג קיין סדום, וואָס ווייזט זיך איין מאָל אין עטלעכע יאָר — האָט ער זיך אַ וויז געטאָן אין שטוב אַריין — עטלעכע מאָל אין יאָר. געטראָפן אים ס׳לעצטע מאָל (שוין אַוודאי אַריבער צוואָנציק יאָר) אין טבריה, צפת. ער מיט די שעפּעלעך, און לייבל דרייט זיך ווי אַ גלגול צווישן די צעפּוילטע מויערן און שמאָלע געסלעך. אָט איז ער צווישן די פּאָטאַש־אַרבעטער ביים ים המלח: ביים פּאַרלייגן בעטאָן־רערן פון ראש־העין קיין ירושלים.

אַ געוויקסיקער, אַ ביינִיקער. אַן אָפּגעברענט פּנים. הענט, באַאָדערטע, שטאַלטנע. די טשופּרינע — שוואַרץ, באַדעקט מיט אַ געלבלעך־ווייסן זאַמד־שטויב.

לייבל האָט זיך געקענט אומגיין מיט אַ גוט אַראַביש רייט־פּערד, מיט אַ קעמל. ער האָט געוווּסט ווען און ווי אַזוי אַריינקוקן אין די נאַכטיקע, הייסע אויגן פון אַ באַרוועסער, שלאַנקער פּאַסטעכין.

— לייבל חלוץ, פּויער, פּועל, פּרא־אדם: איך ווייס ווו דו ביסט אַצינד. איך ווייס אַפילו וואָס דו ביסט — וויצע־מיניסטער פאַר לאַנדווירטשאַפט.

און אברהמל סאַפּירשטיין? אַנומלט צו אים באַדאַרפט. געוווּסט, אַז ער זיצט אין ועד־הפועל.* פון די שישקעס. אַוועק צו אים. אַ פינף־שטאָקיק, דריי־פליגלדיקער בנין. לאַנגע קאָרידאָרן. טירן. אַלע טירן אָפן. די צימערן ליידיק. ליידיקע טישן מיט פולע אַש־בעכערס און שפּיצלעך פון נישט־דערריכערטע סיגאַרעטן. שטולן איבערגעקערטע

* הסתדרות־הויז.

איינע אויף די אַנדערע. שטרויענע און דראָטענע מיסט־קיישלעך, אָנגעפּאַקטע מיט צעריסענע, איינגעקנאָדערטע פּאַפּירן. ער לייענט די נעמען אויף די טאָוול־רעמלעך פון די טירן. נישט געווען וועמען צו פרעגן:

— הלמאי, פונקט דריי אַ זייגער און מען זעט שוין נישט קיין לעבעדיק נפש?

איז ער אַרויף אַ שטאָק העכער. ווידער אַ לאַנגער, ליידיקער קאָרידאָר מיט אָפענע טירן. ליידיקע טישן מיט פולע מיסט־קיישלעך. צוריקוועגס, אויף די טרעפּ — זעט ער אַ פרוי דרענגט אַ נאַסע שמאַטע איבער אַן עמער פּאָד־לאָגע־וואַסער.

— וועמען זוכט איר?

אין איר פאַרוווּנדערט קוקן אויף אים און פרעגן, האָט ער געזען, אַז זי האָט אויף אים רחמנות. ער האָט איר נישט געענטפערט. אַוועקגעגאַנגען.

איז ער שוין מאָרגן געקומען פריער. זיך דערפרעגט צו אברהמלען. אַ בלאָנד מיידל האָט פריער אַ מעסט געטאָן זיין הולך און נאָך דעם כמעט אָן רצון געפרעגט זיין נאָמען און צי האָט ער נישט קיין טעות.

— נישט קיין טעות. ער דאַרף צו סאַפּירשטיינען.

— האָט אייך מר ספיר באַשטעלט אויף היינט.

יאָ, אויף היינט. זאָגט אים, אַז חיים וואַרט.

דעמאָלט, מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, ווען ער האָט זיך פון טבריה קיין דגניה אַראָפּגעכאַפּט, האָט ער אים נישט לאַנג געלאָזט וואַרטן, אברהמל. ער און בת־שבע זענען אַרויס צו אים. אַ טאָג מיט אַ נאַכט האָבן זיי אים פאַר־האַלטן. חיים, בלייב דאָ — האָט ער אים געזאָגט, אברהמל.

— מיר דאַרפן אַצינד הענט. אייגענע הענט דאַרף דגניה.

וואַרף אַוועק דאָס פּאַסטעכריי. „אַז מען לייגט זיך מיט הינט, שטייט מען אויף מיט פליי".

ער האָט אים אויפגעזונגען זיין לידל:

דער פליין איז מיין כאַטע,
דאָס בערגעלע — מיין שטול.
מיין היים איז די סטאַדע,
וואָס פּאַשעט זיך אין טאָל.
...און אַ פייפל האָב איך.
אַ בייטשל אויפן גראָז —
וואָס דאַרף איך נאָך?
ווער מיר נאָך?
צו וואָס? —

און בת־שבע? די „טעאָרעטיקערין"? גוטע חברשאַפט — מאַכט זי — באַזירט נישט נאָר אויף דער בשותפותדיקייט פון דער אידעע. דער עיקר איז דאָס בשותפותדיקע צוזאַמענגיין.

אין אַ היימישן, שטוביקן טאָן האָט זי גערעדט, און מיט אַ זעלטענער קלאָרקייט און תמימות. גערעדט וועגן קלייניקייטן, קליינלעכע, געוויינלעכע דאגות, וואָס קייטלען זיך אַריין אין מענטשנס טעג, יאָרן. זיי ווערן דאָס ברויט און דאָס זאַלץ פון לעבן.

אַ שיינע, אַ שלאַנקע — בת־שבע. אַ לאַכנדיק פּנים. געזונטע, ווייסע ציין. אַ שטרענגער און וואַרעמער בליק אין די אויגן. עפּעס מידברדיקס, מענלעכס איז געווען אין איר. עס האָט געשמעקט פון איר מיט מילך־שעפּלעך, מיט כנרת־נעכט, לבנהדיקע, און מיט ווייבלעכער ניכטערקייט.

אברהמל איז צו אים נישט אַרויסגעקומען.

אַז ער איז אַרײַן אינעװײניק, האָט אים דער ידיד פֿון דגניה פֿאַרװוּנדערט באַטראַכט פֿון איבער די אױגנגלעזער. געקוקט אױף אים און גערעדט מיט אַ קול, אַ יום־טובֿ־דיקס אין מיטן דער װאָך:

— אָ, חײם! שלום חײם, װאָס מאַכסטו?

הײבט ער מיט די אַקסלען: װאָס זאָל ער מאַכן?

פֿרעגט ער זיך אױס, אבֿרהמל, אױף מענטשן, זאַכן, נײעס. װאַרפֿט צו עטלעכע װערטער אין אַ װיצלדיקן טאָן: קוקט אים אָן מיט אַ באַשעפּטיקט פּנים, קלעפּלט אים איבער דער פּלײצע:

— גאָרנישט געענדערט. דער זעלבער חײם.

— יאָ. דער זעלבער חײם. אַװדאי. װאָס דען, װי איר?

2

סעדיהס אָנקלאַפּן אין טיר האָט חײמען אױפֿגעװעקט פֿון שלאָף. ער האָט אַ רײַב געטאָן די אױגן. זיך אַ װיש געטאָן דאָס פּנים מיט בײדע הענט, װי אײנער װאָס װאַשט זיך אונטער אַ קראַן.

ער איז אַראָפּ פֿון בעטל, אַרײַן מיטן קאָפּ אין סװעטער, מיטן פּוסטריט געטראָפֿן צו די שטעקשיך און צוגע־גאַנגען עפֿענען.

ער האָט אונטערגערוקט סעדיהן אַ בענקל. בײדע האָבן זיך אַװעקגעזעצט.

— שלום, שכן. װאָס דערצײלסטו עפּעס גוטס?

— סליחה. שפּעט? — האָט סעדיה מיט התנצלות גע־פֿרעגט — ער איז דאָ דאָס ערשטע מאָל. דאָס ערשטע מאָל זינט זײ זענען שכנים — איז ער דאָ.

כוכב איז אָנגעקומען פון גאַס. סעדיהס טונקלהויטי־קע פּנים האָט זיך מיט אַמאָל פאַררייטלט. ער איז פאַר־שעמט געבליבן זיצן, ווי אַ קליין יינגל בעת מען כאַפּט אים אָפּטאָן נישט קיין שיינע זאַך. ער האָט מיט דער האַנט זיך אַ וויש געטאָן איבער דער נאָז און באָרד. איין פינגער האָט זיך פאַרטשעפּעט אין שפּיץ בערדל: געדלוביעט, געצופּט און לסוף זענעןביידע הענט געבליבן ליגן אויפן טיש. חיים האָט באַמערקט, ווי סעדיה דרייט זיך אויף אַ שפּיץ בענקל און זיך אָנגערופן:

— ער׳ט גיין מאַכן אַ גלעזל טיי. אפשר קאַפע?

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַריין אין קיך.

כוכב האָט געהערט חיימס שאָרוּוען מיט די שטעקשיך, ס׳גיסן זיך פון וואַסער אונטערן קראַן. אַ געקלאַנג פון גלע־זער, לעפעלעך. ער וואָלט אייגנטלעך באַדאַרפט אַריינגיין העלפן גרייטן טיי, האָט ער אַ טראַכט געטאָן. מען קען אָבער סעדיהן נישט לאָזן זיצן אַליין. געקומען אַוודאי עפּעס פרעגן, זאָגן. דאָס ערשטע מאָל זעט אים כוכב דאָ אין שטוב. ער זיצט, סעדיה, מיט די קליינע עלנבויגנס אָנגע־שפּאַרט אין טיש און האָט נישט די אויגן ווו אַהינצוטאָן. דאָס פּנים וויל עפּעס זאָגן און דאָס מויל שווייגט.

חיים איז אָנגעקומען פון קיך. ער טראָגט אַ טעלער מיט דריי האַלבע גלעזער שוואַרצע קאַווע.

— קאַפע טורקי.

— תודה. צו וואָס זיך מטריח זיין?

— פאַר אַ גוטן שכן איז אַלץ כדאי.

כוכב האָט גראָד מיט זיך געבראַכט קעקסן. ער האָט זיי אויפגעפּאַקט און אַרויפגעלייגט אויפן טיש.

— לא. זה לא. תודה. — האָט סעדיה אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— כשר למהדרין — האָט כוכב זיך פֿאַרענטפֿערט.

— תודה, שכן. נישט הונגעריק.

צופֿרידן, וואָס די הענט האָבן מיט וואָס זיך באַשעפֿ־טיקן, האָט סעדיה גענומען דאָס גלאָז צום מויל, אַ זופּ געטאָן. כוכב און חיים האָבן געטרונקען און צוגעביסן.

מען האָט גערעדט: שלעכטער וועטער. נישט זומער, נישט ווינטער. רעגנס. פֿאַרשפּעטיקטער קטיף. אַרבעטס־לאָזיקייט. מעברות.

מען האָט געזופֿט און געוואָרפֿן ווערטער: „עולים חדשים", „יורדים".

— ער פֿאַרשטייט נישט, סעדיה, פֿאַר וואָס איז מען יורד.

חיים האָט זיין גרייטן ענטפֿער:

— אויך פֿריער איז אַזוי געווען: די שוואַכע פֿאָרן צו־ריק און די שטאַרקע בלייבן.

אין גאַס, זאָגט סעדיה, הערט ער גאָר פֿאַרקערט. די עולים זאָגן:

— די שטאַרקע פֿאָרן צוריק און די שוואַכע בלייבן.

— סיר הבשר. עגל הזהב — האָט סעדיה מיט תרעומות אין קול געזאָגט. — אויך אין שולעכל האָט מען דערוועגן גערעדט. הרב נסים האָט יענעם שבת צו מלווה־מלכה גע־האַלטן אַ דרשה. איי, איז דאָס געווען אַ דרשה. „מען זינ־דיקט, האָט ער געזאָגט, הרב נסים: „ויהי העם כמתאו־ננים רע — האָט ער אַ געשריי געטאָן — ויחר אפו".

— — — „און דער צאָרן פֿון גאָט ברוך הוא האָט גע־גרימט אויפֿן פֿאָלק".

ער פֿאַרשטייט באמת נישט, סעדיה, פֿאַר וואָס איז מען יורד. פֿון וואַנען זאָל די ממשלה נעמען אַזוי פֿיל שיכו־נים, אַרבעט, עסן און נאָך און נאָך תצרוכתן? און אַז די ממשלה האָט נישט? למשל, אַ מאַמע האָט נישט גענוג

ברויט, קיין בגד פאַר אירע קינדער — אַנטלויפט מען? קערט מען זיך אָפּ פון איר? לויטן דין, מאַכט סעדיה, אם אדם בא מן הגולה, אַז אַ ייד קומט פון גלות און זיצט אין לאַנד פערציק טעג, איז אים השם יתברך מוחל אַלע זינד. און קוים קערט ער זיך אום צום גלות — קומען צוריק צו אים אַלע זינד און אַ גרויסע שטראָף נאָך דערצו, מחמת ער האָט פאַרלאָזט דאָס לאַנד.

— נכון. גערעכט — האָט כוכב זיך אָנגערופן. ער האָט אַרויסגענומען אַ שעכטל פּאַפּיראָסן. מכבד געווען סעדיהן און חיימען. אַליין אויך אַרויסגעצויגן איינעם.

— תודה! תודה — האָט סעדיה געדאַנקט מיט אַוועק־מאַכנדיקער האַנט. ער רויכערט נישט. שוין פון לאַנג אויפֿגעהערט. דער רויך שאַדט אים. אויך נעמי פאַרטראָגט נישט דעם רויך. הוסט. קראַנק, נעמי. חוץ דעם איז עס אַ גרויסע הוצאה.

— פיר חמורים, סעדיה? — האָט חיים זיך אַ ווערטל געטאָן.

ברוך השם. ער קלאָגט זיך נישט, חלילה. אָבער ווי לאַנג מיינט ער, חיים, וועט מען אַרבעטן מיט חמורים? ווער דאַרף היינט חמורים. זעט ער דען נישט די בולדאָזערס, משא־מאַשינען, טראַקטאָרן? אַוודאי פון חוץ־לארץ אַראָפּגעבראַכט. ברוך השם — מאַכט ער נאָך אַמאָל, סעדיה, און רוקט אָפּ פון זיך ס'ליידיקע גלאָז: גוט, וואָס דאָס מיידל העלפט אַרויס. אַ גרויסע שטיץ אין שטוב.

— יאָ. אַ פיינע בחורה, אסתר.

ווידער האָט זיך גערייטלט סעדיהס פנים. דאָס איז שוין אַן אַנדער רייטלען זיך. ס'איז די שיין פון אַן אינער־לעכער נחתדיקער וועלט. סעדיהס פינגער האָבן זיך ווידער גענומען צום בערדל. געדלוביעט, געקראַצט און אויסגע־

קראַצט עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן זיך צוריק פאַרלוירן אין בערדל:

— אסתר... זיין אסתר?

ער האָט זיך גוט געמאַכט ס׳זיצן אויפן בענקל און אָן שהיות, ווי ער וואָלט אין דער לעצטער רגע ביי זיך אָפּגע־מאַכט, פרעגן כוכבן, וואָס ער האָט זיך שוין לאַנג געגרייט פרעגן:

— מאָרגן איז פרייטיק. דער קורצער פרייטיק. ער טרייבט נישט אַרויס די חמורים. ער פאָרט מאָרגן אויפן שוק הפשפשים* זיך קויפן אַ מאַרינאַרקע. וואָכן ווי זי יאָגט אים אויפן מאַרק. נישטאָ שוין ווו אַ לאַטע צו לייגן אויפן רעקל — זאָגט נעמי. און ער האָט נישט ווען. אַ שאָד אַ טאָג אַרבעט. חוץ דעם קען ער זיך נישט אויס אויף די פרייזן. מאָרגן מוז ער שוין. אסתר פאָרט מיט. זי איז אין חופש. דעם אמת געזאָגט, איז אויך אסתר נישט קיין גרויסער מבין. צי איז ער נישט... צי איז ער, כוכב, נישט אַ בעלן מיט זיי מיטפאָרן? זיין אסתר מיינט אויך אַזוי...

כוכבן איז די זאַך אויסגעקומען מאָדנע. דאַרפן זיי טאַקע אַלע דריי פאָרן קויפן דאָס שטיקל רעקל? איז ער זיי אַזוי נייטיק מיט זיין מבינות? נאָר, אַז „אסתר מיינט אויך אַזוי״... לוינט זיך קיין סך דערוועגן נישט אַריינטראַכטן. ער וועט אויך נעמען אַ טאָג חופש. זינט יענעם פאַל, דעם מיאוסן נאַרישן פאַל, איז ער אין יפו נישט געווען. כדאי אויך זען דעם שוק הפשפשים מיט זיינע מציאות.

— יאָ. ער פאָרט מיט זיי — האָט כוכב געענטפערט נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת.

---

* „וואַנצן־מאַרק״ (פון אַלטע זאַכן).

חיים האָט זיך אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבערן מויל:

— נו, זאָל זיין מיט הצלחה.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט אַראָפּנעמען פון טיש. אויך סעדיהן איז, אַפּנים, אָנגעקומען גרינג ס'אויפהייבן זיך. ער האָט געדאַנקט פאַר דער קאַפּע און געמאַכט עטלעכע שריט צו דער טיר.

— שוין? אַזוי גיך? — האָט אים חיים געפּרוווט פאַר־האַלטן.

— תודה. שפּעט.

כוכב האָט אים אַרויסבאַגלייט פון שטוב.

קאַפּיטל צוועלף

1

אַ שיינער טאָג געווען. איינער פון יענע יונגע, זוניקע טעג, וואָס קומען אומגעריכט צווישן איין רעגנכוואַליע און דער צווייטער.

האַלט אַזאַ וועטער אָן מער ווי אַ מעת־לעת, צוויי, מיינט מען: ערב זומער. פרילינג אייראָפּעאישער. די היים, דער היימישער הימל, דער טיף־בלויער, קאַלטער, דאָס קילע ווינטל און דער ריח, דער ערב־פּסחדיקער — זענען אַהער אַריבערגעקומען; עולה געווען איבער נאַכט איז די גאַנצע לאַנדשאַפט, די דאָרטיקע מיט די גאַסן, מיט די יידן: די ענגשאַפט און די בענקשאַפט. —

כוכבן אַליין איז פאָרגעקומען, ווי ער וואָלט אַצינד אַראָפּ פון אַזאַ „לופט־שיף" — ער שטייט דאָ, און זיין פּנים, זיין אָפּשאָטן — איז געבליבן דאָרטן.

דערמאָנט, אַז ער איז דאָ־הי, האָבן אים די הויכע הייזער, די איינמאָסיקע פון שכון, דער אויסגעהאַקטער פּרדס מיט עטלעכע טעלעפאָן־סלופּעס אין מיטן פון אַ נייער גרויסער גאַס; די דריי־פיר־שטאָקיקע הייזער מיט גרויסע פענצטער, ברייטע רוק־טירן און טעראַסעס. אויך די מענטשן מיט זייערע הולכס, זייער גיין, לויפן מיט אַן אומרו

פון וועלן דריאָגן עפּעס אַ פּאַרשפּעקטיקטע זאַך — האָבן אים דערמאָנט, אַז ער איז אין ישראל.

דאָס איז דאָך דאָס יערנדיקע, ווערנדיקע ישראל מיט איר בלענדיקער זון־ליכט, מיט דער קילער שיין, דער ווינ־טערדיקער. אַ קילע און וואַרעמדיקע, דערבאַרעמדיקע שיין פון תוצרת הארץ.

זיי גייען צו דער אויטאָבוסן־סטאַציע. סעדיה אין איין זייט. כוכב אין דער צווייטער. אסתר — אין מיטן. אַ טרי־קאָ־בלוזקעלע פון טונקעלן בעזש טראָגט זי אויף זיך. דער קאָליר פון בלוזקעלע איז ווי אַ לעבעדיקע טייל פון איר טונקעלן, שיינעם פּנים. עס פּאַררונדיקט אירע שמאָלע אַקסלען און מאַכט שלאַנקער איר מיטלוווקסיקייט. אויפן האַלדז — אַ גאָלדן קייטעלע מיט אַ מעדאַליאָניק. עס ליגט בריווחדיק צווישן די אָפּשטייענדיקע בריסטלעך, הוידעט זיך בעתן גיין. איר גאַנג — אַ לייכטגעוויכטיקער, בויגעוו־דיקער. ער וואַקלט זיך דיסהאַרמאָניש צו די געפּערטלטע און האַלבע „טאַקטן" פון לעטשלעך אויף הויכע קנאַפּעלעך, אַ שטייגער, זיי ווילן זאָגן:

— ווייסט ער כאָטש, כוכב, פאַר וואָס זי קוועלט אירע פיס אין לעטשלעך אויף הויכע קנאַפּעלעך?

אין קורצן שטיקל וועג פון שטוב ביז דער אויטאָבוסן־סטאַציע, האָט זי עטלעכע מאָל פאַרטשעפּעט די פיס אין שטיין. געפאַלן. אויסגעגלייכט זיך. געכאַפּט פאַר כוכבס אָרעם, געשמייכלט:

— סליחה, אדון.

אסתר איז אַצינד העכער און גרייכט ביז זיין קאָפּ. דער יונגער גלאַנץ אין אירע צעעפנטע אויגן, דאָס אויסגע־שוויגענע פרייד־געפיל אויף איר פּנים, דער באַריר, דער וואַ־רעמער פון איר האַנט און אַקסל — דערמאָנט אויך כוכבן:

— ניין. נישט צוליב דער מאַרינאַרקע, דעם ליאַד, האָט זי זיך היינט אַזוי פאַרפוצט, אסתר.

דער אויטאָבוס האָט געפירט צו דער תל־אביבער צענ־טראַל־סטאַציע. פון דאָרט מיט נאָך איין אויטאָבוס — קומט מען קיין יפו. עטלעכע מינוט גיין פון יפו, נישט ווייט פון אַראַבישן דזשעבעליע — איז דער שוק הפשפשים.

אָט איז מען אויפן הויפט־כביש. פון כביש פאַרנעמט זיך אַ געסל. נאָך דעם — אַ געדרייטער וועג — שכונה „כאַפ״.

צריפים. מויערלעך מיט אַזבעסט־דעכלעך. ווענט — באַשלאָגן מיט פאַפע און בלעך. בריוּוחדיק שטייען די הייז־לעך, איינס פון אַנדערן. די הייפלעך זענען אָפן. דאָ און דאָרט — אַ גדר־חי, דראָט־פאַרצוימונגען, קלעטער־פלאַנצן.

ס׳טוט אים הנאה, סעדיהן. ער זעט, אַז אויך זיין שכונה איז אויפגעריכט געוואָרן. צענומען די אַלטע געביידן, די צריפים. וויניקער קופעס מיסט אויף די וועגן, דורכ־גענג. דעם נייעם כביש וואָס מען האָט געפלאַסטערט דע־מאָלט בשעתן פאַרלאָזן די שכונה — איז אַצינד אויסגע־ברייטערט. טראָטואַרן פון ביידע זייטן.

די עטלעכע געבליבענע מויערלעך האָבן אויך אַן אַנדער מראה. די לעדן זענען פריש געמאָלן. נייע וויטרינעס, טירן, פענצטער. אַ סך ווענט — געטינקעוועט, ווייס־געקאַלכט. אַפילו פון דער געלאַטעטער וועש צעהאָנגענע אויף שטריק פון גאַניקלעך און הייף, ווייעט מיט פרישקייט און אויפגע־קומענער לייטישקייט.

2

איידער מען קומט צום בוסטרוס, וואָס פירט צום שוק, גייט מען פאַרביי דעם זייגער־טורעם. מען רופט עס

זייגער־טורעם אָבער איזן איז עס אַ מין מעטשעטל, אַ תפילה־הויז וואָס אַרויפקומען אַהין קאָן נאָר דער מועדזין.* עס איז שמאָל, קיילעכדיק, הויך און עטוואָס ברייטער פון אַ פאַבריקס־קוימען. אינעווייניק איז אַוודאי ברייטער ווי עס זעט זיך אויס. דער קופאָל — אַ רונדיקע שיפּוע, אויבן פאַרשפּיצט. אַ סך פריער איידער מען קומט קיין יפו זעט מען דעם קופאָל, דעם זייגער און דאָס באַלקאָנדל.

פון דעם „קוימען" — דערציילט מען — האָט טאַקע געשפּריצט מיט העצרייד. מיט גאָרן־געדרייטע, אייזערנע טרעפּ, וואָס פירן צום באַלקאָנדל, איז צוויי מאָל אין וואָך אַרויפגעקומען דער מועדזין. אין אַ ווייסן כאַלאַט, אַ מין קיטל, אין אַ שטייפער קעפּקע אויפן קאָפּ, פלעגט ער זיך באַווייזן. גערעדט האָט ער נישט קיין סך, דער מועדזין. ער האָט פרום פאַרהויבן די הענט און געזאָגט:

— אַלע הייליקע ערטער פון גאַנץ פּאַלעסטיין גרייטן זיך די יידן פאַרכאַפּן. יעדער וואָס גלייבט אין אַללאַ, מוכאַ־מעד — זאָל אַרויסגיין „לאַדזשיהאַד".**

— לאַדזשיהאַד! — האָט ער פרום פאַרשנאָרוולט די לעפצן.

איטלעכס מאָל פאַר אַזאַ תפילה־דרשה, האָבן די גלע־קער מוראדיק געקלונגען. פון יפו, פון דזשעבעליע, תל־עריש און פון אַלע דערבייאיקע מקומות זענען זיך צונויפגעקומען די אַראַבער. געזאַמלט זיך אַרום דעם מעטשעטל. מיט הכנעה אין די נאַקנס, מיט פחד אין די אַפּלען און הייליקן ציטער אויף די ליפּן זענען זיי — מיט די פיס אונטער זיך —

---

* אַ גייסטלעכער.

* צום הייליקן קריג.

געזעסן און פאַרנומען דאָס פרומע גערייד, דאָס שעפּטשע־ניש.

לאַנג איז מען נאָך דעם געזעסן אין פאַרשטומטער, אָנגעשראָקענער שווייגעניש. נאָר ווייטער פון דאַנען האָט זיך קיינעם פון די פאַרזאַמלטע — מחמת מורא און אַ היפּש ביסל פוילקייט — נישט געגלוסט צו גיין.

ווייטער פון דאַנען, צפונדיק לענגאויס דעם ים־ברעג, האָט תל־אביב, די יונגע, קליינע און זאַמדיקע, זיך גע־גרויסט; געהאַנדלט מיט נייע אַספאַלטענע כבישים, מיט ווײַ־סע הייזער, גאַסן,ביימער, פּאַרקן: ליכטיקע וויטרינעס און נעאָ־ליכטער. גערויש פון מאַשין און טראַקטאָר. געקלאַפּ פון האַמער און געשריי פון רושטאָוואַניעס. נייע פּנימער. נייע לידער. ליכט און לעבן.

עס האָט געצויגן צו דער יונגער שוועסטער, דער בלאָנ־דער, לאָקנדיקער — תל־אביב.

ווי נאָס האָלץ אויף פייער, האָט דאָס פרומע קרעכצן פון די מועדזינס געצישעט, זיך געדושעט, דערשטיקט געוואָרן אין „האַלדז" פון שמאָלן דעמפיקן מעטשעטל.

אויסגערונען, צעגאַנגען זיך איבער טונקעלע, אָרעמע יפו־געסלעך איז דאָס גלאָקן־געקלאַנג, דאָס מאָנאָטאָנע, ווי עכאָס פאַרלאָרענע אין אַ וואַלד.

ווי אַ כמאַרע פלעגט זיך צעגיין די מענטשנמאַסע — אַ צעטומלטע פון אומוויסן. אויפן וועג אַהיים, אין די קאַפעהייזער, אויפן שוק, האָט מען איבערגעקייעט די רייד — טרוקן שטרוי אין מויל פון הונגעריקע אייזלען.

געוועז אויך קלוגע, שווייגנדיקע. זיי האָבן פאַרשטאַ־נען:

— אַ נעץ, אַ טונקעלע, שפּינוועביקע, שפּרייט מען אַרום

זיי. אַ נעץ פאַר אַראַבער און יידן; דאָס איז די שפּין, די הונגעריקע, וואָס פאַרצערט די אייגענע קינדער.

*

ווי אַן אויסגעברענטער קוימען שטייט אַצינד דער זייגער־טורעם אין מיטן בוסטרוס. פאַרשוואַרצט די ווענט. אָפּגעריבן דער קופּאָל. מער ווי דער ציפּערבלאַט, די ווייזערס און הינטער זיי — מעשיות, פּוסטע רייד — איז גאָרנישט געבליבן.

געבליבן איז דער רינג געוועלבער. דער וואַנצן־שוק. קרומע, קליינע געסלעך — נישט געסלעך. הייזער אַלטע מיט בלינדע געסמאָלעוועטע ווענט און ווינקלדיק אַרויסגעשטעלטע צום בוסטרוס. אַ סך געסלעך זענען שמאָלע, פינצטערע ווי טונעלן. טונעלן, וווּ דער בלויער פּאַס הימל גיט ווי אַ פּריילעכער שנעלצוג, אַ פלי פאַרביי צווישן אַזייגער צוועלף און האַלב איינס.

3

בעת אַלע דריי האָבן זיך דערנענטערט צום שוק, האָבן די ווייזערס אויפן טורעם־זייגער געוויזן איינס מיט פּופצן.

ער האָט אַ גרויסע נאַרישקייט אָפּגעטון, סעדיה. פּונקט פּרייטיק, דעם קורצן פּרייטיק, אויסגעקליבן זיך דאָ אַהער. מיט צוויי אויטאָבוסן פאָרן. וואַרטן. צופוס גיין — פאַר וואָס האָט ער פריער דאָס נישט באַרעכנט? אסתר איז שוין אַוודאי פאַרמאַטערט. און דער פרעמדער יונגערמאַן, כוכב? אַוודאי אים אַ טאָג אַרבעט היזק געמאַכט. און נעמי דאַרף

אַליין שבת גרייטן. איז עס פּאַר אירע כוחות? און טאָמער פּאַרשפּעטיקט ער? מחלל שבת זיין צוליב אַ מאַרינאַרקע?

אָט איז דער שוק. דער רינג קלייטלעך, בודקעס, שטעלן, טישן און טישלעך. ענג און טונקל איז אין די קראָמען. אויף די אָפענע טירן, אויף שטאַנגען הענגען הויזן, אַלטע רעקלעך, מאַרינאַרקעס און פוטערנע קורטקעס. אָנצעגער, פּאַלטנס, מאַנטלען, באַטלדרעסן.

טענדלערס. אויפקויפערס און פאַרקויפערס, דרייען זיך אַרום די קראָמען, זיצן אין די דערבייאיקע קאַפעען, רעסטאָראַנדלעך.

מען פאַרקויפט דאָ אויך סחורות אויפן מעטער, „שטיק", קופּאָן, רעשטלעך. ענגלישע שטאָפן — ריינער קאַמגאַר, פּוילישער קאָרט, גרייטע אַמעריקאַנער לעדערנע קורטקעס, דזשינס־הויזן. אויך נייע קאָסטיומען — תוצרת הארץ.

— ביליק און גוט — שרייען די הענדלער.

ליגט אַ מלבוש נישט אַזוי אַקוראַטנע, זענען נישט ווייט שניידער־וואַרשטאַטן פאַראַן. אויפן אָרט מאַכט מען קלענער, גרעסער, ברייטער, שמעלער. אויפהייבן אַ קעשענע, אויסבעטן אַן אַקסל, צופּרעסן אַ פּשאָדעק, אַ קלאַפּע — איז דאָ פון די קליינע זאַכן. דאָ מאַכט מען אויך אַ פאַלשן מאַנ־קעט, מען פאַרצערעוועט אַ לעכל, פאַרלאַנטרירט אַ ריס, מען נייט אונטער אַ פּאָדשעווקע.

אויך שוסטער־וואַרשטאַטן זעט מען דאָ, און געשעפטן פון נייע שיך. אַ שפּאָגל־ניי געשעפט פון אַלט מעבל: ביכער־שענקלעך, ראַדיאָ־טישלעך, עטאַזשערקעס, שטולן, פאָטעלן. אַן אַלטע שקאַטולקע, אַן אָפענע, מיט סימנים פון אָפּגע־ריבענער פּאָלעסטרע. ווי אַ קאַלט טויט אייגל קוקט פון אַ זייט־שקאַטולקע אַרויס דאָס ניקלענע שלעסל — דער סוד

און די שיינקייט פון חפץ, וואָס דער גאַנצער חן דערפון איז אין דער הערמעטישער פאַרמאַכטקייט.

*

שוין געווען אין דריטן, פערטן געוועלב. פאַרהאַלטן זיך ביי די טישלעך אין דרויסן — אַלץ גרויסע מאָסן. שווער פאַר סעדיהן געפינען אַ מאַרינאַרקע.

אַז די קרעמער גיבן אַקוק אויף סעדיהן, דרייען זיי אַוועק די קעפּ — ספק־ברוגז, ספק־געלעכטער:

— קוק עס אָן. און „דאָס" וויל געבן צו לייזן אויפן שוק הפשפשים. נייע טראַנספּאָרטן זענען אין וועג. ספּעישל־טראַנספּאָרטן פון אַמעריקע — קליינע מאָסן.

אַזייגער דריי איז שוין געווען בעת זיי זענען אַריין אין איינעם פון די לעצטע געוועלבן. אַריין — און געטראָפן.

— וואָס קויפט איר? — האָט דער סוחר פריינדלעך צו סעדיהן זיך אַראָפּגעבויגן.

— אַ מאַרינאַרקע.

— אַ מאַרינאַרקע? אייער מאָס? — ער האָט אַראָפּגענומען פון דער הייד אַ מאַרינאַרקע:

— אַזוינס און אַזעלכעס. אייער מאָס.

סעדיה האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אויבעררראָק, דעם סוועטער. געבליבן שטיין אין האַרצלייבל און טלית־קטן.

אַ קליין קינדיש רעקל האָט דער סוחר געהאַלטן אין האַנט. מיט אַ שמייכעלע אַ צופרידנס, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעפונען אַ קונה אויף דעם באָוול, האָט ער געהייסן סעדיהן אָנמעסטן. ער האָט אָנגעמאָסטן. אַוועקגעשטעלט זיך אַקעגן גרויסן, האַלבן שפּיגל ביי דער וואַנט. דער סוחר האָט גערעדט צו כוכבן און אסתרן:

— בחיי, ווי אויף אים גענייט. און סאַראַ סחורה?
אַלע דריי האָבן זיך איבערגעקוקט אויף אַ צייכן פון הסכמה.

— אבא, הייב אויף אַ ביסעלע די האַנט. אָט אַזוי־אָ. און די אַנדערע האַנט לאָז אַראָפּ.

אסתר האָט דערביי געוואָרפן אַ בליק צו כוכבן: „ווי מיינט ער?"

ער מיינט אויך אַזוי — האָט ער געזאָגט — נאָר די אַרבל זענען דאַכט זיך צו לאַנג. עטוואָס קירצן דאַרף מען.

— וויפל קאָסט ס׳מלבוש?

— פּאַר אייערטוועגן און אַזוי ווי ס׳איז אַצינד שבת ביי יידן — זיבן פונט.

— נו, און קירצן די אַרבל?

— ס׳אַ קלייניקייט. גוט. בסדר. איך צאָל. אָבער קומט גיכער. אַ פרומער ייד דער שניידער. איר ווילט דאָך אויך וואָס פריער אַהיימפאָרן?

אַלע דריי האָבן זיך ווידער איבערגעקוקט. סעדיה האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— נו, מילא. אַ סוף זאָל עס נעמען. שבת.

*

דער שניידער, וואָס איז מיט אַ צעראַטענעם סענטימעטער אויפן האַלדז געשטאַנען ביים טיש, האָט דערזעענדיק די דריי און דעם סוחר מיטן רעקל אויף דער האַנט, זיך צעשריגן אין גוטן בייזער:

— אדון זעליק, אַצינדערטאָ ברענגט איר מיר תיקונים?*

* צו מאַכן פּאָפּראַווקעס.

— אַ קליינינקייט, געצל: די אַרבל.

דער סוחר איז אַרויס. געצל האָט באַטראַכט די מאַ־רינאַרקע, דעם קונה. סעדיהן האָט זיך אויסגעוויזן, עס דויערט צו לאַנג. שבת. מחלל שבת זיין צוליב אַ מאַרינאַר־קע? מחלל שבת — מות ימות — האָט ער זיך ווידער דער־מאָנט אין די פסוקים פון הרב נסימס דרשות. זאָל ער אַזוי גוט זיין און אַ מאָס נעמען. ער מוז גיין. ער פאָרט שוין אַהיים.

געצל שניידער האָט אַ שאַר אַרויף געטאָן דאָס ווייכע טעמבעל־היטל איבערן שטערן, גענומען אַ שטיקל קרייד אין האַנט און געכאַפּט ס׳מאַרינאַרקעלע. צוגעלייגט איין אַרבל, אַ מעסט געטאָן סעדיהס אָרעם, אָפּגעצייכנט.

— זהו זה. איך וויים שוין. קומט זונטיק אין דער פרי.

— ניין. זונטיק האָבן זיי נישט קיין צייט. דער אבא וועט אַהיימפאָרן און זיי ביידע וועלן דאָ בלייבן — האָט אסתר געזאָגט.

— מיר וועלן דאָ אונטערוואַרטן — האָט כוכב באַ־שטעטיקט.

סעדיה איז אויף גיך אַרויס. פאַרן אַוועקגיין האָט ער אסתרן אָנגעזאָגט:

— למען השם, נישט פאַרגעסן. פרייטיק. דער קורצער פרייטיק.

קאַפּיטל דרייצן

1

דער תיקון וועט דויערן מער ווי אַ האַלבע שעה. אַ בעל־מלאכה האָט נישט ליב, אַז מען קוקט אים אין די הענט אַריין. און אַז מען יאָגט זיך — האָט געצל געטאָן אַן אַלט־שניידערישן ליצנותדיקן קוק אויף אסתרן — אַז מען יאָגט זיך, קומען אַרויס בלינדע קינדער...

— ווען מיר דערווייל אַ שפּאַציר טאָן — האָט כוכב געזאָגט. — אסתר איז מסכים. וועט זי נישט אויסגעשטעלט זיין אויף הערן גראָבע, ביליקע וויצן. חוץ דעם איז איר געפעלן דאָס וואָרט „מיר”.

— בסדר. אָבער נישט אויף לאַנג. שפּעט.

— זי איז צופרידן, וואָס דער גאַנג איז נישט געווען אומזיסט — האָט זי געזאָגט אויפן וועג.

— וואָס מיינט זי דערמיט?

— די מאַרינאַרקע. וויפל מאָל זי איז מיטן אבא געווען אויפן שוק, תמיד אַהיימגעפאָרן מיט גאָרנישט. שווער אויף זיין מאָס עפּעס צו געפינען.

— דאָס אין גאַנצן?...

אסתר האָט נישט געענטפערט. כוכב האָט אין גלאַנץ,

אין די ליכטיקע פּייערלעך פון אירע אויגן געזען, אַז אסתר ווייסט ווען צו שווייגן.

זיי זענען געווען ווייט פון שוק. כוכב האָט דערפילט אַ הונגער. און זי? אסתר? אויך אַוודאי הונגעריק? — האָט ער זי געפרעגט — מען האָט דאָך אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן. מ׳עט אַריינגיין איבערכאַפּן עפּעס.

— שפּעט. מען וועט שוין עסן אין דער היים.

— אַ לייכטן ביס.

— נאָר אַ קאַפּע. אָבער וואָס גיכער.

*

אסתר און כוכב זענען געזעסן ביי אַ טישל דרויסנדיק פון אַ רעסטאָראַנדל. אינעווייניק, איבערן בופעט ווו ס׳איז געשטאַנען איינע מיט אַ ליאַלקע־פּנימל, הויכן ביוסט און צוגעריסעוועטע ברעמען — האָט געברענט אַן עלעקטריש לעמפּל. אַ סך טונקעלער ווי אין דרויסן איז אין שמאָלן אָנ־פּענצטערדיקן רעסטאָראַנדל. אויך אויפן האַלב־רונדיקן, נידעריקן סופיט, נענטער צו דער אָפענער טיר, ברענט אַ לעמפּל. אַ לענגלעך, שמאָלער דורכגאַנג. פון ביידע זייטן ווענט — טישלעך, שטולן. ביי אַ טישל זיצט איינער אין האַלב־זעלנערישע, האַלב־ציווילע קליידער. זופּט קאַווע. וואַרפט אייליקע, אומרואיקע בליקן אין אַלע זייטן. הינ־טער אים איבער אַ טישל זעען זיך צוויי פּלייצעס אין ווייסע העמדער, גלאַט־פּאַרקעמטע, גלאַנציקע קעפּ. דאָס טישל איז באַשטעלט מיט מאכלים און געטראַנקען. אַקעגן זיי, זייַ־טיקלעך, מיט די אויגן אין אַ צייטונג פאַרטאָן, זיצט אַ בע־סער־געקליידעטער, עלטערער מאַן. איטלעכס מאָל בעת איינער פון די צוויי גיט אַ רוף „זאָשע״ און זי גענגלט אַפּער

פון אונטערן בופעט מיט נייע מאכלים אין די הענט — הייבט דער עלטערער מאַן די אויגן אַרויס פון צייטונג, האַלט זיי לאַנג, אַ ביסעלע צו לאַנג, אויף זאָשען. ערשט ווען זי גייט צוריק, שטעלט זיך ווי פריער מיט פנים צו די זיצנדיקע — לאָזט ער ווידער אַריין די אויגן אין צייטונג. ער דריקט בעת מעשה פעסטער צו זיך די טעקע, וואָס ער לאָזט נישט אַרויס פון אונטערן אָרעם. אויך די וואַליזקע לעם זיינע פיס — רוקט ער צו נענטער. פון פלעשעלע סאָדע אויף זיין טישל פעלן עטלעכע שלינג. דאָס שטיקל קוכן אין טעלערל איז נישט גערירט.

כוכב און אסתר קוקן זיך איבער מיט פאַרווונדערטע, פרעגערישע בליקן:

— זענען זיי נישט דאָס איינציקע פאָרל אין דעם טונקעלן רעסטאָראַנדל?

מאָדנע־פאַרדעכטיקט קוקן אויס די פנימער, די פּאָזעס פון די זיצנדיקע. און דאָס גענגל פון דער הינטערן בופעט: זי אײַלט זיך גאָרנישט קומען פרעגן וואָס זיי ווילן. דאָס לעמפּעלע איבער זייער טישל, וואָס רייסט זיך מיט רויטער ליכט אין פאַרנאַכטיקן געסל אַריין — ווינקט ווי אַן אייגל, אַ פאַרשייטס, מיט אַ מוטנע־רויט פייערל צו דער האַלבער שעה, דער ערב־שבתדיקער:

— נו גיכער, גיכער פאַרגיי... מען דאַרף מאַכן נאַכט...

אומבאַקוועם איז זיי געוואָרן דאָס זיצן. ביידע האָבן זיך געוואָלט אויפהייבן און גיין. גראָד אין דער רגע איז זאָשע אָנגעקומען. אַ מעסט געטאָן מיט די צוויי אונטערגעריסעוועטע אייגעלעך פריער אסתרן, נאָך דעם כוכבן און געפרעגט:

— וואָס דערלאַנגען?

— אַ לייכטן ביס.

— אַ שטייגער ?
— צווי סענדוויטשן און צוויי קאַווע.
— פאַר מיר אַ קאַווע — האָט אסתר זיך אָנגערופן.
— סליחה. אויב אַזוי, איז בלויז צוויי קאַווע.

זאָשע איז שוין ווייטער געווען. נישט געהערט, אָדער נישט געלייגט קיין אַכט אויף כוכבס לעצטע ווערטער. זי איז תיכף צוריקגעקומען מיט סענדוויטשן און קאַווע.

שוין געווען גוט שפעט.ביידע האָבן אין איילעניש גע־טרונקען און צוגעביסן. אויפן ליידיק־ווערנדיקן טראָטואַרל האָט איינע פאַרבייגעטריטלט. קלינגווודיקע, געמאָסטענע טריטלעך פון שיין־געשטעלטע פיס אין לעטשלעך אויף הויכע, דינע קנאַפּעלעך. פון גלאַסענעם, בויגעוודיקן גיין, זענען אירע בלאָנדע אין דער ברייט־צעלאָזענע האָר נאָך ברייטער זיך צעפאַלן, כמעט פאַרשטעלט איר פנים. ערשט אַז די טריטלעך האָבן פאַרקערעוועט אינעווייניק, אין רעס־טאָראַנדל און מיט נאָך הילכעוודיקער קלינגעוודיקייט אי־בערן שטיינברוק זיך געלאָזט הערן — האָבן אַלע אויפגע־הויבן די קעפּ פון איבער די טישלעך. דער זעלנער, דער על־טערער מאַן מיטן צייטונג, האָבן גלייך געוואָרפן זייערע בליקן אין איר זייט אַריין. זי לאַנג געהאַלטן אויפן שיינעם שלאַנקן דאַמעלע אין באָרדאָ־קאָסטיומל, וואָס האָט גע־מאַכט איר גאַנג נאָך שלאַנקער, אַרויסרופערישער.

זאָשע האָט איר אַקעגנגעשמייכלט:

— פאַר וואָס עפעס אַזוי ערנסט היינט ?
— גיב צו פאַררויכערן, זאָשו.

זי האָט אַראָפּגענומען אַ שעכטל פּאַפּיראָסן פון דער פּאָליצקע, עס געעפנט, אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס, אונ־טערגעטראָגן זאָשען און נאָך דעם — אַליין פאַררייכערט.

— פאַררייכער, זאַשו.

— זינאָטשקאַ?

בעתן אַרויסגיין מיטן צעצונדענעם ציגאַר אין מויל, האָט כוכב דערקענט דאָס פּנים.

— אַך, זינאַ! — האָט ער אויסגערופן מיט אַן איילי־קער, פאַרציטערטער שטימע.

דאָס זעלבע פּנימל, בלויע, וואַסערדיקע אויגן, נאָר די צוגעריסעוועטע ברעמען, דער צינאָבער אויף די ליפּן, האָט איר אויסזען פאַרענדערט. בלייכער. עלטער. אַ סך עלטער ווי זי איז.

— דערקענט? — האָט זי געפרעגט שפּאָטיש און מיט געמאַכטער חוצפּה. זי האָט פאַרלאַנגזאַמט דעם טראָט.

— אָ, אַ שיין פּנים האָסטו, זינאַ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן. נאָר אסתּר האָט פריער מיט אַן אויגן־אויפהויב, נאָך דעם מיט אויפשטעלן זיך — צווישן געגעבן:

— זי האָט נישט בדעה צו זיין אַ דריטע אין שמועס מיט אַ זונה.

האָט כוכב זיך אויפגעהויבן. אסתּר האָט זיך אויף גיך אַוועקגעפּטרט. כוכב האָט באַמערקט און געוואָלט נאָכ־גיין. זינאַ האָט זיך פאַרהאַלטן נאָענט פון אים: מיטן זעלבן שפּאָטישן קוק ווי פריער אים אָפּגעמאָסטן. דאַכט זיך אויך עפּעס אַ מורמל געטאָן און אַרויסגעגאַנגען.

אַ צעטראָגענער, אַן איבערראַשטער איז כוכב געשטאַ־נען מיט איין פוס אויף דער שוועל פון רעסטאָראַנדל. מיטן צווייטן האָט ער זיך געוואָלט לאָזן לויפן נאָך אסתּרן. זאָשעס שטימע האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— אדוני, ביי אונדז צאָלט מען.

2

ווי אַ געיאָגטע פון עמעצן, איז אסתר געגאַנגען מיט אייליקע גיכע שפּאַן. נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. אַ פייער האָט אָנגעצונדן אירע קליידער. זי שפּירט ווי דאָס פּנים ברענט איר.

נישט דער ווייטיק פון די פיס אין די ענגע, קוועלנדיקע לעטשלעך, נישט דער הונגער, אַ צערייצטער פון עטלעכע ביס פון נישט פאַרענדיקטן סענדוויטש — האָט איר אַצינד דער־קוטשעט.

געטריבן פון אינערלעכן פאַרדראָס אויף איר גאַנג אַהער מיטן פרעמדן פּוילישן יונגערמאַן, אויפן וויסטן פאַר־דעכטיקטן רעסטאָראַנדל, אויפן פרעכן פּנים פון דער־אָ — איז זי גלייך געלאָפן צום שניידער. געדענקט, אַז ס׳איז שוין באַלד שבת, ערב ליכט־צינדן. די אמא פּאָרעט זיך ביי דער שאַנק. גרייט וועש. ריינע, געמאַנגלעוועטע וועש פאַר זיך, פאַרן אבא און פאַר איר. זי האָט געדענקט, אַז זי מוז וואָס פריער פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע מקום. ביים געדאַנק פון דער היים, האָט זי דערשפּירט אַ דערלייכטערונג. מענטשן שטייען נאָך ביי דער אויטאָבוסן־סטאַציע. זי איז שנעל געלאָפן צום שניידער. אַז זי איז צוריקגעקומען פון שניידער מיטן פּע־קעלע אונטערן אָרעם, האָט זי שוין מער נישט געזען קיין וואַרטנדיקע ביי דער סטאַציע.

אַ ביסעלע ווייטער פון דער תחנה זענען געשטאַנען טעקסיס. די נהגים האָבן גערופן:

— חיפה! תל־אביב! רמת־גן! — שרות.

אסתר מיט נאָך עטלעכע פּאַרשפּעטיקטע, זענען אַריין אין אַ טעקסי אויף רמת־גן.

2

כוכב האָט גיך באַצאָלט. גיך געלאָפן און גיך צוריק געקומען. ביי געצל שניידער איז געווען פאַרמאַכט. אסתרן האָט ער נישט געטראָפן. זינאַ האָט ער יאָ געטראָפן.

זי האָט זיך הין און צוריק געדרייט מיט אַ פּאַפּיראָסל אין מויל. שוין געווען נאַכט.

— אַליין אויפן שטח, מיסכן — האָט זי אים פאַרטשעפּעט.

כוכב האָט געקוקט אויף איר און געשוויגן.

— זי האָט זיך פאַרלאָזט, די תימנער בתולה ? ביידע שווייגן.

— קום. איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן.

— זינאַ ?

— קומט, אדון.

זי האָט זיך אַ דריי געטאָן און געגאַנגען. ער — לעם איר. זי האָט זיך פאַרדרייט אין אַ טונקעלן ליק. ער — נאָך איר. זי איז די ערשטע אַרויף אויף די טרעפּ. געדרייטע, ברודיקע טרעפּ. פינצטער. אַ געשטאַנק פון שתינה און צואה האָט אַ שלאָג געטאָן אין נאָז. זי גייט פאָרויס. לייכט אים צו הינטערווייליכטס מיט אַן עלעקטריש האַנט־לעמפּל.

אַ גרויסער צימער. אַ טונקל־רויטע שיין שלאָגט אַפער פון אונטער אַן אַבאַזשור. אַ שפּאַניש ווענטל. עס איז האַלב פונאַנדערגענומען. אַן אָפּגעדעקטע, אין אַ לייכטן ביוסטנ־האַלטער, דינע זומער־הייזעלעך, איז איינע געלעגן מיט אַ קינאָ־זשורנאַל אין האַנט.

צום אַריינקומען האָט יענע אַוועקגענומען די אויגן פון זשורנאַל, אַ קוק געטאָן אויפן גאַסט און ליגן געבליבן ווי פריער. אירע ברוינע אָרעמס, די שענקלען אין די געפּאַסטע

הייזעלעך, פרייגן זיך. נאַכלעסיק באַרירן די פולע בריסטן דאָס קישעלע הינטער איר. טוליען זיך צום געלעגער מיט אומיסטנדיקער, קלוגער נאָכגיביקייט.

כוכב פּילט אַ מישעניש אין קאָפּ. אַ תשוקה, אַ גוואַל־דיקע גלוסטונג צו מיידל־לייב איז אים פּלוצעם באַפאַלן. אין האַלדז איז טרוקן. די ליפּן ווילן עפּעס זאָגן, נאָר ס׳קומט צו זיי נישט צו קיין וואָרט. אַ גרויס ווונדער איז אים פונ־דעסטוועגן אויף זיך. ער האָט דאָך געוווּסט ווו ער גייט. — „אַז מען קען נישט שמעקן קיין פּולווער, גייט מען נישט אין מלחמה״.

זינאַ האָט אויף אים געטאָן אַ קוק. אָ, סאַראַ קוק? אַזאַ מאָדנער, אַזאַ דרייסטער, כמעט באַפעלערישער קוק. איז דאָס זינאַ? מרימס טאָכטער? זינאַ דאָס מיידעלע... די פקידה?

יענע האָט זיך אויפגעהויבן, אָנגעטאָן און אַרויסגע־גאַנגען. ער איז נאָך אַלץ אַ פאַרלאָרענער געשטאַנען אין מיטן שטוב.

זינאַ האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אויבערשטע טייל קאָסטיום. אין דער ספּודניצע און מיטן טאַש אין האַנט זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד בעט. אַרויסגענומען אַ פּעקל פּאַפּי־ראָסן, שוועבעלעך. פאַררויכערט.

— קום, זעץ זיך — האָט אים זינאַ פאַרבעטן צום בעט.

מיט פאַרשעמטע, אומזיכערע טריט איז ער צוגעגאַנג־ען, זיך אַוועקגעזעצט אויפן בענקל וואָס איז געשטאַנען דערנעבן.

כוכב האָט דערשפּירט אַ קליינע דערלייכטערונג. ער האָט אַצינד פון דער נאָענט אַריינגעקוקט אין זינאַס אויגן. די צוגעפאַרבטע ברעמען האָבן אויסגעזען נאָך שאָטנדיקער. דאָס בלוי פון אירע אויגן — פאַרנעפּלט. זי האָט געהאַלטן

אין איין ציען פון פּאַפּיראָס. לאַנגע, טיפע צי, איינעם נאָכן אַנדערן.

זינאַ קוקט נישט צו אים. איר בליק איז געווענדט ווייטער, איבער אים, איבערן חדר, דעם ראָז־באַלויכטענעם.

די מישעניש אין קאָפּ האָט אויפגעהערט. „ניין, ניין. נישט צו דעם האָט זי אים אַרויפגערופן".

— הערט — האָט זי פּלוצעם אים אָנגעהויבן אירצן — אַ זונה בין איך, האַ?

— ווער האָט עס דען געזאָגט?

— נאָך וואָס זשע זענט איר געקומען?

— מיר זענען דאָך באַקאַנטע.

— איך בין אַ זונה. הערט,הערט. לאָזט מיך רעדן. מיין מאַמע האָט אַזוי געוואָלט. איר קוקט מיך אָן? איך בין נישט אַראָפּ פון זינען. איך בין אַראָפּ פון וועג... יאָ. אַן אויסגעלאַסענע בין איך. „אַרויס פון שטוב, אויסגעלאַסע־נע". ווען די מאַמע האָט מיר די ווערטער נאָכגעשריגן — בין איך נאָך נישט געווען קיין גאַסן־מיידל.

זי האָט אַ וואָרף געטאָן אַ האַלבן, נישט דעררויכערטן פּאַפּיראָס און פאַרטראָטן אים מיטן שפּיץ לעטשל. אַרויס־גענומען צוויי אַנדערע. איינעם געגעבן כוכבן, איינעם זיך גענומען. זיי האָבן פאַררויכערט.

— פאַר וואָס שווייגט איר? מאַמעס פּשיאַטשעל דאָמו?...*

וואָס האָט ער איר געהאַט צו ענטפערן? אין כוכבס מוח האָט עפּעס אָנגעהויבן אויפקלאָרן: עפּעס קומט פאַר מיט דעם מיידל. עפּעס קוועלט איר. אפשר גוט, וואָס דער צופאַל האָט אים היינט אַהער געבראַכט. כוכבן איז אויך באַפאַלן

* די מאַמעס הויז־פריינד.

אַן אומרו... מאַרסעל. צי האָט מאַרסעל נישט באַמערקט זיין אַרויפגיין אַהער? איז ער נישט איינער פון יענע צוויי, מיט ווייסע העמדער און גלאַנציקע קעפּ, וואָס זענען געזעסן אין רעסטאָראַנדל ביים טישל?

אויך זינאַ האָט, קאָנטיק, מורא געהאַט פאַר יענעם שוואַרצן קאָפּ אין ווייסן העמד. — דערפאַר ציטערט אַזוי איר שטים. פייערלעך שפּריצן פון אירע אויגן. איר גאַנצער גוף, דער שלאַנקער, די פיס — ווי אויף הייסע קוילן... אומ־גליקלעכע זעלדעלע. מרים, אומגליקלעכע. ווען האָט ער זיי דאָס לעצטע מאָל געזען? יענעם שבת נאָך מיטאָג. די טאַץ מיט די דריי גלעזער טיי. די פנימער, די בלייכע, פאַרחלשטע.

— אַ שיין פּנים, אַ שיין פּנים... — האָט ער געמורמלט.

— וואָס? כאַ, כאַ, כאַ, נאַ דיר אַ צדיק. גיב נאָר אַ קוק אויפן גרינעם גלאַנץ אין די אויגן... אַלע, אַלע ווילט איר נאָר איין זאַך. — האָסט אפשר נישט קיין חשק זיך מיט מיר צו לייגן, האַ?

הילכיק האָט געקלונגען איר יונג, פרעך געלעכטערל. עס האָט זיך מיטגעוויגט איר אויבערשטער העלפט גוף מיט די צוויי קליינע, אָפּשטייענדיקע בריסטלעך. איבער דער טאַליע, וווּ ס'בלוזקעלע מאַכט זיך אַריין אין דער ספּודניצע האָט געפעלט אַ קנעפּעלע. ס'האָט זיך אַרויסגעזען אַ שטיקל נאַקעט לייב און ראַנד־ביוסטנהאַלטער. אויך די אָפּגעדעקטע קני פון אונטער דער פאַררוקטער ספּודניצע, האָבן זיך גע־וואָרפן כוכבן אין די אויגן.

כוכב האָט געשפּירט, ווי אַ האַנט אַ געהיימע, וואָלט אים הינטנאַרום ביים קאָלנער אָנגענומען און מיט אַמאָל אים אַ שליידער געטאָן אין אַ תהום אַריין. ער פאַלט. ניין, ער הענגט אויף אַ שטריק. ער גייט אויף אַ שטריק איבער אַ תהום... אַ דין־דינער שטריק — זינאַ־מרים... איידעלע,

אויסגעשטאַנענע, שווייגנדיקע שיינקייט. אונטערן לייכטן „פרעסטעלע" פון איר צערפולער שיינקייט, מרימס, פליסט אַ וואַרעם פרויען־האַרץ. אַ ליבע־קוואַל אַ ריינער. אַ שפּרו־דלדיקער, נישט אויסגעשעפּטער קוואַל. ער איז אַזוי נאָענט פון אים, שפּירט זיין קראַפט: —

— — — זינאַ. אומגליקלעכע, זינדיקע. אַ ריח אַ זיס־איבלדיקער פון פאַרב און פאַרפום שלאָגט פון דיין פּנים, דעם יונגן, שיינעם; פון ליפּן געשמינקטע, וואָס לאָזן רויך־קנוילן פון האַלבן עזותדיק־צעקרומטן מויל. אונטער די רויכן, בלויע אויגן, פאַרנעפּלטע — שלאָגט מיט אַלע פולסן פון אַ פרילינגדיק לעבן. ווער האָט עס פאַראומריייניקט. ווער האָט עס פאַרעיפּושט?

באַגערט ער נישט אַ נאַקעטער אַ „שווים" טאָן אין די־אָ „וואַסערן" פון איר לעבן? אַוועקפּאַטשן מיט זיינע הענט אַלע אומריינקייטן און טרינקען, טרינקען פונעם ריינעם קוואַל.

איז עס נישט דער זעלבער קוואַל? —

מרים — זינאַ.

אַ דין־דינער שטריק פון ליבשאַפט און באַגער: מענ־לעכער. מענטשלעכער. ליבשאַפט און באַגער — איין קוואַל.

אין אים גופא שטראָמט דער קוואַל. אַרויף, אַרויף מיטן לויף פון די בלוטן שטראָמט ער אַצינד אין קאָפּ אַריין. אין מוח. פאַרטונקלט די חושים. צעשפּאַרט די פלייש־גע־פעסן, דעם נערוון־געוועב. שפּאַרט אַריבער די באַזיניקייט פון זיינע טעג, פון זיינע יאָרן —

— ביסט גערעכט, זינאַ, ביסט גערעכט.

מיטן זעלבן שפּאָטישן געלעכטערל, אַ וויגנדיקע זיך אויפן ראַנד בעטל, האָט זינאַ ווייטער גערעדט:

— אפשר אויף דער גאַס, ווי אַ הונט זיך אַרומדרייען?

אַך, ווי נאַריש, ווי נאַריש זיי זענען, די מאַמעס. גראָד בין איך יענעם שבת־צונאַכטס אַהיימגעקומען פריער. געוואָלט אַלץ דערציילן. מאַרסעלן מער פאַר די אויגן נישט געוואָלט זען. חאַלאַס. דאָסיטש. אַ פאַרברעכער. זיין בעסטן חבר האָט ער אויף טויט דערשטאָכן. יענע נאַכט האָט ער מיך אַריינגענומען צו זיך אין שטוב. אַ שטוב? אַ חורבה ביים ברעג ים. נאָך דעם האָט ער מיך איבערגעגעבן צום חבר. ,,בלייב דאָ, בובה", מאַכט ער, און טראָגט זיך אָפּ. יענער האָט די טיר פאַרשפאַרט. די הענט מיר אַרונטערגעדרייט און געוואָרפן אויפן בעטל. איך האָב אים געפאַטשט. דאָס פנים צעדראַפּעט, געביסן. ,,וואָס ווילסטו פון מיר מאַכן?" — האָב איך געשריגן.

,,אַ זונה" — האָט ער פון מיר די קליידער געריסן. געשלאָגן און געשריגן: ,,אויך דיין מאַמע האָט דיך פון שטוב אַרויסגעטריבן. חתיכת חאַרה. שתקי!"

איך האָב געוויינט. ער לאַכט. אַזאַ ווילד מוראדיק געלעכטער.

,,כאַ, כאַ, כאַ. אָט אַזוי. אַזוי האָב איך ליב. אַ מותק ביסטו אַצינד... וויין... וויין זיך אויס וועט דיר גרינגער ווערן"...

כוכב האָט זיך אויפגעשטעלט. נאָענט צוגעטראָטן צו זינאַ, וואָס איז אַן איינגעשוויגענע געבליבן זיצן אויפן ראַנד בעטל. ער האָט גענומען איר קאָפּ אין זיינע הענט און צו־געדריקט צו זיין ברוסט. פאָטערלעך געגלעט אירע האָר. זינאַ האָט זיך געלאָזט. ווי אַ קינד זיך געלאָזט גלעטן די האָר. זי האָט אַריינגעגראָבן אין כוכבן איר קאָפּ. שטיל און שטום איינגעגראָבן.

כוכב האָט געהערט אַ געהעמט שלוקערצן. שלוקערצן,

וואָס זענען איבערגעגאַנגען אין קורצע, אָפּגעהאַקטע אָטעמ־צוגן. נאָך דעם — אַ שטיל געוויין.

— קינד!

זי האָט אים אַרומגענומען מיט אירע וואַרעמע הענט. טיפער אַריינגענורעט איר פּנים אין אים.

— זאָג מיר צו, זינאַ, אַז דו וועסט זיך אומקערן אַהיים.

— נו, און די אמא?

— די מאַמע וואַרט אויף דיר. זי איז אומגליקלעך.

— זי האָט מיך נישט ליב. זי שעמט זיך מיט מיר.

— קינד.

די טיר האָט זיך געעפנט. מאַרסעל איז אָנגעקומען. כוכב האָט צו אים אויסגעדרייט דאָס פּנים. זינאַ האָט זיך אַ הייב אויף געטאָן. געשטאַנען הינטער כוכבס פּלייצעס.

— בחיי, אַזוי ווי אין אַ סינעמאַ.

געזען, אַז ביידע שווייגן האָט מאַרסעל אַ טראָט גע־מאַכט אין שטוב אַריין. מיטן זעלבן גרייצטן געלעכטערל, זיך געווענדעט צו כוכבן:

— אָ, אַ גאַסט. דערקענסט מיך?

כוכב האָט געשוויגן.

— דאָס איז מיין כלה.

— זי איז מיינע אַ באַקאַנטע.

— אַזוי? באַקאַנטע? זיך פאַרבענקט נאָך דער באַקאַנ־טער. אפשר ווילסטו איר אויך העלפן?

— אפשר.

— אויך מיר האָסטו געוואָלט העלפן. געדענקסט?

— כ׳געדענק.

אין מאַרסעלס אויגן האָט זיך באַוויזן אַ שאַרף, בליי־ציק שמייכעלע:

— דאָ, חבוב, רעד מיר נישט קיין האַלבע ווערטער. דאָ איז אָפּגעטאָן און געגאַנגען.

— מאַרסעל, וואַרט אויף מיר ביי זאַשען — האָט זינאַ געמאַכט אַ בעטנדיק פּנים.

— זאָג אים, דיין באַקאַנטן, ער זאָל נישט פאַרגעסן נאָך וואָס ער איז געקומען. קאָנסט זיך צוריק אַנידערזעצן, ס׳איז דווקא אַ רחמנות אויף דיר. און דו אויך. שווער זיך אָנגע־אַרבעט...

— אַ דאַנק. כ׳בין נישט מיד.

— דיינע שיינע ווערטעלעך מאַכן אויף מיר קיין שום רושם נישט. בכלל...

זינאַ האָט זיך געשטעלט צווישן ביידע. צוגעבויגן זיך צו מאַרסעלן און אים עפּעס איינגערוימט אין אויער. אים צוגעפירט צו דער טיר.

— איך קום תיכף, מאַרסעל.

— אָבער באַלד — האָט ער אָנגעוויזן אויפן האַנט־זייגערל. און צו כוכבן:

— דו, חבוב, בעסער זוך זיך נישט קיין צרות.

זינאַ האָט פאַרמאַכט הינטער אים די טיר.

3

אונטן האָט אויף מאַרסעלן געוואַרט זשאמי. בעתן אַרויסגיין פון רעסטאָראַנדל, אויפן וועג דאָ אַהער, האָט אים מאַרסעל געזאָגט:

— עס זאַמט זיך צו לאַנג, דאָס פּרצוף. אַ באַקאַנט פּרצוף. און זי? אַז ס׳קומט צו איר אַ „זייעריקער״, פאַר־געסט זי זיך אין גאַנצן. ניין. ער וועט איר נישט לאָזן אַראָפּ־פירן פון וועג. זי וויל אים בלאָפן? אים, מאַרסעלן, בלאָפן?

זשאַמי שװײַגט. ער װײסט, אַז מאַרסעל טרינקט אױס דאַרף מען אים לאָזן רעדן. אױך פֿון זײַנע ברידער האָט ער זיך נישט געלאָזט בלאָפֿן. נישט פֿון טאַטן. ער פֿלעגט שלאָגן דערפֿאַר. פֿאַר יעדער קלײניקײט האָט אים דער טאַטע דערלאַנגט קלעפּ. תּמיד האָט ער געהאַט איבער זיך זײַן שיכּור, רױט פּנים. תּמיד אַ בײזער. ער האָט אױך דער מאַ־מען צוגעלײגט. בײז געװען אױף איר פֿאַר װאָס זי האָט אים געבױרן. די מאַמע האָט אים אױסגעהיטן פֿון טאַטנס קלעפּ. אַראָפּגעגנבֿעט פֿאַר אים אַ שטיקל ברױט. געגלעט אים אי־בערן קעפּל:

„װעסט זײַן אַ גרױסער, מײַן קינד, װעסטו פֿאַרשטײן".

ער, מאַרסעל, שלאָגט נישט. אָבער מורא האָט מען פֿאַר אים. ער װיל מען זאָל מורא האָבן פֿאַר אים. אױך דוד נסימען האָט ער נישט געמײנט אױף טױט דערשטעכן. אָנ־שרעקן אים געװאָלט. און ער, דער טיפּש, האָט זיך צום מעסער געריסן. אַ שאָד, חבֿל עליו. האָט ער אים נישט אַלײן נאָך דעם אין שפּיטאָל אָפּגעפּירט? ער האָט אַזױ געװאָלט לעבן, דוד נסים. ער האָט אױך ליב דאָס לעבן, די פֿרײַ־הײט. ער האָט אים דערפֿאַר נישט געטשעפּעט, דעם פּקיד, דעם „באַקאַנטן" אירן. נישט כּדאַי צוליב אַזאַ פּרצוף פֿאַר־לירן די פֿרײַהײט...

*

— נישט קײן נאַריש פּרצוף. אַ פּיקח.* דװקא אַזאַ אײ־נער, כּע, כּע, איז נישט פֿאַרזיכטיק אױף קלײניקײטן. הערסט, זשאַמי? איך פֿרעג אים: „װילסט איר אפֿשר

---

* איבערגעשפּיצטער.

העלפן ז״ ,,אפשר״ — מאַכט ער. ,,מיינע אַ באַקאַנטע״. ער וועט מיר זאָגן דעם אמת — טראַכט ער — וועל איך מיינען ס׳אַ ליגן. מאַרסעלן וועט מען נישט בלאָפן. כ׳האָב איר געזאָגט, זינאַן: מאַרסעל איז נישט פון די פושטאַקעס, לויזנפויקערס, וואָס פילן זיך אָן די קעשענעס און נאָך דעם וואַרפן זיי אַוועק די מיידלעך. איך האָב זי ליב. מותק של בחורה. זי וועט נאָך אַ ביסעלע אַרבעטן. מען וועט אָנ־זאַמלען געלט און קויפן אַ שיינעם בית־משותף אויף צפון תל־אביב.

זשאַמי האָט געשוויגן. ער ווייסט שוין, זשאַמי: תמיד ווען מאַרסעל איז שיכור רעדט ער וועגן אַ בית־משותף אויף צפון תל־אביב, וועגן אָנזאַמלען געלט.

זשאַמי איז מיד פון אַרומשלעפן זיך אַ גאַנצן טאָג מיטן קעסטעלע סחורה. מיד און שלעפעריק פון שטיין הייינטיקן אָוונט שעהן לאַנג ,,אויף צונג״. ער האָט גע־דענקט, אַז ס׳קען קומען צו הייבן הענט. ,,קנעפּלעך״, ס׳קעטשל.* זשאַמי געדענקט גוט דעם פאַל מיט דוד נסים. נאָך דעם ווי מאַרסעל האָט אים דערשטאָכן, האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן צו אים און געפרעגט: ,,דוד, ביסט טויט ז״ אַזאַ ווילדער איז ער, מאַרסעל. אַזאַ פוריע איז אים אַריין אין קאָפּ.

— ער האָט געמאַכט אויף איר אַ רושם. זי איז געווען צעטומלט. ליבע־סצענעס געפּראַוועט.

— מאַרסעליקאָ, דאָס געהער צום פאַך.

— זי איז דאָך אָבער געווען אין אָנטאָן.

— יעדער קליענט האָט זיין שגעון.

— און די טיר איז געווען אָפן.

---

* פאָליציי־אויטאָ.

— פאַרגעסן צו פאַרמאַכן. שטויות. ער וועט נישט האָבן קיין בלוט ביי דיר צונעמען זינאַ.

*

אַז מאַרסעל איז אַרויס האָט זינאַ פאַרמאַכט די טיר. זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד בעט. כוכב האָט זיך געזעצט אויפן בענקל.

— גייט, גייט אַהיים, אדון כוכב.

זינאַס קול האָט אַצינד געקלונגען אַנדערש. אַ קול פון אַ קינד. אַ גרויס קינד, אַ פאַרלוירנס, אַ פאַרבלאָנדזשעטס.

— גייט, גייט פון דאַנען — האָט זי מיט אַ ציטער אין קול געזאָגט — ווי גוט איר האָט עס געמאַכט. איך האָב זיך געשראָקן פאַר אַ סקאַנדאַל.

— איך קען זיי, די טיפּן.

— און איך?... איך האָב...

זינאַ האָט נישט געפונען דאָס וואָרט. זי האָט גע־מיינט... געגלויבט... ער האָט באַפוילן און זי האָט געפאָלגט. „ילדונת", „ילדה שלי" — האָט ער זי געקושט, געגלעט. געשריגן אויף איר און געגלעט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דער אבא שרייט אויף איר. גלעט איר... אין יעדן מאַן האָט זי געזוכט דאָס פּנים פון איר אבא, וואָס איז איר שוין באַלד אַרויס פון זכרון.

אומקערן זיך צו דער מאַמען? זי האָט דאָך איר פון שטוב אַרויסגעיאָגט. און וואָס וועט זי טאָן אין שטוב? די אמא אַרבעט ביז שפּעט ביינאַכט. בייטאָג, ווען די אמא איז אין שטוב — האָט זי געאַרבעט.

— איר האָט געמיינט — האָט איר כוכב אַרויסגע־האָלפן — איר האָט געגלייבט אין זיינע שקרים. ער האָט

זיך צו די שקרים צוגעוווינט און געמיינט, אַז ס׳איז אַן אמת.

— אָ, ער... ער איז...

— ער איז אַריין אין אַ זומפּ. איר דאַרפט פון דעם זומפּ אַרויס. וואָס פריער אַרויס.

— זאָגט איר, אדון כוכב, אַז איך קום.

— זאָגסט מיר צו?

— זאָגט דער מאַמען, אַז איך קום אַהיים. איך האָב זיך געגעבן אַ שבועה. איך מוז אַהיימקומען. איך מוז.

קאַפּיטל פערצן

1

זינט דער מעשה מיטן שוק הפישפשים איז אסתר ברוגז. דרייט אָפּ דעם קאָפּ אין אַ זייט בעת כוכב גייט פאַר־ביי דעם הויף, דאָס געסל. כוכבן אַרט שטאַרק אויף אסתרס פאַרדראָס, דעם בחינמדיקן. און סעדיהס מורמלעניש:

„ער האָט עס פריער געוווּסט. ס׳איז זיי נישט צו גלייבן, די אשכנזים. זייער שטייגער איז צו גיין אין הוילן קאָפּ. גאָלן זיך. נישט וויסן וואָס איז אַ סידור, אַ טלית און תפי־לין, אַ שבת, אַ יום־טוב. און אַז מען גלייבט נישט אין קדוש ברוך הוא, איז דאָך קיין ווּנדער נישט, וואָס מען גייט אויף אַזעלכע וועגן. אַזאַ מיידל ווי אסתר איז נישט געווען קליין צו וויסן״...

און חיים?

הערנדיק די מעשה האָט חיים אָנגעשטעלט אַ פּאָר קינדיש־זקנישע אויגן און געמאַכט אַ פּנים פון איינעם, וואָס אַ שלעכטער ריח האָט אים פּלוצעם אַ שלאָג געטאָן אין נאָז. דאָס מאָל האָט ער געטאָן אַ וויש מיט דער האַנט איבערן מויל און — געשוויגן.

פאַר כוכבן האָט דאָס שווייגן געהייסן אַזוי גוט ווי געזאָגט:

— איי, ברודערקע. אַזעלכע בחורים? אַזעלכע מייד־

לעד? מיט אַ וועלכע צוואָנציק יאָר צוריק זענען אַזעלכע בחורים און מיידלעך געווען די ערשטע אויף התישבות־פּונקטן. גראָד אין 35סטן, 36סטן, 37סטן יאָר האָט די התישבות־באַוועגונג זיך אויסגעברייטערט. דאָס אַרויפגיין אויף דער ערד פון יבניאל, פון סעדזשעראָ, טירת־צבי און משמר־השלושה. דאָס באַזעצן נייע פּונקטן, אָפּנעמען אַלטע, אַרויסגעריסענע פון יידישע הענט — איז געווען אַן ענטפער אויף די אומרוען אין יענע יאָרן.

נישט נאָר ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט געווער האָט מען זיך געלערנט. מען האָט זיך אויך געלערנט אויסמיידן נקמה־אַקטן, טעראָר בלוט־פאַרגיסונג איז תמיד געווען לרעה דעם ישוב. אַראַבישע רציחות פאַרגעסט מען גיך און יידישע פאַרטיידיקונג איז מען קיין מאָל נישט מוחל.

אויך כוכב האָט געשוויגן. געשוויגן און געטראַכט:

„ווען ער זאָל וויסן, חיים, אַז אויך „דאָרט", פון יענער זייט ים, איז געווען אַ יוגנט. און עלטערע זענען געווען. הייסע דיסקוסיעס און אַמפּערנישן אויף דער יידישער גאַס. לינקע און רעכטע ציוניסטן. חלוצים און פּראָלעטאַריער. קלאַסנקאַמף — און נאַציאָנאַלע באַפרייאונג. פאַר און קעגן עמיגראַציע. ארץ־ישראל און ביראָבידזשאַן. ביז איבערן קאָפּ אין אידעאַלן — האָט מען נישט געזען, נישט געשפּירט די מזימה, די רויכיקע ערב־חורבן־טעג".

דאָרטן און דאָ — איין יידישע גאַס, האָט ער צו זיך אַליין גערעדט. איין יידישע גאַס, אָבער נישט איין גורל...

2

כוכב האָט אָנגעקלונגען צו מרימען. ער וויל עפּעס מיט איר רעדן. אַ וויכטיקע זאַך האָט ער מיט איר צו רעדן.

— זאָל ער צוקומען, אַז ער וויל. פּאַר גוטע פריינד איז תמיד אָפן די טיר. ער קאָן צוקומען אין די נאָכמיטאָג־שעהן.

די גלייכגילט אין מרימס קול האָט אים דאָס מאָל ווייניקער געאַרט. ערשטנס, קומט ער צו איר מיט אַ נייעס. אַ גוטע נייעס. צווייטנס, וואָס אַזוינס האָט זי דען באַדאַרפט זאָגן? די מכלומרשטע צוריקגעהאַלטנקייט? דאָס לשון רבים? „פּאַר גוטע פריינד איז תמיד אָפן די טיר". אַזוי זענען זיי שוין, די פרויען. דאָס איז דאָך זייער געוווער.

די לעצטע עטלעכע וואָכן איז מרים אין שטוב. זי גייט דערווייל נישט אַרויס צו דער אַרבעט. צוליב יהודהס קראַנקייט, איז דער זאַל געשלאָסן. געשען איז עס פּלוצעם, בשעת אַ חתונה:

דער חתן מיט דער כלה זענען נאָר וואָס אַפּער פון אונטער דער חופּה. מרים מיט נאָך צוויי קעלנערינס, וואָס יהודה האָט באַשטעלט צום היינטיקן אָוונט צוליב דער גרויסער חתונה — זענען אַרויס אויפן זאַל מיט די טאָרטן אויף די הענט. אַרום די טאָרטן, אויף די טאַץ־ראַנדן, ברענען קאָלירקע ליכטעלעך. אַלע קעלנערינס אין שוואַרצע קליידער און ווייסע פאַרטעכלעך. טשעפּיקעס אויף די קעפּ. זיי שפּאַנען פּאַראַדמעסיק פון קיך אויפן זאַל אַרויף. דרייען זיך אין טענצלדיקן געגיי אַרום די טישן און שטולן באַזעזעסענע מיט געסט.

די קלעזמאָרים קלאַפּן אויס אַ מאַרש. דער „פּאַראַד" מיט די טאָרטן און ליכטלעך דרייט זיך עטלעכע מאָל אַרום די טישן — און צוריק אין קיך אַריין.

די מוזיק, די קאַרגע ליכטיקייט פון די צעצונדענע ליכטלעך (די גרויסע לאָמפּן זענען פאַרלאָשן) מאַכן די פייערלעכקייט אין זאַל געשפּאַנטער, גרעסער. איינגעשטילט

די מוזיק. די ליכטער צינדן זיך. מיט פולע שטויסן טעלער מיט מאכלים קומען צוריק אַרויס די קעלנערינס. געשיקט, גיך ליידיקן זיי זיך אָפּ. גייען, קומען.

פון די טישן איבערפולטע מיט מאכלים, געטראַנקען, פרוכטן און זיסוואַרג — טראָגן זיך שמעקעדיקע, פאַרשי־כורנדיקע ריחות. גרייצטער ווערן די אַפּעטיטן. די יונגע, די קינדער — נעמען זיך צו דער אַכילה. מען גיסט אָן כוסות. מיילער בינדן זיך אויף.

די אויפגערוימטע, יום־טובדיקע פנימער, די קלעזמאָ־רים מיט די אָפּגעלייגטע כלים אין דער זייט, אַפילו דער אויסגעליכטיקטער זאַל — אַן אויפגעוואַכטער פון ערשטן אויפשפּיל — אַלץ וואַרט אויפן צייכן: דערלאַנגען אַ פריי־לעכס און נעמען זיך צום עסן.

פאַר וואָס קומט נישט דער צייכן? נאָך נישט באַדינט אַלע טישן. פאַר וואָס האָט מען נאָך נישט באַדינט אַלע טישן? מען זעט נישט די קעלנערינס?

עס איז שטיל. אַ ביסל צו שטיל געוואָרן אין קאָרידאָר, אין קיך.

*

יהודה איז געשטאַנען אין קיך ביים גרויסן מיט בלעך־באַשלאָגענעם טיש און אויסגעטיילט פּאָרציעס. לעם אים פּאָרעט זיך מרים. נעמט פון זיין האַנט די טעלער, טעלער־לעך און שטעלט זיי אויס אין אַ ריי. די דערלאַנגערינס לייגן זיי שטויסנווייז אויף די הענט און גייען אַרויס אויפן זאַל.

בעת מרים איז די לעצטע פון קיך אַרויס, האָט זי דערהערט אַ געשריי:

— אוי, מרים!

זי האָט זיך גלייך צוריקגעקערט.

— וואָס איז, אדון יהודה?

זיין פּנים איז בלייך. די ליפּן עטוואָס אויסגעקרימט.

זיי שטאַמלען:

— ממררים...

יהודהס גוף אין ווייסן פאַרטעך נעמט זיך שווערלעך אַראָפּזעצן, פאַלט.

די צוויי קעלנערינס, וואָס זענען דערווייל פון זאַל צו־ריקגעקומען, בלייבן שטיין דערשראָקענע:

— וואָס איז אייך, אדון יהודה?

פאַמעלעכקע האָבן אים אַלע דריי אויפגעהויבן און אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל. יהודה איז געבליבן זיצן אַ פאַרחלשטער, אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אין וואַנט. זיינע ליפּן האָבן עפּעס געמורמלט.

— אפשר אַ דאָקטאָר? שוין קלינגען צו אַ דאָקטאָר!

— האָט מרים באַפוילן. זי האָט דערווייל געכאַפּט אַ סלאָי וואַסער, געטונקען די הענט און געשפּריצט אויף יהודהס פּנים. ער האָט אויפגעציטערט.

דער דאָקטאָר איז אָנגעקומען. מיט אַ פאַרוווּנדערט־איבערראַשטן בליק פון איינעם וואָס איז דאָ אַריינגעפאַלן על פּי טעות — האָט ער געבלאָנדזשעט צווישן די אָפענע טירן פון פּרוזדור, זאַל און קיך. מרים האָט דעם צעטראָ־גענעם דאָקטאָר געפירט אין קיך אַריין, אונטערגערוקט אים אַ בענקל.

— אין שפּיטאָל אַריין תיכף ומיד — האָט ער געזאָגט נאָך אַ קורצן באַטראַכטן. אַרומגעקוקט זיך צי קיינער אוי־סער מרימען, וואָס ער האָט אַוודאי אָנגענומען פאַרן קראַנקנס פרוי, איז נישטאָ, און צוגעגעבן:

— אַ האַרץ־אַטאַק.

ער האָט אים געמאַכט אַן איינשפּריצונג. געהייסן אַרויסרופן אַ טעקסי.

יהודהן איז, אַפּנים, לייכטער געוואָרן פון דער איינשפּריצונג. ער האָט מיט אַ האַנט־באַוועג צוגערופן מרימען. איר געגעבן אַ צייכן אויף אַראָפּבייגן זיך. שטיל געפרעגט:

— וואָס זאָגט ער, דער דאָקטאָר?

— ליגן רואיק. זאָגט ער, ס'עט איבערגיין. באַלד פירט מען אייך אין שפּיטאָל אַריין

— אין שפּיטאָל אַריין?

— יאָ. אויף אונטערזוכן.

דער דאָקטאָר האָט געשריבן דאָס צעטל. געפרעגט אויף דער טעקסי און געוואָרפן בליקן אויפן קראַנקן. באַאומרואיקט, אַפּנים, פון דער בלייכקייט, וואָס האָט פון נאַקעטן קאָפּ, טויטלעכן שטערן ביז צום אויסגעקרימטן מויל זיך געשפּרייט — האָט ער פאַר מרימען באַפעלעריש איבערגעחזרט:

— תיכף ומיד אין שפּיטאָל אַריין.

*

די מוזיק האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ פריילעכס. אין קיך אויף אַ בעטל, וואָס מען האָט פון אויבן געבראַכט, ליגט יהודה אַן אומבאַוועגלעכער. ער האַלט צוגעמאַכט די אויגן. דער עולם אין זאַל איז זיך משמח. מען עסט הויך. מען רעדט, מען ווינטשט זיך מיט הויכע קולות און געשרייען. פריילעכע געלעכטערס. די מוזיק שפּילט. די קעלנערינס איילן צו מיטן אַראָפּנעמען פון די טישן. ס'יונגוואַרג, דערוואַרעמטע פון דער טאַנץ־מוזיק און געטראַנקען, הייבן זיך די ערשטע אויף. צוזאַמען מיט די קעלנערינס רוקן זיי פאַר־

נאָנדער די שטולן, בענק, טישן. מען מאַכט פריי דעם זאַל צום טאַנץ. אויך די עלטערע הייבן זיך אויף. זאַטע, שווערע, אויפגעלייגטע, פאַרלאָזט מען איינציקוויז די טישן. עולם איילט זיך נישט. האָט צייט. איז זיך משמח.

מרים שטייט לעם יהודהן. די טעקסי זעט מען נישט. אַן אויפגערעגטע, דולע, אַ פאַרלוירענע, שטייט זי לעם אים. זי איז מיד. אַ גאַנצן אָוונט נישט קיין צייט געהאַט צו עסן. אַ גרויס רחמנות און אַ ווייטיק איר אויף דעם איינזאַמען, קראַנקן יהודהן. ניין. זי איז בייז אויף אים. זי איז בייז אויף זיך, אויף די געסט, אויף דער מוזיק, אויף דער ליכטיקייט, דער צעשריגענער, אויפגעריסענער, איז זי בייז. צו וואָס? ווער האָט געהייסן שפילן? וואָס פאַר אַ פרייד?... וואָס פאַר אַ געשרייען?... מען יאָגט. מען שלאָגט. ביקסן־קאָלבעס, דראָטענע נאַגייקעס איבער קעפּ, איבער פלייצעס. אַקס־לען... אַ שריפה אין שאַרבן. אַ רויך. אַ געדיכטער רויך. מען טרייבט מענטשן. די מוזיק שפּילט — — — מענטשן־סקע־לעטן גייען — — — אַ מחנה מענטשן — — — מתים — — — ווהין גייען זיי, די מתים — — —

— — — עס קלינגט, רוישט אין די אויערן. ערגעץ פון ווייט, ווייט, קומט דער גערויש. עס ווערט פלוצעם שטיל. אַ פוסטקייט אין קאָפּ. זי פילט נישט דעם גוף. אַ קאָפּ אָן אַ גוף. אַ חלום פון אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ — — — אַ קוימען. געדיכטע, שוואַרצע רויכן. דער הימל איז איבער דער ערד. איבערן קאָפּ. מלאכים מיט מענטשלעכע פּנימער, מיט אָפּ־געזענגטע פליגל — פלאַטערן, פלאַטערן, פלאַטערן.

מרים האָט געעפנט די אויגן. לעם איר שטייעןביידע קעלנערינס. זי זיצט אויף אַ שטול. מען לייגט איר קאַלטע קאָמפּרעסן צום קאָפּ.

— ווּ איז יהודה ?
אין שפּיטאָל.

*

יענעם אָוונט האָט זיך די שמחה פריער געענדיקט. מרים האָט זיך געשטאַרקט און געשטעלט אויף די פיס. זי האָט נאָך עפּעס געטאָן אין קיך. זיך צערעכנט מיט די קעל־נערינס. נאָך דעם איז זי אַרויף אויבן, אין יהודהס וווינונג. פאַרמאַכט די פענצטער, די טירן פאַרשלאָסן און צו זיך גענומען די שליסלען.

שפּעט ביינאַכט, שפּעטער ווי תמיד איז זי אַהיימגעקו־מען. מרים האָט יענע נאַכט נישט געקענט איינשלאָפן. אַ וווּנדער: אַ גרויס וווּנדער אויף איר:

— אַזוי גאָר? זי האָט געחלשט?

אין משך פון אַלע יאָרן, די געטאָ־יאָרן, געדענקט זי נישט זי זאָל האָבן געחלשט. זי האָט נישט איין מאָל געוואָלט פאַרלירן די חושים, פאַרגעסן זיך... כאָטש אויף מינוטן פאַרגעסן. נישט הערן דאָס קלאַפּן פון איי־גענעם האַרץ, דעם בלוט־לויף, דעם אַנגסטיקן, אין מוח. דעם גאַנג פון צייט, פון טאָג, פון נאַכט — נישט שפּירן. נישט זען די זון, די שטערן, די פאַרשאָלטענע.

ווי שטאַרק זי איז דעמאָלט געווען. מיט אַמאָל. מיט איין מאָל איז זי אַזוי אומברחמנותדיק שטאַרק געוואָרן:

— — — אַקציע. ווינטער. מען טרייבט צום מאַרק־פּלאַץ. מען שיסט אין המון פאַרזאַמלטע. די הרוגים פירט מען אויף אַ וואָגן אַרויס פון געטאָ. צווישן די הרוגים באַ־מערקט זי אַ פּנים, אַן אָפּגעדעקטס פון אונטער אַ שוואַרצן פאַלטאָ. אַ ריטשקעלע בלוט, אַ פאַרגליווערטס, רינט פון מויל אין פאַלטאָ אַריין. פון אונטערן שוואַרצן פאַלטאָ

סטאַרטשען צוויי פּיס. נאַקעטע, ווייסע, טויטע פּיס. זי דערקענט — דער טאַטע. זי לויפט פון המון אַרויס. דעריאָגט דעם וואָגן מיט הרוגים און כאַפּט אָן די פּיס פון טאַטן. זי גלעט זיי. גייט נאָכן וואָגן און גלעט די טויטע, ווייסע פּיס פון טאַטן. די באַגרעבערס — שטעטלשע יידן — וואָס גייען נאָכן וואָגן, שטופּן איר אָפּ, שרייען: „מען וועט שיסן", „מען וועט דיך הרגענען". די גאַסן־רייניקער כאַפּן זי אָן און רייסן זי אַוועק: „אַנטלויף גיכער, אנטלויף". זי ענט־פערט נישט. פאַר וואָס ענטפערט זי נישט? אַ שטומע, אַ שטאַרע גייט זי נאָכן וואָגן, גלעט די שטאַרע, נאַקעטע פּיס פון טאַטן.

ווי אַזוי האָט זי זיך צוריק אויפן מאַרקפּלאַץ געפונען, געדענקט זי נישט ביז היינט. זי געדענקט: קנאַפּע צוויי וואָכן נאָך דעם האָט זי נישט געקענט רעדן. נישט וויינען. זי האָט אויך נישט געהערט וואָס מען רעדט צו איר. טויב און שטום. זי האָט געמיינט, אַז אויפן גאַנצן לעבן האָט זי דאָס לשון פאַרלאָרן.

— אַזוי גאָר? זי האָט געחלשט? אַ סימן — מען לעבט. מען ווערט צוריק אַ מענטש.

3

מרים ליגט אויפן בעט. אין איינציקן גרעסערן צימער איז טונקל. אַ העלקייט פון אַן עלעקטריש לעמפּל פאַלט אויף די פאַרשאָטנטע ווענט. די האַלב־צוגעמאַכטע אויגן שלאָפן נישט. עס דרימלען נאָר אירע וואַכע, אויפגערודערטע חושים. טעג מיט רויע, גראָע זאָרגן און נעכט, שלאָפלאָזע, מאַטערנדיקע שלאָיען זיך אין דער אומקלאָרער ליכטי־

קייט. אין די־אָ שעהן ווען מרים איז אַליין מיט זיך, איז זי אויך מיט אים, מישאַן, איר מאַן. די שטוב, די גאַנצע וווי־נונג, די אָנדערהאַלבן־צימערדיקע, איז פול מיט זיין געדע־כעניש.

— — — די בלאָנדע טשופרינע. די אויגן, די בלאָע, פריילעכע. אַ גלייכער, אַ שלאַנקער. זיין אויסזען, זיין גוטער פויליש, האָט אים די לעצטע יאָרן בעת די אַנטיסעמיטישע אומרוען, פון אַ סך קלעפּ אויסגעהיטן. אַן „אַריש" פּנים געהאַט. אַזאַ דרייסטער, איר מישאַ. ער וועט זיך אומעטום אַן עצה געבן — האָט מען געזאָגט.

„ער וועט זיך אומעטום אַן עצה געבן"? — יענעם אויפדערנאַכט, ווען ער איז אַרויס פון שטוב מיטן רוקזאַק אויף דער פּלייצע — האָט איר דאָס האַרץ אַנדערש געזאָגט...

ער איז שטיין געבליבן אויף דער שוועל פון טיר:

— נו, זײַ געזונט.

ס'האָט איר ווי אַ שניט געטאָן אינעווייניק. אַ פּלו־צעמדיקער ביס, אַ גיפטיקער — פון די בויכטיפעניש ביז אונטערן האַרץ. אַ ביס און אַ פּויזע. אַ ביס און אַ פּויזע. מיט קליינע פּויזעס און קליינע דאָזעס, איז דער ווייטיק געקומען. ווונדיקע דריי ווערטער... זי קען נישט ענטפערן. זי קען נישט וויינען. זי קען נישט שרייען.

זי האָט געהערט, ווי אירע ליפּן שטאַמלען:

— ששרייב. מישאַ. ס'ט ששרייבבן?

זעלדעלע האָט געוויינט. געשטרעקט די הענטלעך:

— פּאַפּאַ, פּאַפּאַ!

זעלדעלע מיט די בלויע, לאַכנדיקע אייגעלעך — דער גאַנצער טאַטע, ווו ביסטו, זעלדעלע?

פון נאָך מיטאָג ליגט מרים אויפן בעט. גיין אין גאַס אַריין? דער געדאַנק האָט אויף איר אַן אומעט אָנגעוואָרפן.

אַ געפּיל אַן אָפּשטויסנדיקס, אַ לאַנגווייליקס, האָט אין איר געוועקט דאָס גיין היין און צוריק פון מענטשן: דאָס יאָגן זיך פון טעקסיס, מאַשינען, דאָס געדויש. באַקאַנט, דערעסן איר די אויסגעפּוצטע וויסטאַוועס פון די געשעפטן, רי רעק־לאַמע־ליכטער. סינעמאַס.

גיין צו באַקאַנטע? פריינד? זי האָט זיי אַזוי ווייניק. מענטשן זוכן דאָ פריינד. מען פאַרלירט און מען געפינט. זי האָט פאַרלוירן. זי וועט מער נישט געפונען. זי זוכט נישט קיינעם. די מענטשן פאַרשטאַרקן נאָך מער אין איר די איינזאַמקייט.

וואָלט זי כאָטש אין די־אָ שעהן אַ דרימל געכאַפּט, איינגעשלאָפן. ניין. זי דרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער — אַ וואַרעם, אַן איבערגעהאַקטער: זי אויפן בעטל, און זעלדעלע?...

עמעצער קלאַפּט אין טיר.

— ווער זאָל עס זיין? ווער קומט צו איר אין די־אָ שעהן?"

די לייכטע פינגער־קלעפּלעך ווערן שטאַרקער, צודרינג־לעכער. מרים גייט אַראָפּ פון בעט. מאַכט ליכטיק. גיט מיט דער האַנט אַ קעם די האָר, אַ וויש דאָס פּנים, דאָס פאַר־שלאָפענע. עפנט.

— אָ, אַ גאַסט. שלום. קומט אַריין.

— געקלונגען צו דער אַרבעט. קיינער האָט נישט גע־ענטפערט — האָט כוכב מיט התנצלות אין קול געזאָגט. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דער שוועל פון טיר. געשטאַנען אַ ביסעלע לענגער ווי מען דאַרף, זיך אַרומגעקוקט מיט אַ מינע פון אַ גוט־דערוואַרטן גאַסט. אפשר אויך געוואָלט מרימס אויפמערקזאַמקייט וועקן מיט זיין אויפגערוימט־קייט, מיטן יום־טובדיקן אָנטאָן — דעם קאַמגאַר־אָנצוג,

סעלעדין העמד, בינדע. אויך די נייע ברילן אין גאָלד־רעמ־לעך.

ער האָט געמאַכט אַ טראָט אינעווייניק. מיט אַ שטים אַ היימישער און זיכערער, געפרעגט:

— איז זי אין דער היים, זינאַ?

מרימס אויגן האָבן שטרענג און אומעטיק און פרע־גריש געקוקט אויף כוכבן:

— סאַראַ פראַגע? אַן אויסטערלישע פראַגע?

פון רגע צו רגע האָבן מרימס אויגן שטרענגער און קעלטער געקוקט. אַ קנויל געדאַנקען ווי מוראַשקעס, האָבן אין איר מוח אויפגערויעט. זיי לויפן הין און צוריק, די מוראַשקעס, קריכן, עסן זיך איין אין מוח. לעכערן אים...

— כוכב... — און איר זעלדעלע?...

מרים האָט פלוצעם זיך פאַרשעמט. פאַרשעמט זיך פאַר די אייגענע געדאַנקען, וואָס דער דאָזיקער מענטש, איר גוטער פריינד, האָט ביי איר אַרויסגערופן.

כוכב האָט באַמערקט איר פאַרלאָרנקייט. מיט אַ נאָ־ענטקייט פול באַדויער און רחמים, וואָס גיט זיך פלוצעם אַ וועק אין אַ מענטש בעת ער זעט ווי יענעמס פנים דער־שטיקט אין זיך אַ ווייטיק — האָט ער מרימען איידל אָנגע־נומען ביים עלנבויגן. מיט אַ פריינדלעכער, זיכערער אָבער געצאַמטער שטים, געזאָגט:

— קומט, וועלן מיר רעדן.

מרים איז נאָך אַלץ געזעסן אין שטוב־קליידל קעגן כוכבן. ער האָט גערעדט. זי הערט. אויף איר פנים צינדן זיך ליכטער. צינדן און לעשן. אַ קאָלירן־שפיל פון שאָטן און ליכט. אַזוי שפילט די זון זיך אין שעה פון ערב־טאָג מיט וואַלד — אַ פאַרזונקענעם אין נאַכט.

— וועט זי טאַקע אַהיימקומען, זעלדעלע?

— זי וועט קומען. זי מוז קומען.

כוכבס שטים האָט אַצינד געקלונגען זיכערער, שטאַרקער. מרימס שמייכעלע דורך פאַרטרערטע אויגן, דער נערוועזער, לייכטער ציטער פון איר אונטערשטער ליפּ בעתן אַרויסברענגען די עטלעכע ווערטער — האָט כוכבן אָנגעפילט מיט אויפריכטיקן צער. ביידע האָבן אַ רגע געשוויגן. מאָדנע: אין דער רגע האָט כוכב אַ גוואַלדיקע נאָענטקייט דערשפּירט צו מרימען. דאָס איז געווען אַ גרויסע, אפשר די גרעסטע רגע אין זיין לעבן זינט ער האָט מרימען דערקענט. ס׳האָט אים אַפילו אָנגעהויבן וווּנדערן אויף זיך, אויף זיין אייגענער צוריקגעהאַלטנקייט, אויף זיין פאַרשעמטקייט ביז אַצינד.

— איר ווייסט, מרים, — האָט ער פאַמעלעך און פאַרטראַכט אָנגעהויבן מיט אַ טאָן פון איינעם, וואָס ווייסט, אַז ער מעג זיך פאַרגינען אַ פּיעשטשע טאָן — איר ווייסט, אַז אַ מענטש לעבט, באַוועגט זיך, שאַפט, פילט ער אויס אַ חלל, אַ שטח פון צייט, מחשבה. מיר קומט אויס, אַז וואָס מער איך לעב, באַוועג זיך, ווערט דער „שטח" ליידיקער...

מרים האָט אויפגעהויבן איר בליק, דעם אויסגעליכטיקטן, און אים אָנגעשטעלט אויף כוכבן. גאָר אַן אַנדער בליק איז דאָס געווען. כוכב האָט פון אים אַרויסגעלייענט:

— אויך מרים איז צו אים היינט נענטער ווי תמיד.

נאָר געזאָגט האָט זי:

— פונדעסטוועגן? איר זענט שוין נישט קיין עולה חדש. אַ פיינע אַרבעט, אַ סטאַבילע.

— לא על לחם לבדו...

— נו, מען הייבט דאָך ערשט אָן.

— וויפל מאָל קען אַ מענטש אָנהייבן?

עס דערמאָנט איר, מרימען:

— — — די ערשטע טעג נאָך דער באַפרייאונג. חרובע גאַסן, חרובע היימען. אַ ליידיקייט. מאָדנע, אין דער ליידיקייט האָט זי זיי געזען, די יידן. גאַסנווייז. מאַסנווייז. זי האָט געמוזט אַנטלויפן. ווהין? צו וואָס לעבן געבליבן?

ווען זי איז פון טראַנספּאָרט געשפּרונגען, אַ פאַרוווּנדעטע אויפן פעלד געבליבן ליגן, האָט זי געדענקט אין איר. זעלדעלע. די האָפענונג, אַז זעלדעלע לעבט האָט איר נישט געלאָזט שטאַרבן.

— בעסער דאָרט ביי דער גוטער קריסטין: בעסער קניען פאַר דער איקאָנע מיטן צלם אויפן האַלדז... איידער דאָ...

מרים האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט. כוכב האָט געזען ווי אויף איר האַלדז, אונטערן שלינג, לויפט עפּעס אַדורך. געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן — און נישט געזאָגט. אַראָפּגעשלונגען — האָט ער געטראַכט. איר שווייגן האָט אים געערגערט. ער האָט געזאָגט:

— און אפשר איז עס אַ זכיה? אַ גרויסע זכיה, ווידער קענען אָנהייבן?

— און איך האָב זיך פאַררעדט — האָט מרים זיך אויפגעשטעלט — סליחה — האָט זי אַ וואָרף געטאָן און אַריין אין קיך. פון קיך — אין קליינעם צימערל.

כוכב האָט געהערט דאָס עפענען פון שאַנק־טירן. שאָרוען פון שטעקשיך. נאָך דעם — קלינגעוודיקע, פלינקע טריטלעך אויף הויכע קנאַפּעלעך.

זי איז אַריינגעקומען אַן איבערגעטוענע, פאַרקעמטע. געבראַכט צו טראָגן אַ טאַץ מיט צוויי גלעזער טיי, אַ קלאָש מיט צוקערלעך, ברויט־קאַנאַפּקעס.

ביידע האָבן געטרונקען. מרים האָט אָפּגעוויקלט אַ צוקערל.

— עסט עפּעס. בייסט צו — האָט זי זיך געווענדט צו כּוכבן.

— נישט לאַנג געגעסן מיטאָג אין רעסטאָראַן.

— אַהאַ, אַ שיינער נישט לאַנג. ס'איז דאָך שוין עט־לעכע שעה. און ווי קומט רעסטאָראַן־עסן צו אַ היימיש מאכל — האָט זי חנדלדיק צוגעגעבן.

דאָס ערשטע מאָל זעט ער היינט מרימען אַזוי שמייכ־לען. די דין־דינע קנייטשעלעך אַרום אירע אויגן, קלוגן נאָך מער אויס איר שיין פּנים. די נישט־געשמינקטע ליפּן פון קליינעם מויל, דער יונגער האַלדז, דאָס שטוב־פאַרטעכל וואָס מאַכט פולער, פאַרעמדיקער איר כמעט מיידלשן גוף — האָבן אין כּוכבן עפּעס אויפגעטייעט.

— אַ דאַנק. איך בין זאַט — האָט ער געזאָגט און אויפ־געשטעלט זיך, געוואָלט צוגיין צו מרימען, וואָס האָט זיך גלייך נאָך אים אויפגעהויבן. ער האָט געוואָלט שטיין לעם איר. אַריינאָטעמען איר וואַרעמקייט, איר ווייבלעכקייט. מרים האָט עס דערשפּירט. מיט דער זעלבער שפּירעוודיקער איידלקייט זיך פון כּוכבן דערווייטערט. געלאָזט פאַר אים דאָס שמייכעלע אויף איר פּנים און פלאַטערנדיקע באַווע־גונגען פון הענט, וואָס איילן זיך עפּעס טאָן: פלאַטערן צווישן שטוב און קיך.

— דעם אמתן דאַנק קומט דאָך אייך — האָט זי מיט אַ באַשעפּטיקטער מינע געזאָגט — איר האָט דאָך פאַר מיר אַזוי פיל געטאָן.

— אויך פאַר מיר...

— וועט זי טאַקע אַהיימקומען, זעלדעלע?

— אַוודאי וועט זי קומען. זי מוז קומען.

— אַך, מיט וואָס, מיט וואָס אָפּדאַנקען.

— מיר זענען דאָך פריינד, גוטע פריינד, נישט אַזוי?

מרימס פּנים האָט פאַרצויגן אַ טרויעריק שמייכעלע. אַ שווייגן. דאָס שווייגן האָט ווי אַ פאָרהאַנג זיך אַראָפּגע־לאָזט צווישן ביידע. כוכב האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף גיין. ר׳האָט געמאַכט עטלעכע טריט צו דער טיר. מרים — נאָך אים. אין פּרוזדור האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן. ס׳ליכט איז געווען אַריינגעדרייט. די טונקלקייט מאַכט דרייסטער:

— אמת, מיר זענען גוטע פריינד? — האָבן כוכבס הענט אָנגענומען מרימס הענט.

— אמת.

ער האָט זיי פאַרהויבן צו די ליפּן. זיי באַדעקט מיט קושן. הייסע, שטאַרקע קושן.

מרים האָט נישט דערווידערט.

— איך וויל דיך האָבן אויף שטענדיק. איך וויל צו דיר קומען. איך וויל זיין מיט דיר — האָט ער זיך צוגעבויגן צו איר און געשעפּטשעט.

מרים האָט געשוויגן.

גוט וואָס זי שווייגט. ער האָט דאָך איר אַלץ געזאָגט — און זי שווייגט. אויף „דו" רעדט ער צו איר, און זי שווייגט...

— שלום, מרים, להתראות.

— שלום. להתראות.

קאַפּיטל פֿופֿצן

1

פּרייטיק פֿאַרנאַכט. אַ געשטויס פֿון מענטשן־געגיי, גע־לויף אויף תּל־אביבער צענטראַל־סטאַציע. די טראָטואַרן, דער שמאָלער הויפּט־כּביש, די דערבייאיקע געסלעך — אַלץ איז איבערגעלאָדן פֿון פֿאַרשטאַרקטן, איילִיקן מענטש און ראָד־פֿאַרקער.

אַן אויטאָבוס טראָגט זיך פֿאַרביי שווער, סאַפּעדיק און מיט גערִיטש. מיט ווילדן געפּייף רייסט זיך פֿון ערגעץ אַריין אַ טעקסי און בלייבט ראַפּטום שטיין אַקעגן אַ לאַסט־מאַשין, וואָס קומט אָן פֿון אַ זייטיק געסל.

אין מיטן ראָד־געפּלאָנטער קאַטשעט זיך אַ וועגעלע אויף צוויי רעדער. צום וועגעלע איז געשפּאַנט אַ מענטש אַ נידעריקער, אַ דאַרער. פֿון טונקלען פּנים, שוואַרץ־באַבער־דלטן, רינט אַ שווייס. בייניקע פֿיס מיט מוסקלען אָנגע־צויגענע ווי שטריק אין קורצע כאַקי־הייזלעד, איילן, רייסן זיך עקשנותדיק פֿון אָרט, קערעווען דאָס וועגעלע.

אַנטקעגן דעם מענטש אין דער „ריקשע" מיט שלעיעס אויפֿן האַלדז, רייט אָן אויף אַן אייזעלע אַן אַלטער מאַן. ער טראָגט אַ ווייסן טוך אויפֿן קאָפּ, אַ וואַטע־קאַפּטן, אַ לאַנגן. זיינע באָרוועסע פֿיס, די שטויביקע, גרייכן ביז צו

דר׳ערד. מיט אַ שטעקעלע האַקט ער אין אייזלשן קאַרק אַריין און איבערן קאָפּ. דער אייזל שאָקלט מיט די אויערן, דרייט פאַרדראָסיק מיטן קאָפּ אויף „ניין". ער שטייט. פינטלט מיט די גרויסע, טרערנדיקע אויגן. אַ באַדאַכטער קוקט ער אויפן צווייפיסיקן צווישן די דישלעס. — די אונ־טערשטע ליפּ, די נאָכהענגענדיקע, מאַכט אַ גרימאַס, ווי זי וואָלט זאָגן:

— וואָסער יאָגעניש אויף דיר, מענטש־בהמה. ווערסט די אַרבעט נישט איינשלינגען. איינשלינגען, אויסשפּייען וועט דיך די אַרבעט. ווי אַ פגירה דיך לאָזן ליגן. אַנדערע וועלן קומען אויף דיין אָרט, נאַריש מענטשן־קינד, בהמה וואָס דו ביסט.

אומגעדולדיק ווערט דער אַלטער מאַן. שטורקעט מיט די פיס אין בויך פון אייזל. האַקט איבערן פּנים, דעם בהמיש־קלוגן, פאַרטראַכטן. פאַרהייבט אייזל דעם עק, צע־שפּרייט די פיס, די דינע, דריבנע און — מאַכט וואָס עס דאַרף:

— וואָסי? נישט קיין מענטשלעכע זאַך?

אַ מיידל, אַ שוטרת, אין שיך מיט הויכע געשנאָרוולטע כאָליעוועס, מיט ווייסע אַרבל — קומט אָן. שטעלט זיך אויפן קרייץ־וועג. מיט אַ פייפל רעגולירט זי די באַוועגונג. ס׳איז הייס. פון אַספאַלט־כביש, אַ צעוואַרעמטער פון זון, שלאָגט אַ ריח פון סמאָלע אויף פייער געמישט מיט בענזין, שווייס און שטויב. די לופט איז קלעפּיק, שווער און דעמ־פּיק.

הילכיק קלינגען די געשרייען פון צייטונגס־פאַרקוי־פער, אויבסט־הענדלער ביי די סטראַגאַנעס, טישלעך און פּראָוויזאָרישע קרעמלעך אויף די טראָטואַרן און גאַס־ראָגן. אַ זאַלוזע פאַלט ערגעץ מיט הייזעריקן ראַציקן גע־

ריטש. דאָס געניי ווערט אייליקער. די רייען ביי די אויטאָ־בוסן — לענגער, דאָפּלטער.

כוכב יאָגט זיך אַהיים. ער האָט אַ גאַסט היינט. מרים איז פֿאַרבעטן אין שטוב אַריין. ער טראָגט מיט זיך עטלעכע גלאַדיאָלן.

ווי אויף צו להכעיס וועט היינט דער וועג לענגער דויערן. שוין עטלעכע טעג ווי מען פֿאָרט מיט אַ נייעם כביש. אַ נייער וועג, אַ באַקוועמער. ער איז אַ לענגערער, דער וועג, מחמת ער נעמט אַרום אַ נייע געגנט, אַ פּריש־אויפגע־בויטע.

אַ געגנט אַ נייע וויקלט זיך אַרום אָקערשט געפּלאַס־טערטן כביש. אַן אַנדער מראה האָבן דאָרט די הייזער, אויך די פּנימער. נישט קיין הייזער נאָר הייזקעס, איין־ און צוויי־משפּחהדיקע, זענען דאָס. אָפּגעשלאָסענע, מיוחסדיקע שטייען זיי מיט די הינטנס צום כביש און זייטיקלעך צו די שיכונים און די מעברות — נישט ווייט פֿון די הייזער־ווי־ליעס.

שטוינענע, קוקן זיך טאַקע איבער אויגן פֿון פֿאַרביי־פֿאָרנדיקע, וווּנדערן זיך:

— ווי גיך, ווי אומבאַמערקט עס האָט זיך דאָ געבויט.

הייזקעס פֿון שטיינבלאָקן און ציגעלעך. רויטע דעכ־לעך. צוויי־ און דריי־פֿליגלדיקע פֿענצטער, פֿענצטערלעך, טיף־גליפּיקע. ברייטע, פֿאַראַדנע טירן פֿון פּינישן האָלץ. גזימסלעך קעגן זון און רעגן. תמיד זענען די טירן געשלאָסן.

נאָך טירן, הינטערשטע, זייטיקע, האָבן די ווילי־עס. זיי עפֿענען זיך אין גאָרטן אַריין. גאָרטנס. סעדלעך אַרומ־גענומענע מיט מויערלעך, מיט יונגןביימער־צעפּ און לעבע־דיקע צוימען. די צוימען זענען קונציק רונדמעסיק אַרומ־

געשוירן. די פלויטן — אַרומגעוואָקסענע מיט קלעטער־פלאַנצן און כלערליי בלומענקווייטן.

מאַרמאָרענע טרעפּ און טעראַסעס פון ווייסן שטיין. גראָז.ביימער־וואַזאָנעס אין גרויסע ערדענע טעפּ, פעסלעך. וואַסער־רערלעך. ממטרות. הינט.

פעטע, שווערלייביקע הינט מיט קליינע אייגעלעך, בייזע, חוצפּהדיקע, אָפּגעבונדענע, ליגן זיי נאָענט פון די טירלעך, געשלאָסענע איינגענג. ליגן מיט ציימלעך אויף די פּיסקעס, מיט פרייכנדיקע בייכער. וואָרטשען בעתן דער־ניוכען פרעמדע טריט.

ווייניק זעט מען זיי אין דרויסן, די באַוווינער פון די ווילעס. דערפאַר זעט מען שוין צופיל און צו אָפט די טעק־סיס לעבן די שטובן.

*

קונציק וויקלען זיך די כבישלעך אַרום די הייזקעס: די שמאָלע, קרומע, גלאַנציקע כבישלעך, ווי געדרייטע שלאַנגען. זיי פאַרלירן זיך אין אַ פּרדס. ווייטער פון פּרדס שפּרייט זיך אַ דאָרן־פעלד, ברושים אויסגעטריקנטע מיט שטויביקע קרוינען זעט מען, און הינטער זיי — די מעברות.

בלעכענע ווענט. אַזבעסט־דעכלעך. פּאַלאַטקעס פון גראָען, טונקעלן ברעזענט.

מענטשנגעשטאַלטן, מערסטנס פרויען, אַלטע לייט, דרייען זיך אַרום אין דרויסן. ווינדעלעך, וואַטענע קאָלדרעס, קישנס הענגען אויף די שטעכל־דראָטן, אייזנשטאַבעס, וואָס טיילן אָפּ איין מעברה פון דער צווייטער.

אָפן, אָפּגעדעקט איז דאָ דאָס לעבן. מיט די פעלד־שטעגלעך, זאַמד־וועגן קומען און גייען די מעברה־מענטשן.

שווערע, רווישיקע טראָגן זיך די אויטאָבוסן דורך די מעברות איבערן נייעם כביש. געפּאַקטע פאָרן זיי פון דאַנען אויף רמלה, לוד, רחובות, יפו, תל־אביב. צו פאַבריקן, צו בוי־רושטאָוואַניעס, נישט פאַרענדיקטע געביידן, צו שוואַרצער אַרבעט אין די שטעט — פירן די אויטאָבוסן.

שווייס און שוווּנג, אַ ריטעם פון אַ ווערנדיק, יערנדיק לעבן לאָזט די רויע, שלויע מענטשן־מאַסע איבער די שטעט. קומען צוריק אין די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעהן, אין די פאַר־נאַכטן, מיט שטויביקע פּנימער, נאַקעטע, ברוינע מוסקלען. אין די הענט, האַרטע, שאַרסטקע פון צעמענט און קאַלך, טראָגן זיי מאָגערע „לאָקשן" — דעם טאָג־לוין.

אַן אָפּענער, אָפּגעדעקטער, איז דער לאַגער־שטח. אויך די קוואַרע ביימלעך מיט די נאַקעטע צווייגן, דער זאַמדי־קער באָדן, ערטערווייז פאַרמיסטיקט: אַפילו דאָס ביסל ווילדגראָז — אַלץ האָט אַ פאַרוויאַנעטע, געפּאַלענע מראה, ווי די מראה פון די, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום.

שטוינט מען. קוקן זיך טאַקע איבער אויגן פון די, וואָס פאָרן פאַרביי דאָ, דעם נייעם כביש:

— ווי שווער, ווי לאַנג עס בויט זיך דאָ דער שכון פאַר די מעברה־מענטשן.

2

חיים האָט היינט אויפגערוימט די שטוב. געוואַשן די פּאָדלאָגעס. אַרומגענומען דעם שטויב פון דער עטאַזשערקע, שאַנק. אַ שבתדיקע סערוועט איז געשפּרייט אויפן טיש.

שווערער פאַר אַלע אַרבעטן איז פאַר חיימען געווען — פּטור ווערן פון די פליגן. קומען אַוודאי פון אונטן, פון

סעדיהס חמורים־שטעלכל. גראָד הײנט מער װי תמיד. גע־ראַיעט אויף די געפּעסן, אויף די נישט דערגעסענע שטיקלעך ברויט. זײ האָבן אים הײנט נישט געלאָזט כאַפּן קײן דרימל. ער האָט זײ געיאָגט פון זיך מיט אַ פאַרשלאָפענער האַנט, מיט אַ האַנטעך. געמוזט זיך אַרויסהעלפן מיט אַ פליט־מאַשינקע, װאָס ער האָט גענומען בײ סעדיהן. ערשט מיט דער פליט־מאַשינקע האָט ער שװער געאַרבעט. פאַלט אַ פליג, צװײ, צען פליגן — זענען נאָך נישט אַלע טויט. אַ סך שטעלן זיך צוריק אויף. שלעפּן זיך, קריכן װײטער. אײניקע שטעלן זיך אויף פאָדעם־דינע, אונטערגעבראָכענע פיסלעך, הינקען אונטער, פּרוּװן זיך אויפהײבן, פליען. שטײען װי שיכּורע און רײבן זיך מיטן לענגסטן, פאָדערשטן פיסל דעם פּײכטן, סמיקן שטויב פון קעפּל, פון די נאַסע פליגעלעך, צוגעקלעפּט צום מיזערנעם גופל. רײבן און מאַסאַזשירן דאָס שטאַרבנדיקע בלוט און טרײסלען מיט די שפּילקע־קעפּלעך פון האַרבן פאַרדראָס...

פּטור געװאָרן פון פליגן־געזשום, זיצט חיים אויפן בעטל. לעם בעטל, אויף אַ בענקל, ליגט אַ שעכטל סיגאַ־רעטן, שװעבעלעך. אין אַש־בעכער — שפּיצלעך פון נישט־דעררויכערטע סיגאַרעטן. חיים טראָגט אויף זיך נײע כאַקי־הויזן, אַ נײ העמד. בײדע האָט ער הײנט געקויפט. זײ האָבן אַ גאַסט הײנט. מרים איז פאַרבעטן אין שטוב אַרײן.

כוכב איז אָנגעקומען.

— אַזוי שפּעט?

— מיטן נײעם װעג געפאָרן, פאַרגעסן, חיים?

כהרף עין איז צוגעפאַלן די נאַכט. דורכן לײכטן פאָר־הענגל, האָבן פון װײטע און נאָענטע שכן־פענצטער פײער־לעך פון בענטש־ליכט דורכגעזופּט. אויפן הימל, אַ האַרבסט קילן, פאַרװאָלקנטן, האָבן זיך געצונדן שטערן. אין בײדע

צימערן, אין קאָרידאָר, איז ליכטיק געווען. אַלע לאָמפּן האָבן היינט געברענט לכבוד דעם גאַסט.

אַן אַרומגעוואַשענער, אויסראַזירטער, שבתדיק אָנגעטוענער, האָט זיך כוכב געדרייט אין שטוב. געריוכערט. געזעצט זיך צום טיש. אויפגעהויבן און אומגעדולדיק געקוקט צו דער טיר, צוגעגאַנגען צום פענצטער. שוין באַדאַרפט זיין, מרים. פאַר וואָס זעט מען זי נישט? זי זיצט אַוודאי דאָרט ביים פענצטער. קוקט אים אויס. ער האָט באַדאַרפט קומען זי נעמען. זי איז זיכער בייז אויף אים. ניין. אויף זיך איז זי בייז — פאַר וואָס זי האָט צוגעזאָגט קומען. און ער איז נישט קליין געווען פאַרשטיין: ווי קען עס אַ פרוי איינע אַליין זיך ווייזן ס׳ערשטע מאָל אין אַ שטוב אַריין? און צו ווען אין שטוב אַריין? — און סאַראַ וועג? מיט צוויי טעקסיס, און צופוס גיין: דאָס זוכן, טרעפן דאָ אַהער? אַ גרויסע נאַרישקייט האָט ער אָפּגעטאָן. עס האָט אים נישט אַזוי געאַרט מרימס נישט קומען, ווי אויף דעם שטות, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. פאַרגעסן, אַז מרים האָט נאָך אַ סך דאגות. זינאַ איז נאָך נישט אַהיימגעקומען. יהודה, איר באַלעבאָס, דרייט איר אַ קאָפּ... „אַ רחמנות אויף אים, נעבעך. אַ קראַנקער, יהודה״ — האָט זי אים דאָס לעצטע מאָל געזאָגט, מרים. ער וואָלט אַ שטייגער ווילן וויסן וואָס טראַכט זי, וואָס זאָגט זי וועגן אים: „אַ גוטער מענטש. אַן אמתער גוטער פריינד, כוכב״.

חיים האָט זיך דערמאָנט אין די בלומען, וואָס כוכב האָט געבראַכט. זיי זענען אויסגעוויקלטע פון פּאַפּיר געלעגן אויף אַ בענקל. ער האָט זיי אַריינגעטאָן אין אַ סלאָי וואַסער און געשטעלט אויפן טיש. ער איז געזעסן אויפן בעטל. געקוקט אויף די בלומען. געקוקט אויף כוכבס אומגעדולדיקן שטיין ביים פענצטער. ער האָט זיך אין עפּעס דער־

מאָנט. יאָ. וועגן בלומען האָט ער אַצינד געטראַכט. שאַ, שאַ. ווען האָט ער פאַרגעבן אַ פראַגע וועגן בלומען? שוין לאַנג, מיט לאַנגע יאָרן צוריק איז עס געווען. יאָ. ער געדענקט שוין. אַ נאַרישע פראַגע. ווי זאָגט זיך אַ ווערטל: „אַ נאַריש־קייט געדענקט זיך". ער האָט אַמאָל אַן ענגלענדער, אַ שיש־קע ביי דער מאַנדאַטאָרן־מאַכט, געפרעגט:

— וואָס שמעקט אייך בעסער, קעמל־מיסט ביי די בע־דואינער־געצעלטן צי בלומען ביי די יידישע הייזער?

— ביידע שמעקן אונדז. דאָס איז — האָט ער געזאָגט — דער ריח פון מיטעלן מזרח מיט אייראָפּעאישער ראָמאַנטיק.

יאָ. אויך די היינטיקע בלומען, דאָס שטיין פון כוכבן ביים פענצטער דערמאָנט אים, חיימען: אייראָפּעאישע ראָ־מאַנטיק.

— נישט געקומען. ס׳קאָן טרעפן — האָט חיים זיך געווענדט צו כוכבן — עפּעס עסן דאַרף מען פונדעסטוועגן.

— איך האָב געגעסן אין גאַס. בבקשה, שטערט אייך נישט, חיים.

חיים איז אַריינגעגאַנגען אין קיך. כוכב איז שטיין גע־בליבן ביים פענצטער.

שטיל אין הויף. אין די שויבן פלעמלען ליכטלעך. שבת. אַ ריח פון בלומען פריש־באַשפּריצטע טראָגט זיך פון סעדיהס גאָרטן צום אָפענעם פענצטער. דאָס האָט זי, אסתר, אוודאי באַשפּריצט די בלומען. באַלד וועט זי זיך אָנטאָן. אַ שבת־דיק־פּאַרפוצטע פאַרבייגיין דאָס טראָטואַרל. פאַר וואָס איז זי ברוגז, אסתר? פאַר וואָס מיידט זי אים אויס? ער טרעפט זי נישט מער אין גאָרטן. אויך אין שטוב, ביים פענצטער, ווו זי פלעגט אָפט שטיין — זעט מען זי מער נישט.

כוכב האָט נישט באַמערקט ווי דער ציגאַר איז אים אויסגעגאַנגען. גוט, בעסער אַזוי. שבת. האַרבסטיק־קיל.

טונקל. שטיל. אויך דער בלעטערפּאַרביקער אָלעאַנדער אין סעדיהס גאָרטן איז אויסגעטאָן פון פייערלעכן ליכט־דעמער. אין דער טונקלעניש ווערן קלאָרער די פלעמלעך פון די בענטשליכט. זיי צינדן אָן די שויבן, ציטערן, ווי די צינדנדי־קע שטערן אין הימל.

אָט גייט סעדיה אין זיין שבתדיקער קאַפּאָטע מיטן טלית־זעקעלע אונטערן אָרעם. די קאַפּאָטע — אַ געוואַנ־טענע, שווערע, לאַנגע. אַפּנים טאַקע קאַלט אין דרויסן. ערב־ווינטער. אויך זיין טאַטע האָט אין די ערב ימים־נוראים־שבתים, פרייטיקצונאַכטסן, אָנגעטאָן אַ טונקעלע געוואַנ־טענע קאַפּאָטע. אויך געגאַנגען אין שול אַריין. דאָס לעצטע מאָל האָט ער אים געזען סעפּטעמבער נייַנצן נייַן און דריי־סיק.

יענעם פרייטיק זענען אין שטאָט אַריין די סאָוויעטן. קיינער האָט דעמאָלט נישט געוווסט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועלן זיי צוריק אַרויס. יענעם פרייטיק האָט די מאַמע געטראָגן ליכט אין שול אַריין. דער טאַטע איז פריער ווי תמיד געגאַנגען דאַווענען. ער, כוכב, האָט אָנגעטאָן אַ רויטע לענטע. געהייסן אַלע שכנים אַרויסהענגען רויטע פענדלעך. דאָס איז געווען זיין שבת, זיין יום־טוב.

— — — ווו זענען היינט אַלע מיט די רויטע לענטעס? מיט די רויטע פענדלעך? מיט די ליכט און מיט די טליתים?

— — — און ער איז געבליבן לעבן. ער אַליין איז גע־בליבן לעבן. איז עס אַ שטראָף? איז עס אַ זכיה?

ער פון „דאָרטן" און חיים פון דאָ: ער, דער עולה און חיים דער ותיק — אונטער איין דאַך. אונטער איין הימל. איז אָט דער הימל, די ערד, וואָס ער באַטרעט שוין באַלד אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר: איז דאָס דאָזיקע לאַנד נישט דער חלום, די לעכצונג פון זיין טאַטן, פון זיין מאַמען?

די אָונט־וואַלקנס ווערן גערדיכטער, נידעריקער, נענ־טער. אַ שטיק וואָלקן רייסט זיך אָפּ און ציט אַהער צו. פון ים, פון מערב — צוריק אַהער. אָט איז דער וואָלקן איבערן פענצטער. ער צעפליסט זיך. ס'שיילן זיך אויס פון אים פּני־מער, געשטאַלטן, אַ קאָפּ. כוכב האָט אויפגעציטערט — — —

— — — פון ים? צי פון ווייט, ווייט, פון יענער זייט ים — קומט דער וואָלקן? אַ וואָלקן פון גליענדיקע שטויבן... צי הערט ער נישט אַ קול:

— — — „אָ, ווי שיין עס בליט דיין אָלעאַנדער. ווי שיין עס בליט דאָ אונדזער חלום... צי ווייסטו כאָטשבי, אַז זיין יניקה איז אונדזער מאַרך, איז אונדזער בלוט"...

פאַרשוווּנדן, צערונען דער וואָלקן. נאַכט. פון דאָ נישט ווייט, צפון תל־אביב הערט זיך דאָס גערויש פון ים. ווייט, אַ סך ווייטער, ציט זיך דער ים, ביז אילת ציט ער זיך. פון אילת האָט מען מיט קעמל־קאַראַוואַנען געצויגן קיין עזה. פון עזה — מיט שיפן צו די ברעגן פון מיטללענדישן ים.

פון מצרים, פון דרום־אַפריקע זענען איסלאַם־פעלקער דורך אילת קיין מעקאַ עולה־רגל געווען. מיט דעם דאָזיקן ים־וועג זענען געגאַנגען גלחים און סוחרים, מרגלים, נזירים און רויבער. מיט צלם און שווערד, מיט שטומפיק קאַלט געווער און מיט הייסע תפילות, האָבן געצויגן מחנות, גע־לאָזט הינטער זיך וויי און פאַרלענדונג. באַלעבט איז אַצינד דער ברעג. שטעט, ישובים, קיבוצים זענען אויף די זאַמדן, סקאַלעס און חורבות אויסגעוואַקסן. אויך די שטאָט פון שיכורן לוט, און אברהם אבינוס שטאָט — פון זיבן ברונעמער — וואַכן אויף פון לאַנגן שלאָף. ווי אַ שריפט אַ שאַרפע אויף אַלטע געלע פאַרמעטן קריצן זיך אַספאַלט־כבישים אויף לייבער סטעפּיש־טויטע. קריצן נייע געבאָטן

פון לעבן: דעם גורל, וואָס איז דאָ פאַרשטיינט און באַווײנט געוואָרן.

אַ חלום גייט אויף:

צוריקקערן ישראל צו איר אַמאָליקער גדולה בשעת דאָס לאַנד איז אַ טיר, אַ וועג געווען צו די ווייטע רייכע לענדער — כינע, אינדיע. צוריקגעבן ישראל איר חשיבות פון יענע יאָרהונדערטער, וואָס האָבן זיך געצויגן אויך נאָך איר זעלבשטענדיקייט.

כוכב האָט אַ ווײלע פאַרהאַלטן דעם אָטעם פון טראַכטן: אַ שטייגער אַן אָדלער פאַרהאַלט אין דער ברייט זיינע פליגל און לאָזט זיך פון הייכן אַראָפּ.

ניין. נישט קיין חלום.

איז דאָך ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק דאָס אָרט ווו ער שטייט אַ פאַרוואָרלאָזט פעלד געווען. פאַרלעגענע ערד. פּרדסים. אַ ווילד וויסט געוויין פון שאַקאַלן. נאָך היינט וויינען זיי. יאָמערן אויף די צעצונדענע שויבן, אויפן געזאַנג פון די קינדער, וואָס פּילן אָן די געסלעך, די הייף: אויף די ליכטיקע הייזער, וואָס מען האָט אַריינגעשטעלט אויפן אָרט פון פּרדסים.

אָפּגעווייטערט, פאַרשטויסן און פאַרשטומט איז אַצינד דאָס שאַקאַלן־געוויין. אויסערן שכון, אויף די נאָך נישט באַוווינטע שטחים ליגן נאָך אַוודאי די פאַרטריקנטע פעל־כעלעך, וואַלגערן זיך ביינער, סקעלעטן פון די פון הונגער און איינזאַמקייט אויסגעפּגרטע שאַקאַלן.

אויסגעחלומטע ערד.

ערשט אַצינד פאַרשטייט ער פאַר וואָס זיין זיידע, פאַר וואָס אַ סך זיידעס, האָבן ווי קמיעות געהיטן, באַ־האַלטן זעקעלעך ארץ־ישראל־ערד. זיך באַוואָרנט אויף אי־בער הונדערט און צוואָנציק יאָר...

אָ, ווי ווייט, ווייט פון דער דאַזיקער ערד זענען די זיי־דעס אומגעקומען. צו אַש און שטויב געוואָרן. גליענדיקע שטויבן.

חיים איז שוין צוריק געווען פון קיד. אַליין דאָרט גע־פּראַוועט דעם פּרייטיקצונאַכטס־מאָלצייט. ער האָט זיך צו־געלייגט אויפן בעטל. ער האָט געזען כוכבן אַוועקגיין פון פענצטער. ער האָט אים געזען אַ פּאַרטראַכטן זיצן ביים טיש. געקוקט אויף די בלומען, אויפן פּאָרהאַנגל פון פענצטער, וואָס האָט זיך לייכט נאָכגעגעבן דעם נאַכט־ווינטל, און גאָרנישט געזאָגט.ביידע האָבן געשוויגן.

שוין נישט איין מאָל האָט חיים געזען כוכבן אַזוי זיצן ביים טיש, ליגן אויפן בעטל. אָהאָ, ער איז אים שוין נישט פרעמד, כוכב. זיי זענען זיך נישט פרעמד. אַ בן־עיר? אַ בן־בית? ער איז שוין דאָ אַ בן־ארץ, כוכב. נישט נאָר מענטשן ווערן צו זיך נענטער, היימישער. מאָדנע: חיימען קומט אַ סך מאָל אויס, אַז אויך די קלימאַטן, די קלימאַטן פון דער גאַנצער וועלט — האָבן זיך דאָ פּאַרחברט. צוזאַמען מיט די מענטשן, עולים חדשים, זענען דאָ עולה־רגל געווען די קלי־מאַטן פון אַלע לענדער. אויף אַ וווּנדערלעכן אופן אַריינגע־פּאַקט זיך דאָ אין „האַלדז־פלעשל" פון קליינעם לענדל: אַן אמתער קיבוץ־גלויות פון קלימאַטן:

דער חרמון־באַרג אין אייביקן שניי. דער גליל מיט אַ סך רעגן. דער טרוקענער ירדן־טאָל, און דער הייסער ים־המלח. היינט, די חולה־זומפּן? דער געלער מידבר מיט זיינע ווירבל־ווינטן און זאַמד־שטורעמס? די שטייניקע בערג און פעלדזן פון ירושלים און אַרום איר?

ווען חיים טראַכט דערוועגן, כאַפּט אים מיט אַ מאָל אָן אַ נאָגעניש, אַ מין ליבשאַפט, וואָס צעגייט זיך אין אַ ווייטיק. ניין. נישט דאָס. עס וועקט זיך אין אים עפּעס אַזוינס

וואָס ער האָט נישט קיין נאָמען דערויף. ער האָט דערויף אַ סך נעמען: בענקשאַפט. אומרו. זוכעניש. עפּעס אַזוינס וואָס איז געווען און איז נישטאָ. עס איז יאָ דאָ. עס איז דאָס און נישט דאָס. —

יאָרן איבערן לאַנד געוואַנדערט. געזוכט. וואָס? אפשר האָט ער געזוכט די היים וואָס ער האָט אַזוי פרי פאַרלאָזט. האָט ער זי געפונען? —

וואָס טוט ער דאָ אין שטאָט? פּירט טאַטשקעס זאַמד, זשוויר. טראָגט ציגל אויף דער מויער. בויט ס׳לאַנד. שטעט. הויכע, ווייסע הייזער — אויפן אָרט פון אויסגעקאָרטשע־װעטעביימער, וואָס ער האָט דאָ געפלאַנצט. ער איז געווען זייער שומר.

איז ער נישט אַצינד איינער פון די ביימער? אַ בוים ביי דער זייט וועג? — („מען ברייטערט אויס דעם כביש: אַרויסרייסן אים איז אַ שאָד און איבערלאָזן — אַ שטער...״)

נישט איין מאָל קומט אים אויס, חיימען, אַז דאָ, צווישן די שיכון־ווענט, קליינע פענצטער — איז ער ווידער אין אַ שיף־קאַיוטע. אויף פלאַכע וואַסערן באַוועגט זיך די שיף, וואַקלט זיך... די ליכט איז טונקל און דער ברעג ווערט ווייטער, ווייטער.

ער זעט נישט מער דעם ברעג. רייד, אָפּגעריסענע ווער־טער, דערטראָגן זיך צו זיינע אויערן: „מולדת״, „ציון״, „חלוצים״.

די שיף שווימט אָפּ. שוואַכער, שלאַבריקער דערגייען צו אים די ווערטער. איינציקע קלאַנגען, לעצטע, פלאַטערן אין דער לופטן — מעוועס. אויך די מעוועס זעט ער נישט. הערט נאָר דעם געפּאָך פון זייערע פליגל. די שיף שווימט. וווהין? ניין. זי שטייט אויף אַן אָרט. נאָר דער ברעג, דער ברעג שווימט אַוועק פון אים... הימל. ים און אַ געפּאָך פון

פליגל. גרינג טראָגט זיך די שיף. אַ ווינטל, אַ פרישס יאָגט אָן דער ים. און אַ ריח טראָגט דאָס ווינטל פון צוגעהיימיש־טער ערד. לאַנד פון ציון. מולדת. חלוצים — — —

כוכב האָט אַ קוק געטאָן אין חיימס זייט אַריין. איינ־געשלאָפן — האָט ער צו זיך געזאָגט. ער איז צוגעגאַנגען צום בעטל און אים אַ טאָרע געטאָן:

— חיים, הייבט אייך אויף און גייט לייגט אייך שלאָפן.

קאַפּיטל זעכצן

1

אין חתונה־זאַל איז שטיל אַזוי ווי תּמיד נאָך אַ חתונה. נאָכקלאַנג פון אַן אָפּגעלאָפענעם געוויש דערטראָגט זיך צו יהודהס אויערן, דולע, מידע. פאַר די אויגן הויערט נאָך דער שטויב־וואָלקן אַרום די גרויסע לאָמפּן. פון די טישן זענען נאָך נישט אַראָפּגענומען די טישטעכלעך מיט די שיריים. די שטולן, בענק ליגן איבערגעדרייטע איינע אויף די אַנדערע.

מען דאַרף אַצינד הענט מיט פיס מיט נייע כוחות. ווו נעמט מען? זיצט ער, יהודה, און רעדט צו זיך אַליין. ער איז איינגעמידט, אָפּגעשוואַכט פון אַרומהאַווען אַרום די געסט, די מחותּנים. פון לויפן פון קיך אין זאַל אַריין און פון זאַל אין קיך. ער האָט פונדעסטוועגן הנאה. אַן אמתע חתונה געווען, אַזוי ווי אין חוץ־לארץ.

מיט אַ גרויסן קוילעטש אין די הענט, פאָרנט פאַר־הויבן, טאַנצט די מחותּנתטע אַ קעגן חתן־כלה. אַ יונגע מחותּנתטע אין אַ לילאַ־באַטיסטן קלייד, אַ לאַנגס, אַוודאי נאָך פון דער היים. אויפן קאָפּ טראָגט זי אַ דורכזיכטיק ווייס טיכל. אַ צעשמייכלטע טאַנצט זי אַקעגן, אויף צוריק, און ווידער פאָרויס. הייבט די פיס מיט מוטערלעכער גראַציע פון יונגער פאַרעלטערטקייט. שמייכלט מיט נחתדיק־צעגלאַנצ־טע אויגן צו חתן־כלה און צום עולם.

נאָך דעם איז דאָס פּאָרל אַוועק אין אַ מצווה־טענצל. פון מצווה־טענצל אין אַ וואַלס. חתן־כלה אין אַ וויגנדיקן וואַלס. וויגן זיך און שווימען פּאָרויס אין אַ געדריי. די מוזיק שפּילט. עולם פּאַטשט.

— בראַוואָ. בראַוואָ.

— דער מחותן, דער מחותן ווו איז?

ער קומט פון ערגעץ אָן, דער מחותן. אַ נידעריקער, אַ פּולינקער, אין אַ שוואַרצן אַנצוג, הויכן קאַפּעליוש שטעלט ער זיך לעם דער נישט קיין סך העכערער ווייב — דער מחותנתטע. ער שמייכלט עטוואָס פאַרלוירן. פּרוּווט שטעלן אַ פוס, אַ בייג טאָן זיך. נאָר דער גוף אין געפּאַסטן שוואַרצן אַנצוג, שטייפן קאָלנער און לאַנגע ווייסע מאַנקעטן איבער די הענט — גיט זיך נישט נאָך. עס גייט נישט.

דאָס פּנים רויטלט זיך, שוויצט און הערט נישט אויף צו שמייכלען:

— איר זעט דאָך, ס'איז נישט פאַר מיר.

— איז אַ ברוגז־טאַנץ, אַ ברוגז־טאַנץ — שרייט מען צו די קלעזמער.

הייבט ער אויף אַ האַנט, דער קליינער קלוגיטשקער מחותן, פאָכעט מיט אַ געלט־פּאַפּירל אין דער לופטן. עולם ווערט שטיל.

— אַ סאָלאָ, סאָלאָ ווער טאַנצט? איך צאָל — הערט זיך זיין הייזעריקע פון פרייד־פאַרשטיקטע שטימע.

אַ פּאָרל איז אַרויס אין סאָלאָ. נאָך דעם, האָט אַ שלאָג געטאָן דער אָרקעסטער. טענץ. כלערליי טענץ — אַלטע און נייע.

אַ קליינע פּויזע. ווידער מוזיק. טענץ. געציילטע מינוטן פאַר עלף. די קלעזמער זענען מיד. עס האַלט שוין באַלד ביי דער „התקוה". דער עולם וויל גאָר נישט אויפהערן.

שוין איין מאָל אַ חתונה. ער געדענקט נישט דאָ אין לאַנד אַזאַ חתונה. עס איז אָבער שוין נישט מער פאַר אים. נישט פאַר זיינע כוחות. יהודה פילט זיך היינט שוואַכער ווי תמיד. גוט, וואָס מרים איז נאָך דאָ. זי איז תמיד מיט אים דאָ ביזן סוף. אויך נאָך דעם בלייבט זי אָפט איבער. גייט נישט פריער אַ היים ביז אַלץ ווערט נישט צוריק געבראַכט ווערן אין אָרדענונג. זי איז אַ געטרייע גוטע קעלנערין, מרים. אויך אַ גיכע טוערין. נאָר אַן אויפגערעגטע, אַ נערוועזע, אַ שווייגערין.

מאָדנע: אויפן זאַל איז זי גראָד אַ שמייכלענדיקע, אַ צוגעלאָזענע, אַ ליבלעכע. ווי נאָר דער עולם צעגייט זיך — פאַרציט זיך אַ מין צער אויף איר פנים. עפּעס אַ סוד, אַ ווייטיק, אַ באַהאַלטענער, פאַרשליסן אירע ליפּן. ער ווייסט נישט, יהודה, פאַרשטייט נישט פאַר וואָס. זאָל עס זיין צוליב דער קליינער זעלדעלע? ער האָט דאָך געהערט, אַז זי קומט אַהיים. איז זי נאָך נישט אַהיימגעקומען?

אַ שיינע בחורה, זעלדעלע. דאַכט זיך גאָר נישט לאַנג נאָך אַ קליינינקע געווען. בונקער. אַ שיין מיידעלע און אַ וויינערין. אָ, אַ וויינערין אין בונקער — צום גרעסטן אומגליק האָט דאָס געקענט דערפירן. פאַר אַזאַ זאַך וואָלטן אַנדערע דאָס קינד מיט דער מאַמען פאַרטריבן פון בונקער. ער האָט אָבער ליב געהאַט די קליינע. אויך מיט מרימען געהאַט אַ גרויס איינזען. פאַר ביידע זיך איינגעשטעלט. דאָס לעבן פון אַלע אין בונקער איינגעשטעלט. ער האָט תמיד געפונען מיט וואָס איינצונעמען זעלדעלען. תמיר זיך געסטאַרעט איר הונגער צו שטילן מיט עפּעס. איין מאָל האָט ער איר געגעבן אַ געקאָכטע קאַרטאָפל. „אַ העלפט פאַר דיר און אַ העלפט פאַר דער מאַמען" — האָט ער איר געזאָגט. נעמט זי, די זוללניצע, און עסט אויף די גאַנצע קאַרטאָפל.

און ווי לאַנג איז דען, אַז זיי זענען ביידע געווען ביי אים אין שטוב? געקומען פרעגן, מרים, צי דאַרף ער אַ מענטש צו דער אַרבעט. סאַראַ דערשלאָגענעם אויסזען זי האָט דעמאָלט געהאַט. ביידע האָבן געהאַט. זיכער הונגעריק געווען. אָבער אַ שטאָלצע און אַ שווייגערין. ער האָט כיבוד געשטעלט אויפן טיש. די קליינע האָט געשלונגען דעם קוכן. געשעמט זיך און געשלונגען. און זי, די מאַמע? — קוים זיך פאַרגונען אַ טרונק. ער האָט איר געוואָלט אויסבאָרגן עטלעכע פונט. „אַ קאַנטאָ, „אַן הלוואה״ — מאַכט ער — מען איז דאָך אייגענע.

— אַ דאַנק, אדון יהודה. זי דאַרף נישט קיין געלט.

— מאַמע, נעם. באָרג ביי דעם פאַן יהודה געלט. וועסט אָפּגעבן — האָט די קליינע זיך געבעטן. נישט קיין נאַריש מיידל, די קליינע...

נו, וויפל מאָל איז נאָך דעם זעלדעלע געקומען אויפן זאָל?

— שלום, מיידעלע, — מאַכט ער צו איר.

און זי?

— איך בין שוין אַ גרויסע, אדון יהודה.

— נו, נו. נישט געמיינט דיך באַליידיקן. אדרבא: כ׳זוך שוין אַ בחור פאַר דיר — וויל ער איר געבן אַ קניפּ אין בעקל. זי קערט זיך אָפּ. רויטלט זיך:

— בחור? בחורים פעלן נישט.

— אַך, זעלדעלע. אַ סך בחורים איז נישט גוט.

און אַז מרים איז אָנגעקומען און זי געזען אין פרוזדור — איז זי שוין נישט געווען די זעלבע מרים. אַ בייזן, אומגעדולדיקן קוק האָט זי געטאָן אויף איר. זי האָט אויך עפּעס דערביי געמורמלט. די קליינע האָט געענטפערט.

תמיד געענטפערט. קיין גרויס שלום־בית צווישן מאַמע און טאָכטער איז, ווייזט אויס, נישט געווען.

2

דער זייגער איז באַלד האַלב צוועלף. מען דאַרף אַראָפּ־נעמען פון די טישן. דעם זאַל ברענגען אין אָרדענונג, די כלים צוגרייטן צום וואַשן. רחל, די רוימערקע איז היינט נישט געקומען. קראַנק. ווער ווייסט צי זי וועט מאָרגן יאָ זיין.

מרים האָט געזען, ווי יהודה זיצט אַן איינגעמידטער, שוואַכער. עס אַרט איר נישט וואָס זי דאַרף אַלץ אַליין טאָן. איר אַרט, וואָס יהודה איז מיט איר אַליין אויפן זאַל. ער איז איר שטער... אַ גרויסע שטער איז ער איר.

— נו, פאַר וואָס שוין ווידער טרויעריק ? — האָט יהודה זיך אויפגעשטעלט און מיט געמאַכטער יונגקייט פאַרטשע־פּעט מרימען, אַן איילנדיקע מיט אַ שטויס טעלער אין קיך אַריין.

— שפּעט, אדון יהודה.

— מאָרגן איז אויך אַ טאָג. איר מאַכט פון זיך אַ תל, מאַכט איר פון זיך, מיט דער לויפעניש.

מרים קען זיינע ריידעלעך. זיינע היימישלעכע באַווע־גונגען מיט די הענט. זי ענטפערט נישט. און אַז יהודה בלייבט שטיין אין דער טיר צווישן פרוזדור און קיך, פאַר־צעפּעוועט דעם וועג — בלייבט זי אויך שטיין. שטעלט אויס אויף אים אירע ברוינע, ערנסטע אויגן און שווייגט.

— פאַר וואָס אַזוי ערנסט ?

— איך קאָן נישט אַנדערש.

— יאָ. כ׳פאַרשטיי. אַקעגן זעלדעלען, מיינט איר... מען

טאָר נישט אַזוי, מרימשי — האָט יהודה בכיוון אָפּגעווייכט דעם שמועס: געביטן די פּאָזע און דאָס פּנים — זייט צו־פרידן, וואָס איר זענט מצליח געווען זי אָפּצוראַטעווען.

— נישט מצליח געווען.

— נישט געפּערלעך. נישט געפּערלעך. אויך מיר זענען יונג געווען. אויך אונדזערע עלטערן האָבן פון אונדז גע־ליטן...

— איך ווייס שוין. איך ווייס שוין. שוין געהערט — האָט זי אים אומגעדולדיק איבערגעריסן.

— זי איז שוין נישט קיין קינד. לאָזט איר לעבן. לאָזט איר...

— אדון יהודה — האָט מרים נערוועז און כמעט מיט ביטול זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט.

— אַך, באמת, וואָס האָב איך אַזוינס געזאָגט? אָ, אַזוי בייז? אַזוי שלעכט צו מיר דאַרפט איר פונדעסטוועגן נישט זיין, מרימשי... — האָט ער מער געשטאַמלט ווי גערעדט — איר ווייסט דאָך... כ׳האָב שוין פון לאַנג געוואָלט... געוואָלט זאָגן... איר געפעלט מיר... איר... איך... וויל...

— איך וויל נישט מער הערן.

אַ פויזע. עטלעכע מינוט האָבן ביידע געשוויגן. מרים האָט זיך פונדעסטוועגן באַזיינט. זי האָט מיט אַ רואיקער שטים געזאָגט:

— פאַרגעסן וואָס דער דאָקטאָר האָט אייך געזאָגט, אדון יהודה? איר דאַרפט היטן ס׳געזונט. איר דאַרפט... בחיי, טוט מיר אַ טובה... איר זענט מיד. גייט, רוט אייך אָפּ. איך וועל אַלץ אַליין טאָן.

— פאַר וואָס יאָגט איר מיך פון זיך? איך בין נישט מיד. בכלל נישט מיד.

— לאָזט מיך גיין.

— בסדר. — האָט יהודה בייז און קורץ געענטפערט.

ער האָט זיך אָפּגעקערט פון מרימען. אַראָפּגענומען פון זיך דאָס פאַרטעך, וואָס ער טוט תמיד אָן בעתן רוימען דעם זאַל. געכאַפּט אויף זיך דאָס רעקל און געלאָזט גיין צו דער טיר. אין דער אָפענער טיר האָט ער זיך פאַרהאַלטן. מיט אַ טאָן אַ טיף־באַליידיקטן און באַפעלערישן, האָט ער מרימען אָנגעזאָגט, וואָס זי האָט פאַרן אַוועקגיין צו טאָן. ער האָט אויף גיך אַרויסגעלייענט ווי פון אַ צעטל:

— נישט פאַרגעסן פאַרמאַכן די פענצטער. די פּירות אריינלייגן אין פרידזשידער. מאָרגן אין דער פרי באַשטעלן נאָך צוואָנציק עוגות. ברענגען וועמען אויף אויסוואַשן די פּאָדלאָגעס. רחל וועט אַ גאַנצע וואָך נישט קומען. איך וויל נישט הערן קיין טענות פון די געסט.

מרים איז געבליבן אַליין. אַליין אין פּרוזדור פון גרויסן זאַל, וואָס איז שוין ליידיק געווען פון טישן, שטולן און בענק. זי האָט אַריינגעדרייט די ליכטער. מרים האָט געוווּסט, אַז יהודה איז אַוועק אַ ברוגזער. שוין נישט דאָס ערשטע מאָל אַזוי. תמיד בעת זי דערמאָנט אים „וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט" — באַליידיקט ער זיך. נאַרישקייטן. גראָד דאָס אָפּטע ברוגזן זיך און נאָך דעם — דאָס איבערבעטן זיך, דערמאָנט זי: „דאָס אַלץ וואָס איר זעט דאָ, מרים, און די דרייצימערדיקע דירה אויבן — אַלץ קאָן אויך זיין אייערס. איך בין אַליין. ווי לאַנג קאָן אַ מענטש זיין אַליין".

אָ, וויפל מאָל ער האָט איר געזאָגט די ווערטער. זי ענטפערט אים נישט. זי טוט אפשר שלעכט, וואָס זי ענטפערט נישט. ער נעמט דאָס שווייגן אָן פאַר הסכמה.

מרים קוקט זיך נאָך אַמאָל אַרום און ס׳טוט איר פונדעסטוועגן הנאה:

— מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט זי זאָגט זיך אָפּ פון דעם אַלעם.

די הנאה האָט געמינערט אין איר דעם פאַרדראָס אויף יהודהן. זי האָט אַפילו אויף אים רחמנות געקראָגן:

— אומגליקלעכער יהודה.

איינע אַליין מיט די געדאַנקען, האָט מרים פאַרגעסן אין דער מידקייט. אַ שטראָם נייע כוחות האָבן אַ שלאָג געטאָן אין איר.

— זעלדעלע וועט אַהיימקומען. זי מוז אהיימקומען.

זינט דעמאָלט טרעפט זי זיך אָפט מיט כוכבן. ער חזרט כסדר איבער די דאָזיקע ווערטער. זי גלייבט אים. זי האָט צוטרוי צו אים. זיינע רייד ברענגען איר דערלייכטערונג. ציטערן אויף אין איר אַ שיין פון האָפענונג, ווי אַ ווינט מאַכט ציטערן אַ לאַמטער.

אַ האַלב־פאַרלאָשענער לאַמטער איז איר לעבן. אַ הענ־געגנדיקער לאַמטער. —

און ער, כוכב, וואַרעמט זיך ביי דער שיין. וואָס אַזוינס האָט ער געזען אין איר? אַן אָרנטלעכער מענטש, כוכב, אַן אמתער גוטער פריינד. עפעס משפחהדיקס, היימישס שפירט זיך אין זיין נאָענטקייט צו איר. צו היימיש, צו באַקאַנט איז איר זיין לעבן. ענלעך זענען ביידע לעבנס. „צוויי געליטענע". „צוויי האַלעוועשקעס" — זאָגט ער איר תמיד. ווען כוכב פרוווט זי אַ קוש טאָן, אַרומנעמען, פילט זי זיך ווי איינע, וואָס איז אויפגעשטאַנען נאָך אַ לאַנגער שלאַפקייט. ווו מען רירט זי אָן — טוט וויי... זיינע הענט, ווי הענט פון אַ שפיטאָל־ברודער בעת זיי וויקלען פון באַנדאַזשן אָפּ אַ ווונד. —

— צו אָפן איז פאַר אים איר ווונד.

זי איז אים נישט קיין געליבטע. זי וויל עס נישט זיין.

איר איז ליב זיין גוטע פריינדשאַפט. זי וואָלט וועלן די פריינדשאַפט אָנהאַלטן.

וואָס מער מרים טראַכט דערוועגן, אַלץ מער שרעקט זי זיך. עס שרעקן, טוען וויי זיינע רייד:

— צוויי געליטענע. צוויי האָלעוועשקעס.

עס האָט אַ קלינג געטאָן אין טיר. מרים האָט אויפ־געציטערט. איידער זי האָט געפרעגט „ווער" און צוגעגאַנ־גען עפענען — איז כוכב שוין געווען אינעווייניק.

— שלום, מרים.

— שלום. אַזוי שפּעט?

— טאַקע דערפאַר בין איך געקומען.

— אַ דאַנק. באמת נישט אָנגענעם אַליין אַצינד אַהיימ־גיין.

— זאָג, וואָס איז ווידער מיט דיין באַלעבאָס?

— וואָס איז געשען? — האָט מרים געפרעגט אַ דער־שראָקענע.

— גאָרנישט. געזען אים אין גאַס.

— אין גאַס? אַצינד?

— יאָ. אַזוי ערנסט געווען. דאַכט זיך אויך אַ ביסל מבולבל. מיך אַפילו נישט באַמערקט. וואָס איז מיט אים? שפּילט ער נישט ווידער דעם „דאָן־זשואַן"?

— נאַרישקייטן.

— אַ טיפּש.

— אַן אומגליקלעכער.

— מרים, דער זייגער איז באַלד צוועלף. האָסט נאָך בדעה לאַנג דאָ צו זיין?

— באַלד גייען מיר. וואָס איז?

— כ'האָב חשק זיך נאָך אַריינכאַפּן אין אַ קאַפע אויף עפּעס אַ נאַש.

— אָ, אַן אָריגינעלער געדאַנק: אַ קעלנערין אין אַ בית־קאַפע?

— איך וויל זען ווי אַזוי פילט זיך אַ קעלנערין בעת מען דערלאַנגט איר צום טיש.

מרים האָט דערווייל צוגעטריטלט צום שפיגל, וואָס אין פרוזדור. כוכב האָט געמאַכט עטלעכע טריט נאָך איר. זי האָט חנדלדיק אַריינגעקוקט, די האָר זיך פאַפּראַווועט און איבערן אַקסל גערעדט צו כוכבן:

— צו וואָס אַצינד בית־קאַפע? צו וואָס אויסגעבן געלט?

— אַזאַ לוקסוס קענען מיר זיך נאָך פאַרגינען.

ביים וואָרט „מיר" איז כוכב שוין געשטאַנען נענטער פון מרימען. אַ גלעט געטאָן די האָר, וואָס זי האָט נאָך גע־האַלטן אין קעמען.

— מיינסטו נישט, אַז מיר שפילן זיך אין פלירט, ווי קינדער? — האָט מרים אויסגעדרייט דאָס פנים צו כוכבן און געשמייכלט.

— נאַרעלע. איז דאָ עפּעס שענערס ווי שפילן זיך ווי קינדער?

— צו וואָס נאַרן זיך אַליין?

כוכב האָט געקוקט אויף איר פאַרוווּנדערט און טרויע־ריק:

— געגנאַרן זיך אַליין?

— כ׳מיין... צו אַלט... צו נאָענט — — —

— מרים?...

כוכב האָט אַ טראָט געמאַכט צווישן איר און שפיגל. גענומען מרימס פנים אין זיינע הענט, עס צוגעדריקט צו זיך, צו זיינע ליפּן.

מרים האָט נישט דערווידערט. זי האָט נאָר מיט אירע

הענט אויף זיינע אַקסלען זיך אָנגעהאַלטן. פון מידקייט, צי פון עפּעס אַ שפּירונג, אַ נייער, אַ דערמאָנונג, אַ זיס־סמיקער, וואָס האָט אַ מיש געטאָן אין קאָפּ — האָט זי אירע הענט געהאַלטן אויף כוכבס אַקסלען לענגער ווי זי האָט געמיינט. נאָך דעם האָט זי זיך פון אים מיט אַ מאָל אַ ריס אָפּ געטאָן:

— לאָמיר זיין פריינד, גוטע פריינד.

— וואָס דען זענען מיר? —

— כ׳מיין... פאַרבלייבן גוטע פריינד. נישט מער ווי גוטע — — —

— מרים?...

— אַזעלכע פאָרלעד ווי מיר... אונטער איין דאַך...

— אויך איין גורל.

— דעריבער... טאַקע דערפאַר..

ביידע האָבן געשוויגן. די אויסגעלאָשענע לאָמפּן פון ליידיקן זאַל, קיך און ביי־צימערן, האָבן שווערער געמאַכט די שטילקייט פון ביידע. אין דער טונקעלער שיין פון איינ־ציקן לעמפּל אין פּרוזדור, איבערן שפּיגל, זענען די שאָטנס פון מרים און כוכב געוואָרן צעפלאָסענער, לענגער.

און ביידע האָבן געזען, ווי די שאָטנס שיידן זיך. זיי האָבן זיך דערווייטערט איינער פון אַנדערן.

אין גרויסן זאַל, דעם טונקעלן, האָט דער וואַנט־זייגער געקלונגען צוועלף מאָל. צוועלף קלינג האָבן אין דער ליידי־קייט אָפּגעהילכט.

די צוועלפטע שעה פאַר ביידע.

ביכער פון זעלבן מחבר:

„זיין", לידער. פֿאַרלאַג „פֿרייהייט", מינכען, 1948.

„ברויט", ראָמאַן. (פּרעמירט פֿון יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק), פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב, 1960.

„זאַמד", ראָמאַן. פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב, 1963.